YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i37

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 37
September 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 37)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/30

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ״ז, 6).
פון מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט פאר לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

VOL. I. No. 37. | New York, Friday, September 26, 1919 | פרייטאג, 26טען סעפטעמבער | PRICE 3 CENTS

גרויסער זיעג פון דער לידיעס טיילארס יוניאן לאקאל 80

דער סעטעלמענט איז דער גרעסטער זיעג אין דער געשיכטע פון דער לידיעס טיילארס יוניאן! — די גאנצע אינדוסטריע פאלשטענדיג יוניאניזירט. — וואך־ארבייט, א 44 שטונדיגע ארבייטס-וואך און א מינימום סקייל פון 50 דאלאר א וואך איינגעפיהרט אין גאנצען טרייד. — ארבייטער זייגען באגייסטערט מיט׳ן זיעג און מיט דער יוניאן.

דער לידיעס טיילארס סטרייק אין ניו יארק איז פאלשטענדיג געענדיגט מיט א גרויסען זיעג פאר אלע ארבייטער אין דער אינדוסטריע. עס איז א האר ניט איבערטריבען צו זאגען אז דורך דעם סעטעלמענט האבען די ארבייטער געוואונען דעם גרעסטען זיעג אין דער געשיכטע פון דער לידיעס טיילארס יוניאן אין ניו יארק!

דער סעטעלמענט איז א גלענצענדער. די ארבייטער זיינען מיט איהם העכסט צופרידען, און זיינען באגייסטערט פאר דער יוניאן און דער אינטערנעשאנאל, דורך וועמעס מאכט דער גלענצענדער זיעג איז דערגרייכט געווארען אין אזא קורצער צייט, דורך א סטרייק וואס האט געדויערט בלויז א משך פון צוויי וואכען.

ווי ברודער סעמועל לעפקאוויטש, אונזער וויס-פרעזידענט, דער הויפט-פיהרער פון דעם סטרייק, גיט אונז איבער, וועט איצט דער לידיעס טיילאר טרייד אין ניו יארק זיין כמעט פולע הונדערט פראצענט ארגאניזירט און די יוניאן וועט קאנטראלירען אלע שעפער, די גרעסטע און רייכסטע אריינגערעכענט. דאס איז אפשר צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דער יוניאן, וואס א גענעראל-סטרייק איז אזוי גיך און פאלשטענדיג געסעטעלט געווארען.

די הויפט געווינסען אין דעם סעטעלמענט זיינען:

1. וואך ארבייט אין גאנצען טרייד.
2. א 44 שטונדיגע ארבייטס-וואך.
3. א מינימום סקייל פון 50 דאלער א וואך.
4. א יוניאן-שאפ מיט פאלשטענדיגער אנערקענונג פון דער יוניאן.

באזונדערס איז ווערט זיך אפצושטעלען אויף דעם פונקט פון׳ם מינימום סקייל.

דער מינימום סקייל פון 50 דאלער א וואך האט אזוי געמאכט, דאס די שכירות פון אלע ארבייטער אין טרייד האט זיך באדייטענד א הויב געטאן. די העכערונג אין שכירות איז אין דורכשניט פון 14 ביז 16 דאלער א וואך פאר אן ארבייטער.

ווי דער שטייגער איז, איז דער מינימום סקייל בלויז פאר׳ן דורכשניטליכען ארבייטער אין טרייד. קיינער טאר ניט פארדינען ווייניגער ווי 50 דאלער א וואך פאר 44 שטונדען ארבייט, אבער די בעסערע בעלי מלאכות ועלען פארדיענען מעהר. און עס איז גאנץ אינטערעסאנט, ווי אזוי די יוניאן איז וועגען דעם פונקט געקומען מיט די באסעס צו פארשטענדניס.

דאס איז געטאן געווארען אויף דעם פאלגענדען אופן:

ווען, צום ביישפיעל, אין א געוויסען שאפ איז געווען אן ארבייטער וואס האט פריהער געקראגען 34 דאלער א וואך און א צווייטער ארבייטער האט דארט געקראגען 40 דאלער א וואך, דארפען זיי ביידע באקומען דעם זעלבען רעיז אין ווייזשעס. דער וואס האט געקראגען 34 דאלער א וואך דארף באקומען 50 דאלער, און דער וואס האט געקראגען 40 דאלער א וואך, דארף איצט באקומען 56 דאלער. און דער זעלבער כלל גילט פאר יעדען ארבייטער אין דעם שאפ.

אין אנדערע ווערטער, די ארבייטער פון יעדען שאפ באזונדער באקומען די העכערונג אויף זייערע שכירות, לויט די העכערונג וואס עס באקומט דער ביליגסטער ארבייטער, ביז צום מינימום סקייל פון 50 דאלער א וואך. די זעלבע העכערונג באקומען אפילו די וועלכע האבען פריהער פארדיענט 50 דאלער א וואך, אדער מעהר. די שכירות האבען אזוי נאך זיך געהעכערט פראפארציאנעל פאר אלע ארבייטער אין דער אינדוסטריע.

אין קורצען, ווי איהר זעהט, איז דאס אזא סעטעלמענט, מיט וועלכען אלע ארבייטער זיינען צופרידען און די יוניאן בעאמטע און די יוניאן בכלל קענען זיך ווירקליך גראטולירען מיט דעם קורצען סטרייק און פיעל-באדייטענדען זיעג! באזונדערס מעגען זיך גראטולירען די פיהרער פון דעם סטרייק, וויס פרעזידענט לעפקאוויטש, די בעאמטע כאזאנאף און מאגנאטי, דער סעקרעטער פון דער יוניאן, ה. הילפמאן, דער טשערמאן פון עקזעקוטיוו באארד, ל. סאלאוויאוו און די טשערלייטע פון אלע קאמיטעס פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע.

אין אלגעמיין קאן מען זאגען, אז דאס איז געווען א וואונדערבארער סטרייק אין אלע הינזיכטען. ער האט זיך אנגעפאנגען מיט פיעל ענטוזיאזם און די באגייסטערונג איז ניט אויסגעוועפט געווארען דורך דער גאנצער צייט פון סטרייק, ווי דאס איז לײדער דער פאל אין גאר פיעלע פעלע. מען קאן זאגען דאס דער ענטוזיאזם האט אנגעהאלטען צווישען די סטרייקער די גאנצע צייט וואס דער סטרייק האט געדויערט, און ביים סעטעל־

(שלוס אויף זייט 4)

די לידיעס. טיילאר סטרייקס אין ניו הייווען און הארטפארד געהען אן

ווי מיר האבען שוין געמעלדעט לעצטע וואך, זיינען די לידיעס טיילארס און אלטערישאן שניידער פון ניו הייווען און הארטפארד ארויס אין א גענעראל סטרייק. די הויפט פאדערונגען פון די ארביטער זיינען: א 44 שטונדיגע ארבייטס-וואך און א 50 פראצענט העכערונג אין שכירות.

דער סטרייק אין די צוויי דערמאנטע שטעדט, איז אונטער דער לייטונג פון אונזער וויס-פרעזידענט און אינטערנעשאנאל ארגאנייזער סאול זיידמאן. ברודער זיידמאן טוט ארגאניזאציאנס ארבייט אין קאנעקטיקוט סטיים זייט די לעצטע עטליכע מאנאטען, צווישען די פארשידענע צווייגען אין דער לידיעס גארמענט אינדוסטרי און די ווירקונג פון דער אגיטאציע האט אויך דערגרייכט די לידיעס טיילארס און אלטערישאן שניידער פון ניו הייווען און הארטפארד.

די סטרייקס פון די לידיעס טיילארס אין די שטעדט האט דעם פולען „אינדארסמענט" פון אלע ארבייטער ארגאניזאציאנען און פראגרעסיווע פאראיינען אין ניו הייווען און הארטפארד. די סימפאטיע אפילו פון דעם אלגעמיינעם פובליקום איז אויך מיט די סטרייקער און אין ניו הייווען ווי אין הארטפארד, איז גאנץ לעבעדיג מיט די סטרייקס.

מיר האפען, דאס אויך די לידיעס טיילארס פון ניו הייווען און הארטפארד וועלען געווינען זייערע סטרייקס און זיך פארבעסערען די לאגע.

הילקוויט פריש און געזונד און ווידער מיט דער ארבייטער באוועגונג

גענאסע מאריס הילקוויט, וועלכער האט א יאהר צייט פארבראכט אין א סאניטאריום צוליעב זיין שוואכען געזונט, איז די וואך געקומען אהיים. אין גרענד סענטראל האבען איהם באגעגענט פיעלע גענאסען און פריינד.

גענאסע הילקוויט קוקט אויס געזונד, מונטער און פרעהליך און פול מיט האפנונג.

אין א געשפרעך מיט פריינד האט ער ערקלערט, אז ער פיהלט זיך געזונד און איז פול מיט האפנונג, אז ער וועט קענען ארבייטען פאר דער סאציאליסטישער באוועגונג מיט פרישע כחות.

ער האט ערקלערט, אז ער איז גאנץ אפטימיסטיש געשטימט וועגען דעם וואוקס פון דער סאציאליסטישער פארטיי. די שפאלטונג וואס איז לעצטענס פארגעקומען אין דער פארטיי איז נאך זיין מיינונג ניט קיין שטערונג פאר דער פארשפרייטונג פון דעם סאציאליסטישען אידעאל.

„איך בין ניט איינפארשטאנען מיט די קאמוניסטען", האט ער געזאגט, „אבער איך האלט זיי ניט פאר קיין שונאים פון דער סאציאליסטישער באוועגונג.

„איך האף, האט ער ווייטער געזאגט, אז די קאמוניסטען וועלען זייער קריעג ניט אריבערטראגען אין דער קאפיטאליסטישער פרעסע, ווי ס׳איז געווען דער פאל מיט אנדערע וואס זיינען ארויס פון דער פארטיי (מיינענדיג דערמיט ספארגא, ראסעל און די אנדערע)".

גענאסע הילקוויט, זייענדיג דער „ליגעל אדוויזאר" פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן, איז גוט באקאנט צו אונזערע מיטגלידער און עס וועט זיי זיכער פרעהען צו הערען די גוטע נייעס אז ער איז ווידער געזונד, פריש און מונטער און איז ווידער גרייט צו דיענען אונזער ארבייטער באוועגונג, ווי ער האט דאס געטאן אײדער ער איז קראנק געווארען. און וואס ער האט געטאן פאר דער ארבייטער באוועגונג איז אלעמען גוט באקאנט.

פרעזידענט שלעזינגער צוריק אין ניו יארק

דעם שבת, דעם 27טען סעפטעמבער, קומט פרעזידענט שלעזינגער צוריק פון זיין זיעגעס-טור צום פאסיפיק קאוסט. ברודער שלעזינגער וועט אונז זיכער ברענגען גוטע נייעס פון זיין אינטערעסאנטער רייזע אין יענע ווייטע מקומות; ער וועט אונז אודאי ברענגען גרוסען פון די לאקאל יוניאנס פון אונזער אינטערנעשאנאל, וועלכע ער האט אויפ׳ן וועג באזוכט.

מיר, פון אונזער זייט, גיבען איהם אונזער הארציגען ברוך הבא צו זיין אנקומען, צום אנפאנג פון זיין באנייטער טעטיגקייט, וועלכע איז נאך אויך שטארק נויטיג ביי אונז אין דער איסט און אין דער מידעל-וועסט.

איצטער, אז פרעזידענט שלעזינגער איז געקומען, וועלען גלייך געמאכט ווערען ארראנזשמענטס פאר דעם פערטעל־יעהרליכען מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וועלכער האט געזאלט אפגעהאלטען ווערען דעם 15טען סעפטעמבער און איז אפגעלעגט געווארען דורך שלעזינגער׳ס טור צום פאסיפיק קאוסט. אין דער נעקסטער אויסגאבע פון דער „גערעכטיגקייט" וועלען מיר באריכטען, ווען און וואו דער מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען, אויף וועלכען עס דארף אויפגענומען ווערען גאנץ וויכטיגע פראגע פראגען אין דעם לעבען פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן.

אויף דעם מיטינג וועט פרעזידענט שלעזינגער האבען א סך צו באריכטען וועגען דעם צושטאנד פון אונזערע לאקאלס איבער׳ן גאנצען לאנד, און דער באריכט וועט זיכער זיין אן אינטערעסאנטער.

אינהאלט-פארצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 37.

זייט 2. די וואך — נ. ב.
זייט 3. די איצטיגע לאגע אין דער ווייסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 25 — ל. פינקעלשטיין.
זייט 4. די אידישע קאאפעראטיווע באוועגונג — אהרן ספאלינסקי. דער מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער.
זייט 5. צוויי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25 — י. שעהנהאלץ. קוויטירונגען פון די ווייסט-שעפער פאר׳ן 100 טויזענד דאלאר פאנד. — א לשנה טובה צו די ריפערמאכער — דזש. העלער.
זייט 6. בריוולאך פון פילאדעלפיא — א. קראפעוו. עדוקיישאנאל ארבייט אין לאקאל 9.
זייט 7. די טרייד יוניאן באוועגונג פאר דעם געריכט פון די סאציאליסטישע קאנווענשאנס אין שיקאגא. — ה. לאנג. די עקספערימענט לאבאראטאריע אין וואשינגטאן — דר. מערי גאלדפארב.
זייט 8. דער קוש — טאמאס קראג.
זייט 9. באסטאנער קלאוקמאכער מאכען באנקעטען — ל. ר.
זייט 10. פון רעדאקטאר׳ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 11. די גענעראל אפענסיווע געגען דעם שטאל טראסט — א. זעלדין. האט איהר אפשר געזעהן א רעוואלוציע? (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 12. אין דער טעאטער וועלט — דער קריטיקער.
זייט 13. ימים נוראים — דר. ק. לעא. 20 יאהריגער יובילעאום פון דער „פרייע ארבייטער שטימע".
זייט 14. רייזעל׳ס קאמרי (ערצעהלונג) — מ. שמואלזאהן. דער נביא (געדיכט) — מ. סילווערמאן.
זייט 15. סך הכל פון דער ציוניסטישער קאנווענשאן אין שיקאגא — א. גלאנץ. די פרויען-וועלט — ראזע בעדריק בלינדער.
זייט 16. קורצע שמועסען.
זייט 17. ווארום מ׳דארף ווערען א בירגער.
זייטען 18 און 19 — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. אוים דעם לעבען פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין שיקאגא — ה. סקוהלמאן. וועגען דעם סעטעלמענט פון דעם קלאוקמאכער סטרייק אין לאס אנדזשעלעס.

די קאאפעראטיווע באוועגונג

פון ה. גראף

א פאר הערטער וועגען דער אידישער קאאפעראטיווער קאנווענשאן, וואס וועט באלד אפגעהאלטען ווערען אין בראנזוויל.

די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" האבען וואהרשיינליך ניט פארפעהלט צו באמערקען, אז דער אינטערעס פאר דער קאאפעראטיווער באוועגונג איז לעצטענס זעהר שטארק געשטיגען צווישען דער אידישער ארבייטערשאפט, ניט נאר אין די קלענערע שטעדט, נאר אויך אפילו אין ניו יארק, וואו מען האט שוין פאר א צייט אין גאנצען געוועזען אפגעזאגט דעם לעבען פון וועלכע עס איז קאאפעראטיווע אונטערנעהמונגען.

ווען מיט יאהרען צוריק זיינען געמאכט געווארען איינינע קאאפעראטיווע פארזוכען אין ניו יארק, וועלכע האבען זיך געענדיגט מיט מיאוס'ע דורכפעלע, האבען א גרויסע צאהל טאן־געבערס פון דער ארבייטער־באוועגונג מעהר ניט געוואלט הערען פון קאאפעראטיווע אונטערנעהמונגען, און עס איז כמעט ווי ארויפגעלעגט געווארען א חרם אויף דיעזער באוועגונג, וועלכער האט אנגעהאלטען גאנצע צוויי צעהנדליג יאהרען. אט דיעזע באוועגונג רייסט זיך יעצט ווייטער צום לעבען, און עס זעהט אויס, ווי זי וואלט אויפגעשטאנען פון קבר און מאנט איהר פלאץ אין לעבען, צום טראץ איהרע שונאים און צו דער איבערראשונג פון איהרע פריינד...

די געשיכטע פון דער ארבייטער־באוועגונג אויף יעדען געביעט איז א געשיכטע פון דורכפעלע און רואינען. נעהמען מיר, צ. ב. ש., די טרייד־יוניאן באוועגונג. אך, וויפיעל דורכפעלע, וויפיעל ענטוישונגען, וויפיעל קלעפ האט דיעזע באוועגונג געדארפט אויסשטעהן ביז זי איז געקומען צו איהר יעצטיגער שטופע. דער לעבען געהט זיך אבער זיין גאנג. די גרויסע חיה קאפיטאל האט א מערקווירדיגען אונענדליכען אפעטיט צו ליגען מיט איהרע לאפעס אויף אלע אוצרות און רייכטימער פון דער וועלט. די, וועלכע שאפען די אלע רייכטימער, ווילען אבער אויך עפעס געניסען. דאס אבער שמעקט ניט דער גרויסער חיה, און עס פאנגט זיך אן דער אייביגער קאמפף פון ארבייט געגען קאפיטאל. „ארבייט" האט א גרויסען שטעקען מיט'ן נאמען „סטרייק", גיט ער א קלאפ מיט'ן שטעקען איבער דער חיה'ס לאפעס, ווארפט זי צוריק אביסעל פון די אנגעראבעוועטע אוצרות. ארבייט ווערט לעצטענס אלע מאל קליגער, האלט אויפגעהויבען דעם שטעקען אין דער הויך פארמאסטען און איז גרייט צו געבען קלעפ, און די חיה מוז נאכאנאנד נאכגעבען. איז די חיה געפאלען אויף א נייעם פלאן. זי גיט טאקע צו „ארבייט" וויפיעל מען מוז געבען. דאן זאגט זי אזוי: הער זיך איין, טייערער פריינד ארבייט. זעהסט, דארטען, הויך אין די וואלקענס, פליהט א שווארצע פויגעלע. יענע פויגעלע רופט מען יקרות. דיעזע פויגעלע באווייזט זיך, ווען דו, „ארבייט", פארלאנגסט ביי מיר צופיעל פון מיינע אוצרות. דיעזע פויגעלע ברענגט אונגליק אויף דער וועלט. לעג אוועק דיין שטעקען, וועט די פויגעלע פארשווינדען. „ארבייט" פארקוקט זיך שטארק אין די וואלקענס, פארטראכט זיך שטארק וועגען דעם אויב די פויגעלע וועט ווירקליך פארשווינדען, אויב ער וועט אוועקלעגען דעם שטעקען. דערווייל כאפט ער זיך, אז דאס וואס די חיה האט איהם געגעבען, איז עפעס ווי פארשוואונדען פון אונטער די הענד.

די חיה שמייכעלט צופרידען. זעהסט, זאגט זי צו ארבייט: איך האב דיר געזאגט, אז די פויגעלע ברענגט אומגליק. פאלג מיר, לעג אוועק דעם שטעקען. ארבייט פיהלט אבער אינסטינקטיוו, אז ער טאר דעם שטעקען ניט אוועקלעגען. ער האט זיך איין מאל זאגאר פארמאסטען אויף דער פויגעלע. אבער גאר גרייך די וואלקענס. דערצו זעהט ער גאר ניט די פויגעלע. ער שטרענגט אן זיין בליק ווידער אין דער הויך. די חיה באנוצט זיך ווידער מיט דער געלעגענהייט און נעהמט צו צוריק דאס, וואס זי האט איהם ניט לאנג צוריק געגעבען אונטער דער דראהונג פון זיין שטעקען. און אזוי געהט עס כסדר.

וואס וועט זיין דער סוף? ארבייט וועט זיך אמאל כאפען, אז די משקה מיט דער פייגעלע איז ניט מעהר ווי אויסגעטראכט, כדי ער זאל זיך פארקוקען אין דער הויך. ער וועט בעסער קוקען ארום זיך און בעסער אויפפאסען, אז אלעס וואס ער האט געשאפען זאלען בלייבען פאר איהם צו געניסען.

די קאאפעראטיווע באוועגונג האט די אויפגאבע אויפצוקלעהרען די ארבייטער מאסען וועגען דער שענדליכער און פארברעכערישער ראלע, וואס קאפיטאל, דורך דעם סוחרים־ און ספעקולאנטען־קלאס, שפיעלט אין דער יעצטיגער געזעלשאפט. אלעס, וואס די ארבייטער ערריינגען מיט שווערע קעמפפע פון די זאגענאנטע קאפיטאנען פון דער אינדוסטריע, ווערט גלייך פארשלונגען פון דער קאפיטאליסטישען פארמיטלער קלאס. די ערשטע האלטען אין זייערע הענד די פראדוקציאנס־מיטלען און די צווייטע — די פראדוקטען.

דורך קאאפעראטיווע אונטערנעהמונגען קען מען אבער די פארמיטלער באזייטיגען, און א געוויסער טייל פון יקרות וועט מיט דעם באזייטיגט ווערען. די קאאפעראטיווע באוועגונג איז יעצט ארויסגערופען געווארען אלס רעזולטאט פון יקרות און אויך אלס רעזולטאט פון באוואוסטזיין און אויפקלעהרונג פון די ארבייטער־מאסען. מיר מוזען פארשטעהן, אז אויב מיר ווילען די פולע פרוכט פון אונזער ארבייט, מוזען מיר עס טאן אליין, און דורך קאאפעראציע קענען מיר עס באווייזען.

די אידישע קאאפעראטיווע קאנווענשאן, וועלכע ווערט דיעזען מאנאט אפגעהאלטען אין בראנזוויל, וועט געוויס געבען א גרויסען שטויס פארווערטס דעם געדאנק פון קאאפעראציאן. עס וועט דעמאנסטרירען די נויטווענדיגקייט פון דיעזער באוועגונג. די צעהנדליגע פארטראטענע געזעלשאפטען וועלען דורך זייערע דעלעגאטען דערצעהלען די איבריגע טיילען פון דער ארבייטער־באוועגונג, אז די קאאפעראטיווע באוועגונג לעבט און שטרעבט פאר די זעלבע ענדציעלען, פאר וועלכע מיר אלע קעמפפען און וועלכע מיר ערווארטען צו זעהן אין פראקטישען לעבען. האפענטליך וועלען די איבריגע טיילען פון דער ארבייטער באוועגונג אויסשטרעקען א ברידערליכע האנד אין אלע הינזיכטען און די יעצטיגע קאאפעראטיווע קאנווענשאן אין בראנזוויל וועט ווערען א שעהנער קאפיטעל געשיכטע פון דער אלגעמיינער ארבייטער־באוועגונג.

די אידישע יוניאנס, וועלכע האבען אליין דורכגעמאכט שווערע און ביטערע קעמפפע, ביז זיי זיינען געקומען צו זייער יעצטיגער שטופע. זיי דארפען געוויס באגרייפען, אז געוויסע דורכפעלע אין דער קאאפעראטיווער באוועגונג, וועט דיעזע באוועגונג ניט צוברעכען. אזוי ווי מאנכע פארלארענע סטרייקס האבען ניט געקענט צוברעכען די טרייד יוניאן באוועגונג. יעדע אידישע יוניאן דארף נעהמען אן אינטערעס אין דער יעצטיגער קאאפעראטיווער קאנווענשאן, דורך שיקען פראטוירנאל דעלעגאטען, וועלכע ווערען צוגעלאזען מיט בעראטונגס־רעכט.

די יעצטיגע קאאפעראטיווע קאנווענשאן מוז און דארף זיין א רינגעלע אין דער גרויסער קייט פון דער ארבייטער־באוועגונג אלס א גאנצע. די טרייד יוניאן באוועגונג, די סאציאליסטישע פארטיי און די קאאפעראטיווע באוועגונג מוזען העלפען איינע דער צווייטער און צוזאמען קעמפפען אויף אלע פראנטען צו פארניכטען די חיה קאפיטאל און איבערגעבען די גאנצע פארוואלטונג אין די הענד פון די, וועלכע ארבייטען און שאפען. אום זיי אליין זאלען איינארדנען אזא געזעלשאפט, וועלכע וועט ברענגען גליק און צופרידענהייט צו דער גאנצער מענשהייט.

אן אפענער בריעף צו קלאוק אפרייטארס פון לאקאל 1

ווערטע ברידער!

די ערפאהרונג וואס די טרייד יוניאן באוועגונג האט פון צעהנדליגע יאהרען פון קאמף, צייגט, דאס קיין טרייד יוניאן קען ניט זיין ערפאלגרייך אין איהרע באמיהונגען צו פארבעסערען די לאגע פון איהרע מיטגלידער ווען זי איז ניט באזארגט מיט די פינאנציעלע מיטלען אויף דורכצופיהרען איהרע קעמפפע.

די זעלבע ערפאהרונג האט אויך אונזער יוניאן פון די לעצטע קעמפפע, עס מאכט ניט אויס ווי שטארק מיר זיינען ניט געווען אין גייסטיגען און מאראלישען זין, האט זיך דאך ארויסגעצייגט א שוואכקייט זייטענס דער ארגאניזאציאן אין באצוג צו פינאנסען און דיזער פאקט האט זיכער געהאט א ווירקונג אויף דעם גאנג פון דער יוניאן.

דער דזשאינט באארד, ווי ער איז ארגאניזירט, וואלט א סך א שטארקערע ווירקונג געקענט האבען אויפ'ן טרייד ווען די יוניאן וואלט געווען פארזיכערט מיט א גרויסען סטרייק פאנד, וואס זאל מעגליך מאכען צו צאהלען סטרייק בענעפיט צו יעדען בארעכטיגטען מיטגליד.

אום דיזעס צו פארווירקליכען האט דער דזשאינט באארד רעקאמענדירט דאס יעדער מיטגליד זאל אנשטאט 25 סענט א וואך וועלכע איז קוים גענוג אויף צו דעקען די רעגעלע עקספענסעס, צאהלען 35 סענט פון וועלכע 10 סענט זאל געהן פאר א סטרייק רעזוירוו פאנד. דיזע געלדער זאל אויסדריקליך באנוצט ווערען נאר פאר א דזשענעראל סטרייק אדער לאקאוט.

די עקז. באארד פון לאקאל 1, פיהלענדיג די נויטווענדיגקייט צו עטאבלירען א פאנד, מעלדעט אייך דאס א ספעשיל לאקאל מיטינג איז איינבערופען געווארען אויף שבת דעם 20טען סעפטעמבער, אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סט. וואו די פראגע וועט פארהאנדעלט ווערען.

איהר זייט דארום אויפגעפאדערט צו אטענדען דיזען העכסט וויכטיגען מיטינג.

די עקז. באארד פון לאקאל 1.

סקוירט און דרעסמאכער לאק. 23

אויף צום

גענעראל מעמבער מיטינג

וועלכער וועט אפגעהאלטען ווערען

שבת, דעם 20טען סעפטעמבער, 1 אוהר בייטאג

אין לייבאר טעמפעל,

14טע סטריט, קארנער 2טע עווענו.

שוועסטער און ברידער, ביי דיעזען מיטינג וועט אפגעשטימט ווערען צי די דיוס זאלען געהייזט ווערען אויף 35 סענט א וואך, פון וועלכע 10 סענט זאל אוועקגעלייגט ווערען פאר א סטרייק פאנד. קומט צום מיטינג און נעמט אנטייל אין דער אפשטימונג.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23 ה. וואנדער, מענעדזשער

צעטלעך. די טענאנטס האבען זיך ניט גערי־הרט פון ארט און האבען געצאהלט רענט ניט צו א לענדלארד, נאר צו א טרעזשורער וואס זיי האבען צווישען זיך אויסגעקליבען.

ווען דער סיטי מארשאל איז געקומען מיט א באנדע „שלעפערס", האבען די סטרייקערס אהן גרויסע שוועריגקייטען איבערגעוואונען די „שלעפערס", וועלכע האבען אויך א יוניאן ניט צו שלעפען די טענאנטס בעבעכעס אויפ'ן גאס. און אז דער סיטי מארשאל איז געקומען נאך אמאל מיט ניט-יוניאן-שלעפערס, האבען די דאזיגע שלעפערס געהאט געגען זיך אי די סטרייקערס אי די יוניאן-שלעפערס. הכלל עס איז פון דעם שלעפען גארניט ארויסגעקומען, און די סטרייקערס האבען אויסגעפיהרט זייערס. זיי זיינען געבליבען וואוינען וואו זיי האבען געוואוינט, און די רענט איז געהעכערט געווארען בלויז א דרייסיג פראצענט פון דעם וואס די קאמפאני האט געפאדערט. די העכערונג איז אויך פאנאנדערגעטיילט געווארען אזוי אז די מעהר פארמעגליכע זאלען צאהלען א גרעסערען טייל.

די פרעסע האט זיך אפילו לוסטיג געמאכט איבער דעם דאזיגען סטרייק, אבער ער איז פון גאנץ גרויסער וויכטיגקייט, און וויזט, אז מען קען געווינען א סטרייק אפילו געגען די לענדלארדס און לענדלארדס-געזעצען ווען נאר מען איז גוט ארגאניזירט און מען האלט זיך אייניג.

די זיגרייכע סטרייקערס האבען ארראנזשירט א בלאק פארטי צו פייערען זייער זיעג און עס איז געווען פרעהליך אין פלאטבוש.

שאפ-קאלעקשאנס פאר דעם הונדערט טויזענד דאלאר פאנד

ווייטערע קוויטירונגען.

שאפ אברעהעם וויססמאן,
דורך קינשענבאום — — — $11.00
שאפ קארל באנוויט,
דורך בערענשטיין — — — 18.35
שאפ נ. בערמאן און הארוויטץ
דורך מש. גאלדבערג — — 8.00
שאפ ס. בעלעסקין,
דורך ספריטצער — — — 6.50
שאפ ווינאגראד און פעי
דורך סעם אבראמאוויטץ — 7.75
שאפ ה. מ. גינזבערג
דורך פה. מאסניק — — 18.75
שאפ ס. ע. ס.
דורך מ. גיבס — — — — 7.00
שאפ סאלצמאן בראס., 159 טהאמפארד עוו. — — — 15.00
שאפ העניגסבערג און גאלדמאן
דורך מילמאן — — — 6.85
האנא פראין — — — — 2.60
שאפ שויטזקאוויטץ בראס.
דורך סאלאמאן עלקין — — 30.25
שאפ ס. ליפמאן,
דורך סיעגעלבאום — — — 3.00
שאפ קאץ און קארפ
דורך מאררים בראנדינגער, 26.95
שאפ סאנשאין דערסס קא.
דורך ב. פרעינער — — 11.75
שאפ לוסטגארטען און בלאך
דורך לואיס פרענד — — 17.75
שאפ א. דאמענים
דורך דזש. גאליענא — — 11.00
עליסיט סקוירט קא. — — 15.50
פ. ר. ט. קלאוק קא. — — 14.50
ראזענבערג און טיילאר — — 12.00
לואיס פעפערקארן — — — 6.00
ארבוסמאן און וועקסלער — — 12.25
שערמאן קלאוק קא. — — 15.00
וואירטהע קלאוק קא. — — 24.00
פינקוס און גרינבאום — — 18.69

טאטאל — — — — — 320.44
פריהער קוויטירט — — — 724.79

צוזאמען — — — — — 1,045.23

פיליפ קאפלאוויטש,
טרעזש. דזש. באארד.

פאר'ן פיפעלס רעליעף.

ברודער א. ראווסקי, דער שאפ-טשערמאן פון דער פירמע איבערעהעם בראס., 71 — 5טע עוועניו, האט געבראכט אין אונזער אפיס 10 דאלער פאר'ן פיפעלס רעליעף. דאס געלד איז קאלעקטירט געווארען אלס א שטראף פון אן ארבייטער פון דעם שאפ.

די איצטיגע לאגע אין דער וועיסט מאכער יוניאן לאק. 25

פון ל. פינקעלשטיין

די וועיסט און דרעססמאכער יוניאן, לאקאל 25 פארנעהמט א זעהר אנגעזעהענעם פלאץ אין אונזער אינטערנעשאנאל און פיעלע, פיעלע לעזער פון די „גערעכטיגקייט" וועט זיכער אינטערעסירען צו וויסען, וואס עס טוט זיך איצט אין לאקאל 25, ווי אזוי דאס לעבען פולסירט דארטען, נאך דעם לעצטען פארביטערטען קאמפף, וועלכער איז אויסגעפאכטען געווארען מיט אזוי פיעל אנשטרענגונג.

עס איז א האר ניט איבערטריבען צו זאגען, דאס צוקוקענדיג זיך גענוי צו דעם לעבען אין דער יוניאן, ענטפלעקט זיך פאר אייך א בילד, פון וועלכען איהר ווערט אנגענעהם איבערראשט, זעהענדיג דעם גרויסען פראגרעס וואס דיעזע יוניאן האט געמאכט, זינט נאך דעם סעטעלמענט פון דעם לעצטען סטרייק.

די וועיסט און דרעסס מאכער יוניאן, לאקאל 25 איז אין אלע הינזיכטען איצט שטארקער און קרעפטיגער ווי זי איז דאס געווען אירגענד ווען פריהער. זי איז איצט גרעסער, שטארקער און מעכטיגער ווי פאר דעם סטרייק, און ווי אלע סמנים ווייזען, איז די יוניאן אויפ'ן ריכטיגען וועג, וועלכער פיהרט צו דעם זי זאל ווערען נאך שטארקער, סאלידער און מעכטיגער.

צו זיין אפענהארציג, איז דיעזע ענטדעקונג געווען פאר אונז א שטיקעל איבערראשונג. ווארים גלייך נאכ'ן סעטעלמענט פון דעם לעצטען סטרייק האט די זאך אויסגעזעהן גאנץ אנדערש, עס האט דעמאלט גיכער געשיינט, אורטיילענדיג פון די שטירמישע מיטינגען, און נאכדעם פון דעם זאגענאנטען „קאונסיל" אנשי-קעניש, אז די יוניאן וועט געהן ריקווערטס, אז זי וועט ווערען קלענער און שוואכער.

אבער וואס זעהען מיר איצטער?

פונקט דאס פארקעהרטע! מיר זעהען, ווי די מאכט פון דער יוניאן איז גאר דורך דער צייט געוואקסען, דאס די יוניאן איז אין אלע הינזיכטען שטארקער געווארען, דאס די מיטגלידער זיינען צו איהר געווארען מעהר צוגעבונדען און דאס זי באקומט איבער זיי אלץ א גרעסערען איינפלוס.

מיינט אבער ניט, אז דאס איז געשעהן דורך א נס. ניין! די יוניאן האט אויפגעהאלטען א קאנטראל איבער די שעפער און דער רעזולטאט איז [illegible] דאס די ארבייטער האבען דעם סיזאן זעהר גוט פארדיענט. ניט נור זיינען אויפגעהאלטען געווארען די סטאנדארדס פון'ם סעטעלמענט מיט די מאנופעקטשורערס, זאנדערן מען האט אין די מעהרסטע פעלע פארדיענט איבער דעם סטאנדארד.

עס איז אויך שטארק לויבענסווערט, וואס די אנשטרענגונג פון דער יוניאן איז געווארען אויפצוהאלטען די סטאנדארדס אין סלעק-צייט, פונקט אזוי גוט ווי אין סיזאן. די יוניאן האט געמאכט אלע אנשטרענגונגען צו פארטרייבען יענע צייט, ווען אין סלעק-צייט זאלען די ארבייטס-סטאנדארדס ווערען נידעריגער ווי אין סיזאן. די בעלי בתים וועלען דאס, נאטירליך, זיכער ניט וועלען ליידען, פונקט ווי זיי האבען ניט געוואלט ליידען, וואס דורך די צייט פון סיזאן האבען די ארבייטער אין די שעפער פארדיענט אריבער דעם סטאנדארד. אבער צי זיי ווילען דאס יע ליידען אדער זיי ווילען דאס ניט ליידען, די יוניאן איז ענטשלאסען פארצוזעצען דעם פולען קאנטראל איבער די וועיסט און דרעסס שעפער צו דער צופרידענהייט פון די מיטגליעדער. די מאטא פון דער יוניאן איז אזוי נאך געווארען: „מיר געהען מעהר ניט צוריק!" „מיר געהען פארווערטס, אימער פארווערטס!"

ווען דער לעצטער פארביטערטער סטרייק האט זיך ענדליך געענדיגט, ווען די פאר'עקשנ'טע מאנופעקטשורערס, וועלכע האבען וואכען לאנג געשריען אז זיי וועלען קיין מאל ניט מעהר פארהאנדלען מיט די פארשטעהער פון זייערע ארבייטער סיידען מען וועט זיי געבען א פרייע האנד פאר „הייער און פייער", האבען ענדליך דאך געמוזט קומען צום גרינעם טיש מיט די פארשטעהער פון די סטרייקער און מען איז געקומען צו דעם איצטיגען אויסגלייך, זיינען פיעלע סטרייקער, דעם אמת זאגענדיג, מיט דעם סעטעלמענט ניט צופרידען געווען. די בעאמטע פון אונזער אינטערנעשאנאל, ווי די לאקאל בעאמטע האבען, אמת, רעקאמענדירט די סטרייקער דעם סעטעלמענט אנצונעהמען און די מאיאריטעט מיטגליעדער האבען זיי געפאלגט, דאך אבער האבען זיך די מעהרסטע סטרייקער דעמאלט צוריקגעקעהרט ארבייטען אונטער א שווערען איינדרוק, מיט א געפיהל אז דער סעטעלמענט איז געווען ניט קיין געראטענער. מאנכע סטרייקערינס האבען דאן גאנץ אפען ארויסגעזאגט, אז די יוניאן האט דורך דעם סעטעלמענט גאר ניט געוואונען.

די בעאמטע פון דער אינטערנעשאנאל, און די לאקאל בעאמטע האבען געט'ענה'ט, דאס דער סעטעלמענט איז אן אויסגעצייכענטער, דאס עס איז געמאכט געווארען א קאמפראמיס אין די אריגינעלע פאדערונגען, אין דער פראגע פון דיסטשארדזש. די בעאמטע האבען אויך אויסגעדריקט דעם געדאנק דאס אויב די ארבייטער וועלען נור זיין אייניג אין די שעפער, אויב זיי וועלען נור פארבלייבען אין הארצען גוטע יוניאן-לייט, וועט זיך דער סעטעלמענט מוזען פארוואנדלען אין א גרויסען זיעג פאר די ארבייטער און דער יוניאן, צי די בעלי בתים וועלען דאס גלייכען אדער ניט. עס איז שוין דעמאלט באקאנט געמאכט געווארען די ענטשלאסענהייט פון דער יוניאן צו אנהאלטען א פולען קאנטראל איבער די שעפער אין טרייד אום צו פארזיכערען דעם זיעג. פיעלע מיטגליעדער האבען זיך פארהאלטען גאנץ סקעפטיש צו דעם; זיי האבען חושד געווען, אז דאס וועט מסתמא, פארבלייבען בלויז א גוטער פארשפרעכען. די פאקטען צייגען אבער, אז די וועיסט און דרעסס מאכער יוניאן האט דעם פארשפרעכען ווירקליך גוט געמאכט, ווי מען קאן עס זעהן פון דעם איצטיגען שטאנד פון דער יוניאן. די מיטגליעדער פון דער יוניאן ווייסען דאס און פיהלען דאס ארביטענדיג אין די שעפער און טאקע דאס גופא האט געהאט די גרויסע ווירקונג אויף די מיטגליעדער צום גוטען, און זיי האבען זיך א סך מעהר דערנעהנטערט צו זייער ארגאניזאציאן.

מיט-איין ווארט, די מיטגליעדער האבען זיך איינפאך איבערצייגט, דאס דער זיעג, וואס זיי האבען געוואונען דורך דעם לעצטען סטרייק איז טאקע באמת געווען א סך א גרעסערער, ווי עס האט זיך זיי אנפאנגס אויסגעוויזען און עס איז קיין צווייפעל, אז זיי זיינען פון דעם גאנץ צופריעדען.

אבער דאס איז נאך ניט אלעס. עס זיינען דא נאך אנדערע פאקטארען, וועלכע האבען, ביז א גרויסען גראד, געהויבען דעם פרעסטיזש פון דער יוניאן, צווישען, אזוי צו זאגען, די גלייכגילטיגע מיטגליעדער.

ניט וועניג האט צו דעם בייגעטראגען די גראנדיעזע אונטערנעהמונג פון אן אייגענער זומער „יוניטי"-היים אויף אזא גרויסען מאסשטאב טאקע גלייך נאך דעם שווערען, פארביטערטען קאמפף. די מיטגליעדער האבען געוואוסט אין וועלכער שווערער, געדריקטער פינאנציעלער לאגע די יוניאן האט זיך געפונען נאכ'ן סטרייק, וועלכער האט אפגעקאסט ארום א האלבען מיליאן דאלאר און טאקע גלייך האט די יוניאן אפגעקויפט דעם פראכטפאלען „פארעסט פארק האטעל", א באוואוסטער אריסטאקראטישער פלאץ, מיט אלע מעגליכע מאדערנע איינריכטונגען און באקוועמליכקייטען, אלס א זומער-היים פאר די מיטגליעדער פון דער יוניאן. דאס האט דירעקט אנגעוויזען אויף דעם גרויסען לעבענס און אונטערנעהמונגס גייסט פון דער יוניאן און געהויבען דעם פרעסטיזש. און ווען די מעמבערס, די ארבייטער מיידלעך און יונגע לייט זיינען געקומען אהין אויף זייער „וואקיישאן" און באטראכט די אמת פראכטפאלע היים וואס די יוניאן האט פאר זיי געשאפען, דורך דער מאכט פון ארגאניזאציאן און אייניגקייט, האבען זיי צו דער יוניאן גאר אן אנדער ליעבע געקראגען, זיי האבען גענומען קוקען אויף איהר מיט גאנץ אנדערע אויגען ווי פריהער. זיי האבען געזעהן, אז די יוניאן איז ווירקליך פעהיג דורכצופיהרען גרויסע טאטען און וויכטיגע אונטערנעהמונגען און דאס האט גאנץ באשטימט געמאכט א גוטע ווירקונג אויף די ברייטע מאסען מיטגליעדער.

אלזא, ארום און ארום, אי די יוניאן-אקטיוויטעט און דער קאנטראל אין די שעפער, אי דאס אנדערע האט געהאט אין זיך די טענדענץ צו שאפען א בעסערע שטימונג צווישען די גרויסע מאסען מיטגליעדער און עס האט געבראכט דער יוניאן, ווי די מיטגליעדער גופא, גלענצענדע רעזולטאטען.

נאך א באמערקענסווערטע טעטיגקייט נעהמט איצט אן אין דער יוניאן אין באצוג די „אוט או טאון" וועיסט און דרעס שעפער.

ווי די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" ווייסען געוויס, איז דיזע פראגע, נאכ'ן סעטעלמענט פון דעם לעצטען וועיסט און דרעסס סטרייק, פארבליבען, אזוי צו זאגען, אן „אפענע וואונד". מאנכע מאנופעקטשורערס אין דעם טרייד, וועלכע האבען יוניאן-שעפער אין ניו יארק האלטען אויך ניט קיין יוניאן שעפער אין מאנכע קאונטרי שטעדט און דאס איז, פארשטעהט זיך, ביז א געוויסען גראד, שעדליך פאר די ארבייטער פון די ניו יארקער יוניאן וועיסט און דרעסס שעפער. ביי'ם סעטלען דעם סטרייק אין ניו יארק האט מען בשום אופן ניט געקענט צווינגען די מאנופעקטשורערס צו יוניאניזירען זייערע שעפער אין דער קאונטרי ווי אין ניו יארק. יענע שעפער זיינען אבער א שטענדיגע געפאר פאר די ארבייטער פון די ניו יארקער שעפער און די יוניאן האט באשלאסען צו ווירקען, דאס יענע געפאר זאל ווי ווייט מעגליך פארטריבען ווערען.

די איינציגע רפואה צו דעם איז, צו ארגאניזירען יענע קאנטרי-שעפער, איינצופיהרען אין יענע שעפער די זעלבינע ארבייטס-באדינגונגען ווי אין די ניו יארקער וועיסט און דרעסס שעפער און די יוניאן האט שוין טאקע אזא קאמפיין אנגעפאנגען. דיזע ארבייט איז אבער א צו שווערע פאר דער יוניאן אליין און זי טוט עס צוזאמען מיט אונזער אינטערנעשאנאל, וועלכע איז געראדע אזוי פאראינטערעסירט די קאונטרי שעפער צו ארגאניזירען. די ארבייט איז שוין אנגעפאנגען געווארען און עס איז קיין צווייפעל, אז דאס וועט ברענגען גוטע רעזולטאטען דער יוניאן, ווי אונזער גאנצער אינטערנעשאנאל. פאר דעם צוועק ווערען אנגעשטעלט ספעציעלע, קאמפעטענטע ארגאנייזער און דיזער קאונטרי ארגאניזאציאנס-קאמפיין וועט שוין באלד זיין אין פולען גאנג.

אין דער וועיסט און דרעססמאכער יוניאן, לאקאל 25, נעהמט איצט אויך אן א לעבעדיגע באוועגונג צו עטאבלירען א „סיק בענעפיט פאנד". אויסצוהעלפען קראנקע און נויטליידענדע מיטגליעדער, און אויך אן עדיוקיישאנאל באוועגונג אנצוהאלטען די „יוניטי-סענטערס" אויף א גרעסערען מאסשטאב, ווי דאס איז געטאן געווארען פריהער.

קורץ, די יוניאן איז פול מיט א געזונטען אונטערנעהמונגס גייסט, אויף פיעלע פארשיעדענע געביטען און אומעדום, אין וועלכען ווינקעל מען ווארפט איצט א בליק, שווייבעלט און גריבעלט מיט לעבען און יוניאן-טעטיגקייט.

מיר האבען נאך דא געדארפט זאגען א ווארט, וועגען דער נייער איינשטעלונג פון די אפיסערס און דעפארטמענטס אין דער יוניאן, זינט נאך דעם לעצטען סטרייק, ווארים אויך דאס האט אהנע צווייפעל געהאט א ווירקונג צו העלפען שאפען די שטימונג וואס הערשט איצט צווישען די מיטגליעדער פון דער יוניאן, אבער דאס מוז שוין בלייבען פאר א צווייטער געלעגנהייט.

קויפמאן און ווינבערג'ס שאפ אין סינסינעטי ארגאניזירט

דער דזשאינט באארד פון דער ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן פון סינסינעטי לאזט אונז וויסען, דאס דער סקוירט און דרעס שאפ פון דער פירמע קויפמאן און ווינבערג איז לעצטענס ארגאניזירט געווארען.

לעצטען שבת, דעם 20טען סעפטעמבער, האט די פירמע אונטערגעשריבען אן אגרימענט מיט דעם דזשאינט באארד און דער שאפ איז געווארען א יוניאן-שאפ. [illegible] זיינען אין דעם שאפ באשעפטיגט 15 ארבייטער.

די וואָך

פון נ. ב.

דער סטרייק פון די שטאָל ארבייטער.

מיט א פאַרכאַפּטען אָטעם פאָלגט דאָס גאַנצע לאַנד נאָך די ענטוויקלונגען אין דעם ריזיגען שטאָהל סטרייק, וואָס האָט אויסגעבראָכען לעצטען מאָנטאָג. די פּאַסירונגען אין די ערשטע עטליכע טעג פון דעם סטרייק זיינען דערווייל נישט פון א באַשטימענדען כאַראַקטער, אזוי אז מען זאָל קענען פאָראויסזעהן ווי דער סטרייק וועט זיך ענדיגען. אז די שטאָהל אינדוסטרי איז א צוקריפּעלטע ווערט צוגעגעבען פון די שטאָהל מאַגנאַטען אַליין, אָבער אויך אז ניט אַלע ארבייטער זיינען ארויס אין סטרייק ווערט צוגעגעבען פון די פיהרער פון די סטרייקער. דאָך איז דער סטרייק אַן איבערראַשונג אי פאַר דעם טראַסט, אי פאַר די ארבייטער. מען האָט ניט ערוואַרטעט אין ביידע לאַגערען, אַז אזוי פיעל ארבייטער אין די פאַרשידענע שטאָהל פאַבריקען זאָלען פאָלגען דעם סטרייק־רוף. די קאָמיטע פון די 24 יוניאָנס פון דער שטאָהל אינדוסטריע האָבען ערוואַרטעט א פיעל קלענערע צאָהל סטרייקערס און זיי זיינען געווען אַנגענעהם איבערראַשט פון די רעזולטאַטען פון די ערשטע פאַר טעג.

אָבער די ערשטע פאַר טעג זאָגען נאָך גאָרניט. עס וועט נעהמען א שפּיק צייט איידער די לעצטע צעהלונג פון די סטרייקערס וועט קענען געמאַכט ווערען. זיכער איז עס, אז די צאָהל סטרייקער וועט פאַרגרעסערט ווערען און ניט פאַרקלענערט ווערען. זיכער איז עס אויך, אז מיט דער צאָהל ארבייטער וואָס זיינען פאַרבליבען סקעבען קען די שטאָהל אינדוסטריע לאַנג ניט אָנהאַלטען א גענוגענדען מינימום פּראָדוקציע.

און וואָס די שטאָהל סטרייקער אַליין וועלען ניט דערטאָן וועט געטאָן ווערען פון די אייזענבאַהן ארבייטער און מיינערס. שוין האָבען די אייזענבאַהן ארבייטער אין געוויסע דיסטריקטען ענטזאָגט זיך צוצושטעלען מאַטעריאַלען פאַר די שטאָהל פאַבריקען, און די מיינערס וועלען זיכער זיך ענטזאָגען צו גראָבען קוילען און אַנדערע רויהע מאַטעריאַלען פאַר דער שטאָהל אינדוסטריע. אלזא, וואָס אַנבאַלאַנגט מענשען און מאַטעריאַלען איז דער שטאָהל טראַסט אויף צרות און די ארבייטער האָבען אַלע אויסזיכטען אויף א זיג.

די שטאָהל מאַגנאַטען לעגען אָבער זייערע האָפנונגען אויף אַנדערע מיטעל. זיי דענקען אז זייערע באַליעבטע מעטאָדען פון טעראָר, מאַסען־מאָרד און גיפטיגע אַגיטאַציע וועלען אויך דעם מאָל ווירקען.

נאָך איידער דער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבען האָבען די אָפיציעלע סטרייק־קאָזאַקען צוזאַמען מיט די געדונגענע גענגסטערס פון פּענסילווייניא סטייט באַוויזען וואָס זיי קענען און וועלען טאָן אום צו ברעכען דעם סטרייק. ווען די ארבייטער האָבען זיך פאַרזאַמעלט אויף עטליכע מיטינגען לעצטען זונטאָג, א טאָג פאַר דעם סטרייק, זיינען געקומען די דאָזיגע קאָזאַקען און האָבען צוטריבען די מיטינגען און מערדערליך געשלאָגען די פאַרזאַמעלטע. און באַלד נאָך דעם ווי דער סטרייק האָט אויסגעבראָכען, זיינען אין א פּאָר סטרייק־דיסטריקטען דערשאָסען געוואָרען עטליכע סטרייקער, צווישען זיי צוויי פרויען.

מען דאַרף ניט אונטערשעצען דעם טעראָר וואָס דער שטאָהל טראַסט דענקט אַנצואווענדען געגען די סטרייקער. מען מוז געדענקען אז פיעלע שטעדט און גאַנצע סטייטס זיינען אונטער דעם דירעקטען קאָנטראָל פון דעם טראַסט און אז די גאַנצע געוואַלדמאַכט פון די דאָזיגע שטעדט און סטייטס וועט אַנגעווענדעט ווערען געגען די סטרייקערס.

דאָך איז דער סטרייק אַן איבערראַשונג אויך אויף דעם געביט. מען האָט ערוואַרטעט פיעל מעהר בלוט־פאַרגיסונג ווי עס איז דערווייל פאָרגעקומען. די סטרייקערס זיינען זעהר פאָרזיכטיג ניט צו געבען די סטרייק־קאָזאַקען און די גענגסטערס קיין געלעגענהייט זיי צו אַטאַקירען. קיין ראַיאָטען קומען ניט פאָר, און אויב עס וועט ווייטער אזוי אָנגעהן וועט עס פּשוט זיין אוממעגליך פאַר דעם טראַסט צו שפּיעלען זיין טרומף־קאַרט — טעראָר און מאַסען־מאָרד, ווארום אפילו די געהאָרכזאַמע דיענער פון די שטאָהל־מאַגנאַטען וועלען דאַרפען האָבען א שיין פון רעכטפערטיגונג פאַר זייערע אַטאַקעס אויף די סטרייקער.

און וואָס אַנבאַלאַנגט גיפטיגע פּראָפּאַגאַנדא, ווערט נאַטירליך געטאָן וואָס נאָר מעגליך. אז די פּרעסע איז מיט דעם טראַסט, איז איבעריג צו זאָגען. אז די „טיימז" פאַרדאַמט די סטרייק־פיהרער אַלס באָלשעוויקעס און אַנאַרכיסטען און ראַטעט צו באַנוצען גוואַלד געגען די סטרייקער, איז אויך קיין חידוש ניט. אָבער נאָך אַלעמען איז די אישו אזוי בולט און די שטעלונג פון דעם טראַסט אזוי ברוטאַל און נאַקעט, אז אפילו די גאַנצע פּרעסע קען ווייניג וואָס העלפען. דער עולם ווייסט, אז דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען רעוואָלוציע, נאָר וועגען די עלעמענטאַרע רעכט פון די ארבייטער צו זיין אָרגאַניזירט. דער עולם ווייסט, אז דער שטאָהל טראַסט איז די שטאַרקסטע פעסטונג פון אַנטי־יוניאָניזם אין אַמעריקא און אז גערי, דער הויפּט פון דעם טראַסט, איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם גאַנצען סטרייק, ווייל ער האָט זיך ענטזאָגט אפילו דורכצורעדען מיט די ארבייטער־פאָרשטעהער און קומען צו א פּשרה.

די אָרגאַניזירטע ארבייטער פון לאַנד באַגרייפען זיכער די וויכטיגקייט פון דעם סטרייק. זיי ווייסען אז די ארבייטער־באַוועגונג פון לאַנד קען ניט מאַכען קיין ווייטערען פאָרטשריט ווען זי לאָזט איבער הינטער זיך אזא מעכטיגע פעסטונג פון שונא ניט אַן איינגענומענע.

דאָס פאָלק איז געגען דעם טראַסט, די ארבייטער פון לאַנד זיינען מיט די סטרייקער, און עס בלייבט צו זעהן אויב די ביקסען פון די גענגסטערס און די סטרייק־קאָזאַקען וועלען קענען בייקומען די אָרגאַניזירטע ארבייטערשאַפט פון לאַנד.

* * *

היילאַן און די יוניאָן פון שטאָדט־אַנגעשטעלטע.

באַטראַכט דעם טאָג פאַר א פאַרלאָרענעם, ווען מעיאָר היילאַן באַגעהט ניט עפּעס א דומהייט אָדער העסליכקייט. לעצטע וואָך האָט ער זיך „באַריהמט" געמאַכט מיט דעם וואָס ער האָט ארויסגעשטעלט זיין קנאַפּעל אויף דער יוניאָן פון שטאָדט־אַנגעשטעלטע, וואָס איז נאָך דערווייל אין איהרע ערשטע שטופען פון ענטוויקלונג.

פּאַסירט האָט אַט וואָס:

די הונדערט טויזענד אַנגעשטעלטע פון דער שטאָדט האָבען באַשלאָסען זיך צו אָרגאַניזירען אום צו צווינגען אונזערע שטאָדט־טאַטעס זיך צוצוהערען צו זייערע פאָדערונגען פון א העכערונג אין געהאַלט, אזוי אז זיי זאָלען קענען כאָטש ווי עס ניט איז אויסקומען. די יוניאָן האָט געוואָלט איינשליסען אַלע שטאָטישע אַנגעשטעלטע, פון די טיטשערס ביז די פּאָליסלייט, פון די סטריט קלינערס ביז די באַקטעריאָלאָגען. די טעאָרעטיקער פון דער ארבייטער באַוועגונג וועלען אפשר אויסזעצען געגען אזא יוניאָן אז דאָס איז ניט קיין טרייד־יוניאָן אין ענגען זינן פון וואָרט, און אפילו די אַנהענגער פון אינדוסטריעלען יוניאָניזם וועלען אפשר ניט צוגעבען, אז דאָס איז א טיפּישער ביישפּיעל פון א „וואַן ביג יוניאָן"; אָבער די שטאָדט אַנגעשטעלטע זיינען אויסגעגאַנגען ניט אזוי די טעאָרעטישע ווי די פּראַקטישע זייט. זיי האָבען אין אזא יוניאָן געזעהן זייער איינציגע האָפנונג צו קענען צווינגען די שטאָדט אַדמיניסטראַציע צו נעהמען אין אַנבאַטראַכט די אמת שרעקליכע לאַגע פון די טויזענדער מענער און פרויען וואָס ארבייטען פאַר דער שטאָדט און צו טאָן עפּעס און באַלד אום צו פאַרבעסערען זייערע אונערטרעגליכע לאַגע.

אז די יוניאָן איז ניט באַאיינפלוסט פון ראַדיקאַלע עלעמענטען קען מען זעהן פון דעם וואָס די פּאָליסלייט און די פייערלייט האָבען זיך אַנגעשלאָסען אָן דער יוניאָן נאָכדעם ווי זיי האָבען אַנגענומען א באַשלוס ניט אַרויסצוגעהן אין סטרייק פאַר זייערע פאָדערונגען. די יוניאָן איז אויסגעוואַקסען פון דער פאַרצווייפעלטער לאַגע פון די שטאָדט־ארבייטער. נעהמט די לעהרער, צום ביישפּיעל, זיי קריגען ווייניגער ווי אָפּיס־בּאָיס אין אַנשטענדיגע אָפּיסעס. די סקול־טיטשערין מוז ניט נאָר קענען אונטערריכטען אין אַלצדינג אויף דער וועלט, פון מאַטעמאַטיק ביז מוזיק, נאָר זי מוז אויך קענען פיהרען א בכבוד'יגען לעבען און אַטענדען העכערע קורסען אויף אַכטצעהן אָדער צוואַנציג דאָלער א וואָך. אונזער מעיאָר האָט זיך געמאַכט אונשטערבליך מיט זיין געניאַלער לאָזונג פון די לעהרערס פּראָבלעם ווען ער האָט ערקלערט, אז אויב די לעהרער קענען ניט אויסקומען מיט דעם געהאַלט וואָס זיי באַקומען, מעגען זיי זיך געהן זוכען א בעסערע באַשעפטיגונג. נאַטירליך וואָלט ער אַנגעווענדעט דעם זעלבען מיטעל אויך אויף די איבריגע שטאָדט־אַנגעשטעלטע.

צוליעב אונפאַרשטענדליכע אורזאַכען האָבען זיי אָבער ניט געפאָלגט דעם מעיאָר'ס עצה און האָבען באַשלאָסען זיך בעסער צו אָרגאַניזירען. דאָס האָט היילען'ען שטאַרק פאַרדראָסען און מיט די העלדענטאַטען פון דעם באָסטאָנער מעיאָר פּריש אין זיין זכרון, האָט ער באַשלאָסען, אז קיין שפור פון יוניאָניזם זאָל ניט געדולדעט ווערען אין די שטאָדטישע אַנשטאַלטען. ער האָט באַפוילען די פאַרשידענע קאָמישאָנערס און אַנדערע העכערע באַאַמטע אַנצונעהמען שטרענגע מיטעל געגען די בונטאָווּשטשיקעס און כ־אַבעל־מאַכער, און אויב א קאָמישאָנער קען ניט אַנפיהרען די געשעפטען פון זיין דעפּאַרטמענט אָהן יוניאָנס, זאָל ער באַלד רעזיגנירען.

אונזערע קאָמישאָנערס און באָראָ פּרעזידענטס זיינען ניט קיין פאַרברענטע יוניאָן לייט סיי ווי סיי, און אז דער מעיאָר גיט אַרויס אזא אוקאַז זיינען זיי אוודאי און אוודאי צופרידען. דער ערשטער אויסצוצייכענען זיך איז געווען דער באָראָ פּרעזידענט פון קווינס קאַונטי, מר. קאָנאַלי. ווען א פאָרשטעהער פון דער „טעכניקאַל מענס יוניאָן" האָט איהם צוגעשטעלט די פאָדערונגען פון דער יוניאָן פאַר א העכערונג אין געהאַלט, האָט קאָנאַלי דעם חוצפּה'ניק באַלד סוספּענדירט. עס איז אפילו נישטאָ אזא געזעץ מען זאָל סוספּענדירען אַן אַנגעשטעלטען פאַר אזא מין טאַט, אָבער אז דער מעיאָר וויל איז דאָך ניט שייך.

דעם מעיאָר'ס שטעלונג האָט קענטיג געהאַט די געווינשטע ווירקונג אויף די שטאָדט־אַנגעשטעלטע. אייניגע פון די פיהרער האָבען זיך דערשראָקען און גענומען פאַרקירעווען דעם דישעל. אָבער די מאַסען זיינען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף דעם מעיאָר און אויף זייערע „פיהרער", און עס איז גאַנץ מעגליך, אז נאָר אין גיכען וועלען מיר ביישוואָהנען א קאַמף צווישען די הונדערט טויזענד שטאָדט־שקלאַפען און דעם נאַרישען, אונפעהיגען, רעאַקציאָנערען שקלאַפען־טרייבער, מעיאָר היילאַן.

* * *

מיינערס קאָנווענשאָן נעהמט אָן ראַדיקאַלע רעזאָלוציעס.

אויב עס איז איבערהויפּט געווען אַן אינערליכער קאַמף אויף דער קאָנווענשאָן פון די מיינערס, וואָס האָט זיך ניט לאַנג צוריק געענדיגט, איז דאָס געווען א קאַמף נישט צווישען קאָנסערוואַטיווע און ראַדיקאַלע עלעמענטען נאָר צווישען ראַדיקאַלע און גאָר־ראַדיקאַלע. די פּאָליטישע רעזאָלוציעס וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען אויף דער קאָנווענשאָן ווייזען אז די אַמעריקאַנער מיינערס זיינען פּאָליטיש און סאָציאַל שוין מעהר נישט קיין קינדער אין די וויגען נאָר טאַקע ערוואַקסענע מענשען.

די וויכטיגסטע פון אַלע רעזאָלוציעס וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען אויף דער קאָנווענשאָן איז די וואָס פאָדערט די נאַציאָנאַליזאַציע פון די מיינס. די רעזאָלוציע שלאָגט פאָר א פּלאַן וואָס איז עהנליך צום פּלאָם פּלאַן פאַר די אייזענבאַהנען. פיעלע רעזאָלוציעס האָבען געפאָדערט אז די רעזאָלוציע זאָל אויך ענטהאַלטען א פּונקט, דאָס די ארבייטער זאָלען זיך באַנוצען מיט עקאָנאָמישער אַקציאָן (פּשוט גערעדט סטרייקען), אין פאַל זייער פאָדערונג אז די מיינס זאָלען נאַציאָנאַליזירט ווערען וועט ניט נאָכגעגעבען ווערען.

א רעזאָלוציע וואָס פאָדערט די באַפרייאונג פון אַלע פּאָליטישע אַרעסטאַנטען איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען פון דער קאָנווענשאָן, און ווען נאָר א רעדנער האָט דערמאָנט דעבס' נאָמען האָט דער האָל ממש געציטערט פון אַפּלאָדיסמענטען.

דער עספּיאָנאַזש אַקט און די פאַרפאָלגונגען געגען פרעמד־שפּראַכיגע און ראַדיקאַלע שריפטען איז פון דער קאָנווענשאָן שטאַרק פאַרדאַמט געוואָרען אין פּאַסענדע רעזאָלוציעס, וועלכע זיינען איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען.

אַביסעל עגמת נפש האָבען די דעלעגאַטען געהאַט פון דעם וואָס די רעזאָלוציע, וועלכע פאָדערט א נייעם טריעל פאַר מוני און ביללינגס איז אָנגענומען געוואָרען נישט איינשטימיג. אָבער געגען דער רעזאָלוציע איז געווען בלויז איין שטימע.

דער סופּרים קאָרט פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען האָט אויף דער קאָנווענשאָן געקראָגען א פּאַרציע, אָבער נישט מעהר ווי ער פאַרדינט. איינער פון די דעלעגאַטען האָט אָנגערופען דעם סופּרים קאָרט „אַן אונפאַראַנטוואָרטליכע קערפּערשאַפט, וואָס נעהמט זיך דאָס רעכט צו מאַכען געזעצען פאַר דעם פאָלק".

היציגע דעבאַטען זיינען פאָרגעקומען וועגען א רעזאָלוציע וואָס פאָדערט אז מעמבערס פון דער „יונייטעד מיין וואָרקערס יוניאָן" זאָלען אָנווערען זייער מיטגלידערשאַפט און זאָלען קיינמאָל נישט קענען האַלטען וועלכען עס איז אַמט אין דער יוניאָן אין פאַל זיי שליסען זיך אָן אָן דער א. וו. וו. אָדער אירגענד וועלכער אָרגאַניזאַציע וואָס אַגיטירט פאַר א „וואַן ביג יוניאָן". דאָ האָט זיך דער אינערליכער שטרייט צווישען די דעלעגאַטען אַרויסגעוויזען אַם שטאַרקסטען. עס זיינען געווען א סך דעלעגאַטען, כאָטש ניט קיין א. וו. וו., וועלכע האָבען שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דער דאָזיגער רעזאָלוציע און האָבען געטענה'ט, אז דאָס מיינט אויפהויבען ארבייטער געגען ארבייטער. די רעזאָלוציע איז דורכגעגאַנגען מיט אַן אַמענדמענט וואָס וועט פאַר די לעזער פיעלייכט קלינגען מאַדנע. דער אַמענדמענט לויטעט, אז אויך די וואָס שליסען זיך אָן אָן די טשעמבערס אָוו קאָמערס זאָלען אויסגעשלאָסען ווערען פון דער יוניאָן. וואָס ארבייטער האָבען צו טאָן מיט די טשעמבערס אָוו קאָמערס דאַרף מען טאַקי זיין א חכם צו טרעפען, אָבער קלאָגען זיינען געמאַכט געוואָרען אז סיי מעמבערס און סיי באַאַמטע פון דער מיינערס יוניאָן געהערען צו אַט די ריין־באָסישע קערפּערשאַפטען. דאָס איז באַזונדערס דער פאַל אין פּענסילווייניא סטייט. ביידע צדדים זיינען איינגעגאַנגען אויף דעם דאָזיגען אַמענדמענט און די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרען.

עס איז גאַנץ מעגליך אז די מיינערס וועלען שליסען א בונד מיט די אייזענבאַהן ארבייטער און אז מיר וועלען אין גיכען האָבען אין אַמעריקאַ א מין „טריפּל אַלייענס". די מיינערס זיינען שטאַרק גענייגט צו אזא בונד, און די אייזענבאַהן ארבייטער וועלען זיכער זיך וועלען פאַרבינדען מיט איינער פון די מעכטיגסטע און פּראָגרעסיווסטע יוניאָנס אין לאַנד, בפרט נאָך אז ביידע האָבען א געמיינשאַפטליכען ציעל — די נאַציאָנאַליזאַציע פון גרונד אינדוסטריען פון לאַנד — די אייזענבאַהנען און די מיינס.

* * *

אינטערעסאַנטער סעטעלמענט פון אַן אינטערעסאַנטען סטרייק.

רענט סטרייקס זיינען אין ניו יאָרק קיין נייעס ניט. געוועהנליך ענדיגען זיך אזוינע סטרייקס מיט קנאַפּע געווינסען פאַר די סטרייקערס, ווייל דאָס געזעץ איז אויף דער זייט פון די לענדלאָרדס און פאַרטיידיגט דאָס רעכט פון פּריוואַט אייגענטום, וואָס מיינט אויך דאָס רעכט צו שינדען די הויט פאַר דירות. אָבער אז אפילו א רענט סטרייק קען געוואונען ווערען אויב נאָר ער איז גוט געפיהרט, איז באַוויזען געוואָרען לעצטע וואָך אין ברוקלין.

א ריעל עסטייט קאָמפּאַניע האָט געהעכערט די רענט אין א געוויסען דיסטריקט אין פלאַטבוש. די טענאַנטס האָבען זיך ענטזאָגט צו צאָהלען די געהעכערטע רענט. א סטרייק איז ערקלערט געוואָרען פון די טענאַנטס און די קאָמפּאַניע האָט נאַטירליך אריינגעשיקט מוד־

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

VOL. I. No. 37. New York, Friday, September 26, 1919

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

צווי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד פון דער ווייסט און דרעסמאכערס יוניאן לאקאל 25

א מיטינג פון עקז. באארד פון דער לײדיס ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן לאקאל 25 אפגעהאלטען דינסטאג אבענד, דעם 9טען סעפט. 1919, אין בעטהאווען האל. שוועסטער מאלי פרידמאן, טשער־לײדי.

א מיטטיילונג פון דעם איטאליעני־שען בראנטש ווערט פארגעלעזען, אין וועלכער זיי ערקלערען דאס אזוי ווי זיי קענען ניט קריגען קיין פארק פאר א פיק־ניק, וואלט געווען ראטזאם צו ארגאנזי־רען א גרויסע אונטערהאלטונג אין א האל. א קאמיטע באשטעהענד פון מאלי פריד־מאן, נאסי דזשוליצקי, און מאקס עסענ־פעלד ווערט ערוועהלט, וועלכע צוזאמען מיט דעם אדווייזארי באארד פון איטא־ליענישען בראנטש, זאל אויסארבייטען א פלאן פאר דער אונטערנעמונג און אריי־ברענגען רעקאמענדיישאנס צום נעקסטען מיטינג פון באארד.

א צווייטע מיטטיילונג פון איטאליע־נישען בראנטש ווערט פארגעלעזען אין וועלכער זיי פאדערען אויף דער עקז. באארד צו זעהען דאס א איטאליענישער לאקאל זאל געגרינדעט ווערען. אזוי ווי דער סעקרעטער באריכטעט דאס די קא־מיטע וועלכע איז ערוועהלט געווארען מיט דעם צוועק צו באטראכטען די ראטזאם־קייט פון גרינדען אזא לאקאל וועט מי־טען דאנערשטאג דעם 11טען סעפטעמ־בער, און עס ווערט באשלאסען איבערגע־בען די מיטטיילונג צו א קאמיטע מיט אינסטרוקציאנען אריינצוברייננען זייער באריכט ניט שפעטער ווי צום נעקסטען מיטינג פון באארד.

אויף'ן פארלאנג פון א קאמיטע פון די עמבראידערערס יוניאן לאק. 66, ווערט באשלאסען צו אינסטרואירען אונזערע מענעדזשערס און ביזנעס איידזשענטס צו זעהן דאס די עמבראידערי ארבייט אין אונזערע שעפער זאל ארויסגעגעבען ווע־רען צו יוניאן עמבראידערערס. עס ווערט אויך באשלאסען צו אפעלירען צו אונזערע שאפ טשערלײטע דורך אונזער פרעסע זיי זאלען זעהן דאס דורכצופיהרען.

דער אפיעל קאמיטע רעפארט ווערט אויפגענומען און פארהאנדעלט.

אויף'ן פארלאנג פון דער אפיעל קא־מיטע ווערען בר. ווייסגלאס און שוועס־טער דזשי־קעל מעמבערס פון דער גרי־וואנס באארדס אסיינט צו אטענדען די מיטינגען פון דער אפיעל קאמיטע, אום צו געבען אויסקינפטע וועגען גריוואנס באארד באשליסע.

באארד אוו דירעקטארס רעפארט ווערט אויפגענומען און פאלגענדעס ווערט באשלאסען: דאס 3 ביזנעס איידזשענטס זאלען צוגעזעצט ווערען אין אינדעפענ־דענט דעפארטמענט; 3 אין דרעס און קאנטראקטארס אסס'ן און 1 אין אסס'ן דעפארטמענט. די מענעדזשערס און די ברידער לייבאוויץ און קאהן ווערען בא־אויפטראגט צו געפינען פאסענדע קאנדי־דאטען.

בר. פינקעלשטיין, מענעדזשער פון אסס'ן דעפארטמענט, באריכטעט וועגען קאנפערענצען וועלכע ער האט אפגעהאל־טען מיט דער אסס'ן, וואו די פאלגענדע פראגען זיינען אויפגענומען געווארען: דיסציפלינירונג פון מעמבערס און די יו־ניאניזירונג פון שעפער.

פינאנץ און רעליעף קאמיטע רעפארט ווערט אויפגענומען און פארהאנדעלט.

ארגאניזיישאן קאמיטע רעפארט ווערט אויפגענומען. בר. וויס באריכטעט דאס פאר די לעצטע דריי וואכען זיינען 23 נייע שעפער ארגאניזירט געווארען. ער האט אויך אטענדעט צו פיעלע יוניאן שע־פער וואס זיינען ארונטערגענומען געווא־רען אין סטרייק פון אינדעפענדענט דע־פארטמענט.

דער רעפארט פון הארלעם אפיס ווערט אויפגענומען און בר. יאנדאל ווערט אינ־סטרואירט אנצוגעהן מיט דער ארגאניזא־ציאן ארבייט אין הארלעם.

א קאמיטע באשטעהענד פון ברידער גוזמאן, וויס און שוועסטער מאלי פריד־מאן ווערט אפאינטעט צו זעהן זיך מיט בר. לאקשינסקי און מאכען אראנזשא־מענטס פאר ארגאניזאציאנס ארבייט אין די בראנקס.

שוועסטער מעטיאס באריכטעט וועגען ארגאניזאציאנס ארבייט אויסער ניו יארק. עס ווערט באשלאסען צו אראנזשי־רען אן אונטערהאלטונג פאר די מעמ־בערס אין מאונט ווערנאן.

א קאמיטע באשטעהענד פון דזשעני מעטיאס, ש. גוזמאן און ב. וויס ווערט ערוועהלט צו אפאינטען ארגאניזערס פאר ניו יארק. זיי ווערען אויך אינסטרואירט צו אפאינטען אן איטאליענער ארגאנייזער פאר מאונט ווערנאן.

דער באריכט פון דער קאמיטע וואס איז ערוועהלט געווארען צו שטודירען די רעקאמענדאציאנען פון אונזער אודיטאר, ווערט אויפגענומען און גוט געהייסען.

* * *

א מיטינג פון עקז. באארד פון דער לײדיס ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן לאקאל 25 אפגעהאלטען דינסטאג דעם 16טען סעפט. אין בעטהאווען האל.

שוועסטער מעטיאס טשערלײדי.

א מיטטיילונג ווערט פארגעלעזען פון דער ניו יארק סטייט פעדעריישאן אוו לייבאר, אין וועלכער אונזער יוניאן ווערט איינגעלאדען צו אנטייל נעמען אין א קאנ־פערענץ וואס וועט שטאטפינדען אין אל־באני דאנערשטאג, פרייטאג און שבת, דעם 16טען, 17טען און 18טען אקטאבער 1919 אין דער פראגע פון אפשאפען קינדער־ארבייט. בר. פינקעלשטיין ווערט ער־וועהלט אלס דעלעגאט פון אונזער ארגא־ניזאציאן צו דער קאנפערענץ.

פינאנץ און רעליעף קאמיטעס בא־ריכט ווערט אויפגענומען און צווישען אנ־דערעס ווערט באשלאסען צו:

1) בייצושטייערען 15 דאלער צו דער אידישער נאציאנאלער יתומים הויז, וועלכע פיהרט אן א קאמפיין פאר א האל־בען מיליאן דאלער פאנד.

2) בייצושטייערען צום צווייטען מאל 100 דאלער פאר די סטרייקענדע סיגאר מאכער.

באארד אוו דירעקטארס באריכט ווערט אויפגענומען און פאלגענדעס ווערט בא־שלאסען:

1) גוט צוהייסען די האנדלונג פון באארד אוו דירעקטארס וועגען סטרייקס אין די שעפער פון לאוב און נוסבוים און די פלאזא דרעס קא.

2) צו אינסטאלירען א לייבאר ביורא.

3) דאס די אפאינטמענט פון אי־טאליענישע שאפ מיטינג אטענדענטס זאל איבערגעגעבען ווערען צו בר. אנ־טאניני.

4) בר. אליווא זאל טראנספערירט ווערען אין דאון־טאון אפיס אויף'ן פלאץ פון בר. פיער, וועלכער האט רעזיגנירט.

5) בר. מאגגיא זאל אפאינטעט ווע־רען פאר'ן בראנזוויל אפיס.

6) בר. קריוועללא זאל אפאינטעט ווערען אלס ארגאנייזער פאר מאונט ווער־נאן און בר. פרענק ליבערטי זאל טראנס־פערירט ווערען אין ברוקלין אפיס אויף קריוועלא'ס פלאץ.

7) בר. וויסענט פאציא זאל טראנס־פערירט ווערען צום 21טען סטריט אפיס.

8) די רעקאמענדאציאנען פון באארד אוו דירעקטארס דאס שוועסטער פעני דזשייקעל און ברודער יעלניק זאלען אפאינטעט ווערען אלס ביזנעס אייד־זשענטס פאר'ן אינדעפענדענט דעפארט־מענט און בר. דייווידסאן פאר דעם דרעס קאנטראקטארס אססאסיאיישאן דעפארט־מענט, ווערען גוט געהייסען.

קאלעקשאנס אין די ווייסט און דרעס שעפער פאר דעם פאנד צו באקעמפפען די רעאקציע

די ארבייטער פון:

ע. אייזענבערג	$15.00
ראש דרעס קא.	2.25
„בי קעי" ווייסט	9.10
טשעלניק און שאפירא	1.00
האללאנדער און סאקס	10.00
איידיעל טאקינג קא.	4.00
מ. ו. ווייסט קא.	16.00
גוד יעהר קאסטאם קא.	18.50
„דזשיי" ריעף	6.00
דזשיי. א. מאריס	4.00
גודשטיין פלענט	1.00
ג. סייד	5.55
ראדען און קליין (פירמעס ביי־שטייערונג)	5.00
ראזען און קליין	11.75
פרענקעל און ליטאף	8.00
אב. לעפקאוויץ	4.00
נארמאנדיע ווייסט קא.	34.00
היימאן און ראדוועל	13.75
דיקעס און גינזבערג	2,85
פייער דרעס קא.	16.50
לאיאל ווייסט קא.	10.50
האבער און שטיינבערג	6.00
פעלדמאן בראס.	6.60
„בי און טי" דרעס	11.00
נייטען גאלדבערג	6.25
ראוז פראנק	7.00
רילייעבל ווייסט קא.	5.35
ליעבערט האל ווייסט	5.00
פראמפט דרעס	12.75
אימפארט דרעס	5.50
לעא דרעס קא.	12.00
האדסאן ווייסט קא.	7.05
יונידא ווייסט קא.	6.70
מאנאגראם ווייסט	10.00
יונייטעד דרעס קא.	5.75
פלאראנעלל דרעס	5.25
פיוריטאן דרעס קא.	13.25
ע. א. דזשעקשאן	12.25
לאנדאן און פראנקפארט	4.50
דזשיי. אייזאקסאן	7.25
ריידינג דרעס	6.35
קאן און קאהן	19.10
מארק פערלמאן	14.25
וויקטארי ווייסט קא.	5.75
פאנאמא דרעס קא.	10.50
בערנארד בוש	7.50
לענטז בראס.	3.00
מאקס דיפפין	5.75
ליבערמאן, גאלדבערג און דארפ־מאן	7.50
בעדפארד ווייסט און דר. קא.	20.80
עמיליע אמאמקא (מונט ווערנאן שאפ)	7.00
ניו־וועלל דרעס	6.00
מאקס קורצראק	10.50
פאלקאן ווייסט קא.	37.00
לידינג דרעס קא.	4.50
קרינסקי און שרייבער	5.50

לעאנארד מאנופעקט. קא.	8.25
גאלד	10.50
אערא ווייסט קא.	14.30
פריעס און ריעד	31.00
וועבסטער אאראן	17.75
מייער בראס.	7.75
מר. י. מיללער (אינד.)	2.00
עקאנאמיסט דרעס	11.50
קוירליע ווייסט	9.75
ארפאוו ווייסט קא.	11.75
קרעלל דרעס	6.00
ר. נ. דרעס קא.	5.00
פעלדענטהאל בראס.	15.10
ב. היימאן ווייסט	15.50
מארגאלין און פראשיען	15.00
ה. לעווימאן	11.50
ר. ב. ראטהפיעלד	4.50
גייד דרעס קא.	5.75
מארקאוויץ און האפמאן (דורך ה. ניעדעלמאן)	10.40
טשאס און דייטש (דורך עלענאר שרייבער)	10.35
וויליאם בריל	6.00
ה. האללינגער	3.00
סמיט דרעס קא. (דורך י. הער־שאוו)	7.50
פארווארד ווייסט (דורך מאריס שעהנהאלץ)	9.85
מאקס ברוקענשטיין (אינד.)	1.00
ליפשיטץ, בעיאן, ניו דזש. (דורך ראוז קאמבאטא)	10.70
גראף און בוכמאן (דורך איידא רובין)	9.55
פ. באטלער (פון וויליאם בריל)	1.00
די ארבייטען פון —	
מאריס ברין (דורך דזשעני גאל־דען)	9.25
מ. סאבעל (דורך פ. סעראטינג)	9.25
גאלדשטיין און שניידער (דורך מר. קרייטץ)	8.25
בוים און וואולף	11.87
טשאס. פישעל (דורך דזשייקאב יאסילעווסקי)	30.50
צוקער און פיינער (דורך ארטור דעליא)	2.25
הארניק און שעפער (דורך דזשייק מארנאוו)	6.55
עקסעלענס דר. קא. (דורך סעם אפפעל)	17.00
אנעקסילד ווייסט קא. (דורך מא־ריס גינצבערגער)	8.47
אלעקס ווייסס (דורך מארגאנא אנדזשעלא)	2.50
זילווערפיין (דורך סטאוטשאנסקי)	11.46
טאטאל	910.30

י. שעהנהאלץ,

סעק. טרעזש. לײדיעס ווייסט און דרעסמייקערס יוניאן לאקאל 25

א לשנה טובה פאר די ריפער מאכער

פון דזש. העללער

מיר ווילען אייך ווינשען א גוט־יאהר. אבער מיר ווייסען ניט, אייגענטליך, וואס פאר א באגריעף איהר האט וועגען א גוט יאהר. אויב אייער וואונש איז רייך צו ווערען אין פארלויף פון נעקסטען יאהר, ווייסען מיר ניט צו אונזער וואונש קען עטוואס האבען א ווערט. ניט, חלילה, ווייל מיר פארגינען אייך ניט. פאר־קעהרט, מיר ווינשען אייך מיט'ן גאנצען הארצען, וויפיעל איהר קענט נאר פאר־טראגען. אבער וואס איז די פעולה? מיר האבען מורא, אז גאט וועט אונז ניט וועלען הערען, ווען מיר וועלען פאר אייך בע־טען רייכטום.

שטעלט זיך אליין פאר. נאך אלע־מען איז דאך גאט ניט מעהר ווי איינער און אין די לעצטע פאר יאהר איז ער דאך געווען אזוי ביזי: ער האט געמאכט א מלחמה; האט געשאפען אזוי פיעל העל־דען, לעבעדיגע און טויטע; האט צוריסען די לאנד־קארטעס פון דער גאנצער וועלט און האט געמאכט נייע; ער האט באפעה־לען, אז די מלחמה זאל אויפהערען; האט אויסגעארבייט אזא גערעכטען, אייביגען וועלט־פריעדען פאר אלע לענדער; האט פארווירקליכט דעם טרוים פון אלע נא־בעלע מענשען פון דער וועלט דורך דער באשאפונג פון א „ליגע אוו ניישאנס". היינט פארגעסט ניט די „אינפלוענזא" — גאט'ס שטראף פאר די בלוט, וואס איז פארגאסען געווארען דורך די ביטערע יאהרען פון קריעג.

און וואס איז עפעס מיט רוסלאנד? 140 מיליאן מענשען צוריסען, צוביסען, פאראריםט, פארהונגערט, איינגעשטשע־מעט איינע אין די אנדערע. צו ברענגען א פאלק צו אזא סארט גייסטיגען צושטאנד פאדערט זיך א קינסטלער א בעל־מלאכה, און א סך צייט דערצו.

נו, היינט וויבאלד ער איז אזוי „ביזי", דענקט איהר אז ער וועט נאך צייט האבען יעצט צו „באזארגען" זיך מיט אזא אונבאדייטענדען וואונש פון זיינע אונ־טערטעניגע ריפער מאכער פאר רייכטום? אה, עס איז קוים גלויבליך.

ס'קען זיין, אז ווען מיר זאלען אונ־זער וואונש פארוואנדלען אין א געבעט, וועלכער זאל דערגרייכען און דורכשפאל־טען די הימלען, און דערגרייכען ביז'ן כסא הכבוד, וואלט אונז אפשר דער האר פון דער וועלט געשענקט אביסעל אויפ־מערקזאמקייט, ווייל מיר ווייסען דאך, אז ער הערט אפילו דעם ווערימעל אונטער'ן שטיין. אבער ווי קענען מיר דאס טאן פלוצלונג, אויף דער עלטער, אנפאנגען בעטלען?

ווער קען זיך דאס איצט אנפאנגען לערנען צו יאמערען און צו וויינען? ווער קען זיך דאס יעצט פארנעהמען מיט רחמנות־גרימאסען? ווער קען זיך דאס יעצט פארנעהמען מיט דיפלאמאטיע, זא־גאר געטליכער דיפלאמאטיע, אין דער צייט ווען דיפלאמאטיע האט אזוי פיעל בלוטיגע פעהלערען געמאכט?...

ניין, ס'איז ניט ראטזאם יעצט צו בע־טען גוטע זאכען, זאגאר פון דעם אל־מעכטיגען הערשער פון הימעל. און, אגב, קענען מיר גאר ניט דיעזע קונסט.

מיר ווינשען אייך א גוט יאהר. איהר זאלט ענטוויקלען אייערע געדאנקען; איהר זאלט ענטוויקלען א לײדענשאפט פאר גערעכטיגקייט, פארשטארקערען די ליעבע איינער צום צווייטען, באררייכערען אייערע נשמות און הערצער מיט באגעה־רען פאר א שעהנערען מין מענש, אזוי אז דורך אייער ביישפיעל און די ביי־שפיעלע פון אלע אנדערע באוואוסטזיניגע ארבייטער זאל ארימקייט, טרעהרען און בלוט אפגעווישט ווערען פון אונזער ערד־קוגעל.

לשנה טובה תכתבו!

* * *

אונזער אפיעל פאר די סיגאר סטרייקערס האט געבראכט די ערשטע רעזול־טאטען. די ארבייטער פון ל. וויינשטיין בראס. האבען געזאמעלט 150 דאלאר פאר די־סטרייקער. יעדער ארבייטער פון שאפ האט געגעבען א דאלאר און אזוי איז די סומע געזאמעלט געווארען. הער טשערמאן, ברודער טענענבוים, האט אפילו געהאט אביסעל טראבעל מיט צוויי ארבייטער, וועלכע האבען גראדע ניט געוואלט געבען זייערע דאלארס, אבער עס האט זיך אויסגעפרעסט. זיי האבען אויך געגעבען.

די ארבייטער פון איזידאר ווײנשטיין און בראס. האבען געזאמעלט 50 דאלאר

די אידישע קאאפעראטיווע באוועגונג

פון אהרן סמאלינסקי

ביז מיט קנאפע אנדערטהאלבען יאהר צוריק האט כמעט קיינער ניט געגלויבט אין דער מעגליכקייט פון א אידישע קאאפעראטיווע באוועגונג. כמעט אלע האבען געוואוסט, אז דא און דארט איז געווען א קאאפעראטיווע סטאר און איז אונטערגעגאנגען. א גאנץ קליינע צאהל ווידער האט געוואוסט, אז ערגעץ־וואו געפינען זיך עטליכע קאאפעראטיווע קראמען און עטליכע אידען האבען פרנסה בריוח... ווייטער האט מען וועגען קאאפעראציע ביי אונז ניט געוואוסט. עס איז פשוט גאר קיינעם ניט איינגעפאלען צו גלויבען, אז מיר וועלען האבען א אידישע קאאפעראטיווע באוועגונג, פונקט ווי ביי אלע אנדערע פעלקער. פון די פיעלע ניט־געלונגענע קאאפעראטיווע פארזוכען, וועלכע זיינען ביי אונז געמאכט געווארען פאר די לעצטע 10—15 יאהר, האט מען צו קיין אנדערע איבערצייגונג ניט געקענט קומען. מיר האבען זיך שוין פשוט איינגעלעבט מיט'ן געדאנק, אז אידען זיינען פעהיג צו אלעם, א חוץ צו קאאפעראציע.

און ווער וויסט צו די האנד־פול אידישע קאאפעראטארס וואלטען זיך אליין ניט מיאש געווען פון זייער אידעאל, ווען ניט די געבורט פון דער אידישער קאאפעראטיווער פעדעראציע. די קאאפעראטיווע פעדעראציע איז געגרינדעט געווארען אין א צייט, ווען די אפאטיע צו דער קאאפעראטיווער באוועגונג האט ביי אונז דערגרייכט די העכסטע שטופע. הגם ניט אין קיין גינסטיגער צייט, איז פון דעסטוועגען דער פעדעראציע געלונגען אין משך פון עטליכע מאנאטען צייט אוועקצושטעלען די ערשטע פונדאמענט־שטיינער פאר א אידישער קאאפעראטיווער באוועגונג.

די אידישע קאאפעראטיווע פעדעראציע איז געגרינדעט געווארען ביים ערשטען אידישען קאאפעראטיווען קאנפערענץ וואס איז פארגעקומען ענדע יאנואר 1918, אין ניו יארק. בעאבזיכטיגט האט מען אין אנפאנג מיט דער פעדעראציע בלויז פראפאגאנדא צוועקען, אבער גאר אין גיכען איז די פעדעראציע געווארען עפעס מעהר ווי אן איינפאכער פראפאגאנדא צענטער.

אנגעפאנגען איהר טעטיגקייט האט די פעדעראציע אהן א סענט געלד. צו דער ארבייט האבען זיך גענומען מענשען אידעאליסטען, אמת'ע פיאנערען. עס איז אמת, אז קיין סך אידעאליסטישע קאאפעראטארס האבען מיר לײדער נאך ניט; אבער די קליינע צאהל קאאפעראטארס, וועלכע האבען זיך געפונען אין דער שפיץ פון דער קאאפעראטיווער פעדעראציע האבען זיך מיט א אונבאשרייבליכער עקשנות געהאלטען אויף זייער פאסטען. און עס האט ניט לאנג גענומען און די אידישע פעדעראציע איז געווארען פאפולער איבער'ן גאנצען לאנד. דער דריי־מאנאטליכער זשורנאל „די קאאפעראטיווע וועלט" וואס האט אנגעהויבען ארויסצוגעהן, האט אין גיכען דערגרייכט א צירקולאציע צווישען 5 און 6 טויזענד עקזעמפלארען. די אידישע קאאפעראטיווע פאמפלעטס וואס זיינען ארויסגעלאזען געווארען זיינען איבעראל אויפגענומען געווארען מיט דער גרעסטער באגייסטערונג.

פון איבעראל ווענדעט מען זיך צו דער קאאפעראטיווער פעדעראציע נאך הילף; דא וויל מען עפענען א גראסערי, א בעקעריי, אויף אן אנדער שטעל א בוטשער סטאר, א רעסטאראן, אויף א דריט ארט א קאאפעראטיווע באנק, א. ד. גל. דא וויל מען ליטעראטור איבער קאאפעראציע, אויף אן אנדער שטעל א לעקטשורער, אויסארבייטען א קאנסטיטוציע, איינקארפארירען די געזעלשאפט א. ד. גל. מיט איין ווארט: די פעדעראציע איז געווען דער קאאפעראטיווער צענטער.

די צווייטע אידישע קאאפעראטיווע קאנווענשאן, וואס איז פארגעקומען ענדע יוני, 1918, אין פעטערסאן, נ. דזשוירזי, האט שוין געהאט א גאנץ אנדער פנים ווי די ערשטע. ביי דיזער קאנווענשאן האט יעדער צווייפעל, צי מיר האבען א קאאפעראטיווע באוועגונג אדער ניט, געמוזט פארשווינדען. זאגאר די גרעסטע פעסימיסטען האבען געמוזט צוגעבען אז א אידישע קאאפעראטיווע באוועגונג האלט זיך אין פאנאנדערוואקסען.

די אידישע קאאפעראטיווע פעדעראציע האט זיך אונטערגענומען דורכצופיהרען די פאלגענדע דריי הויפט־אויפגאבען: 1) צו העלפען מיט ראט און טאט די עקזיסטירענדע אידישע קאאפעראטיוועס; 2) העלפען גרינדען נייע קאאפעראציעס, און 3) פארשפרייטען דעם קאאפעראטיווען געדאנק צווישען די אידישע ארבייטער מאסען. דאס זיינען אלעס זאכען אין וועלכע מיר נויטיגען זיך שטארק. אבער אום כדי דורכצופיהרען די דאזיגע אויפגאבען פאדערט זיך גרויסע אנשטרענגונגען און נאך גרעסערע געלד־מיטלען. די עקזיסטירענדע אידישע קאאפעראטיווע געזעלשאפטען זיינען—צו קליין אין צאהל און זיי זיינען אויך פינאנציעל נאך צו שוואך, אז זיי זאלען אליין קענען טראגען אויף זייערע פלייצעס די פיעל־זייטיגע אויפגאבען פון דער אידישער פעדעראציע.

האט זיך דאריבער די פעדעראציע געווענדעט מיט אן אויפרוף צו אלע ראדיקאלע ארגאניזאציעס, אז זיי זאלען איהר באהילפיג זיין אין איהר שווערער און נויטווענדיגער ארבייט. דער אויפרוף האט געהאט א גוטע ווירקונג און פריינדליכע ארגאניזאציעס האבען זיך אנגעהויבען אנצושליסען אן דער פעדעראציע. ביז איצט האבען זיך שוין אנגעשלאסען אן ערך 45 ארבייטער רינג ברענטשעס פון איבער'ן לאנד, עטליכע גרעסערע אידישע יוניאנס און איינינע צענטראלע ארבייטער קערפערשאפטען. דורך די קליינע מיטגלידערס בייטרעגע העלפען די פראטוירנאל ארגאניזאציעס זעהר א סך מיט דער פעדעראציע. מען דארף אין זינען האבען, אז די קאאפעראטיווע פעדעראציע מוז געשטיצט ווערען אזוי לאנג, ביז וואנען די לאקאלע קאאפעראטיווע געזעלשאפטען וועלען זיין אימשטאנד אליין אויסצוהאלטען זייער צענטראלע אפאראט.

לויט דער נייער קאנסטיטוציע קען אן ארבייטער רינג ברענטש זיין אנגעשלאסען אן דער קאאפעראטיווער פעדעראציע מיט 3 דאלער א יאהר דיוס, אדער העכער, נאך די מעגליכקייטען; טרייד־יוניאנס אדער צענטראלע קערפערשאפטען פון 10 דאלער אן.

היינט־צו־טאג זיינען שוין פאראן אן ערך 50 אידישע קאאפעראטיווע געזעלשאפטען, און איבער צוויי דריטעל זיינען שוין אנגעשלאסען אן דער קאאפעראטיווער פעדעראציע.

א דאנק דער פעדעראציע איז דער סענטימענט פאר קאאפעראציע שטארק געשטיגען צווישען די אידישע ארבייטער מאסען. איבער 30 נייע אידישע קאאפעראציעס האלטען זיך איצט אין גרינדען. די פעדעראציע איז פארווארפען מיט ארבייט. אלע אידישע ראדיקאלע ארגאניזאציעס מוזען גלייך צולייגען א האנד צו דיזער וויכטיגער ארבייט.

די דריטע קאנווענשאן פון אלע אידישע קאאפעראטיווע געזעלשאפטען אין די פעראייניגטע שטאאטען וועט פארקומען פרייטאג אווענט, שבת און זונטאג, דעם 26טען, 27טען און 28טען סעפטעמבער, אין בראנזווילער לייבאר לייסעאום, 229 סעקמען סט., ברוקלין, ניו יארק. זעהר ערנסטע פראגען וועלען ביי דיזער קאנווענשאן פארהאנדעלט ווערען. די עקזעקוטיוו קאמיטע פון דער קאאפעראטיווער פעדעראציע האט אויסגעארבייט געוויסע פלענער, ווי אזוי צו פארוואנדלען די אידישע קאאפעראטיווע באוועגונג אין א מ א ס ע ן ב א ו ו ע ג ו נ ג. די קאנווענשאן וועט מוזען געפינען די וועגען און מיטלען ווי אזוי די דאזיגע פלענער צו פארווירקליכען.

עס איז שוין די העכסטע צייט, אז די אידישע קאאפעראציע זאל ארויס פון די ענגע ראהמען און זאל אריין אין דער ברייטער אידישער גאס. איצט איז די גינסטיגסטע צייט פאר קאאפעראציע. פאר נאכלעסיגען דעם איצטיגען מאמענט, הייסט פארשטופען די אידישע קאאפעראטיווע באוועגונג אויף צעהנדליגע יאהרען.

ביי די אמעריקאנער, און אויך ביי אלע אנדערע פעלקער, נעהמען די טרייד־יוניאנס א שטארקען אנטייל אין קאאפעראציע. עס איז דאך שוין אזוי פיעל מאל באוויזען געווארען דאס אהן דער קאאפעראטיווער באוועגונג זיינען די טרייד־יוניאנס איינזייטיג, הילפלאז ווארים עס האט דאך קיין זינען ניט צו קעמפען פאר א רעיז ביים באס, און גלייך נאכדעם דעם זעלבען רעיז אוועקגעבען דעם סטאר קיפער, דעם לענדלארד און צו די איבריגע נ[illegible]סטיגע שותפים פון אייער באלעבאס. אויב איהר פארלאנגט א רעיז מוזט איהר גלייכצייטיג אויך אין זינען האבען, אז איהר מוזט באשאפען א מיטעל כדי דעם רעיז צו האלטען פאר ז י ך. און דער איינציגער און ווירקזאמסטער מיטעל איז — ד י ק א א פ ע ר א ט י ו ו ע ב א ו ו ע ג ו נ ג.

איהר, טרייד יוניאניסטען, מוזט זיין פאראינטערעסירט אין קאאפעראציע, פונקט ווי מיר, קאאפעראטארס. איהר טארט זיך ניט פארלאזען אין גאנצען אויף אונז, איהר מוזט אונז געבען אייער ברידערליכע האנד, הויפטזעכליך איצט, בעת מיר האלטען אין באשאפען א א י ד י ש ע ק א א פ ע ר א ט י ו ו ע מ א ס ע ן ב א ו ו ע ג ו נ ג.

און מיט דעם באוואוסטזיין, אז איהר וועט אונז סוף־כל־סוף אויסשטרעקען אייער ברידערליכע האנד, געהען מיר צו דער דריטער אידישער קאאפעראטיווער קאנווענשאן, כדי פארטצוזעצען די שווערע און פאראנטווארטליכע ארבייט, אין וועלכע מיר נויטיגען זיך אזוי שטארק.

דער מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק מאכער יוניאן

א מיטינג פון דזשאינט באארד איז אפגעהאלטען געווארען שבת, דעם 20טען סעפטעמבער, 1919.

עס ווערען אויפגענומען קאמיטעס.

א קאמיטע פון דער נעטשוראליזיישאן אייד ליגע פארלאנגט פינאנציעלע שטיצע. זיי ערקלעהרען, דאס ביז יעצט פלעגען זיי קענען עקזיסטירען דורך אונטערנעהמונגען, וועלכע קענען יעצט ניט געמאכט ווערען. זייער ארבייט איז זעהר א וויכטיגע, ווייל טויזענדער ארבייטער ווערען בירגער דורך זייער הילף. זיי ערקלעהרען אויך, דאס לויט זייערע רעקארדס זיינען איין־פינפטעל פון אלע אפליקאנטען צו ווערען בירגער מעמבערס פון אונזער אינטערנעשאנאל. זייער פארלאנג ווערט איבערגעשיקט צו דער פינאנס־קאמיטע.

א קאמיטע פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פארלאנגט שטיצע פאר די סטרייקענדע פייפער באקס מייקער סטרייקער. עס ווערט באשלאסען צו שטיצען זיי מיט 200 דאלאר.

א קאמיטע וואס ארגאניזירט דעם 20 יאהריגען יובילעאום פון דער „פרייער ארבייטער שטימע" ערקלעהרט, דאס נאך 20 יאהר עקזיסטענץ איז די צייטונג אין אזא צושטאנד, דאס זי מוז זיך ווענדען פאר הילף צו די קערפערשאפטען, וועלכע זי האט געהאלפען בויען. זיי זאמלען יעצט א פאנד פון 20 טויזענד דאלאר פאר דער ווייטערער אויסבעסערונג פון דער צייטונג. עס ווערט באשלאסען צו שטיצען די „פרייע ארבייטער שטימע" מיט 500 דאלאר.

עס ווערען פארגעלעזען צושריפטען.

לאקאל 9 לאזט וויסען, דאס זייערע מעמבערס האבען גוטגעהייסען די 25 סענט א וואך דיוס און רעקאמענדירען א רעפערענדום פאר א טעקס פון א טאג וויידזשעס.

לאקאל 11 לאזט וויסען, דאס זיי האבען גוטגעהייסען די 25 סענט א וואך דיוס.

לאקאל 82 לאזט וויסען, דאס זיי האבען באשלאסען צו העכערען אויף 35 ס. א וואך די[illegible]ס.

עס ווערט אויפגענומען דער באריכט פון באארד אוו דירעקטארס.

הערי פיעלקין, אן אפרייטאר פון ל. גאלדשטיין ערקלעהרט, דאס ער איז ארויף ארבייטען אין דיזען פלאץ פאר 60 דאלאר א וואך מיט איינעם א פארטנער און נאכהער האט איהם די פירמע געצאהלט בלויז 55 דאלאר. ער האט קאמפליינט אין אפיס און מען האט געשליכטעט, דאס ער זאל מעהר ניט קריגען ווי 55 דאלאר און דער פארטנער 60 דאלאר. דער אפיס ערקלעהרט, דאס דיעזער אפרייטאר איז ארויף צו דער ארבייט מיט 4 וואכען צוריק און האט פארלאנגט 60 דאלאר. דער באס האט איהם געזאגט ער זאל ארבייטען א וואך און נאכהער וועט ער זעהן. נאך דער וואך האט איהם דער באס געבאטען 55 דאלאר. ער איז געבליבען ארבייטען אויף טרייעל און איז נאכהער געקומען קאמפליינען, דאס ער וויל 60 דאלאר. די ארבייטער פון שאפ באשטעטיגען, אז דאס איז געווען דער פאל און די האנדלונג פון אפיס ווערט גוטגעהייסען.

עס ווערען אויפגענומען די באריכטען פון מענעדזשערס.

ברודער ניסנעוויץ רעפארטעט, דאס די פירמע פון מעזעריצקי און סטאלערמאן האט געסעקט א פרעסער. דארט ארבייט מען אויף א יעהרליכען אגרימענט און די פירמע איז אויסען, דאס די יוניאן זאל נעהמען שריטע, אום זי זאל קענען דעם אגרימענט ברעכען. עס ווערט באשלאסען איבערצושיקען די קייס צום לאיער פון דער יוניאן און קלאגען די פירמע פאר ברעכען דעם אגרימענט, ווייל דיעזע פירמע האט סעקיוריטי מיט דער יוניאן נאכצוקומען דעם ספעשעל אגרימענט.

ברודער פריזאמט באריכטעט וועגען דער טעטיגקייט פון זיין אפיס פאר'ן גאנצען סעזאן און גיט איבער א סטאטיסטיק וויפיעל שעפער און ארבייטער עס זיינען באשעפטיגט אין די שעפער.

די פראגע וועגען די אידישע יום טובים ווערט אויפגענומען. נאך דעם ווי מיר האבען געהאט זעהר פיעלע פארלאנגען צו ערלויבען צו ארבייטען זונטאגס. עס ווערט באשלאסען, דאס די ארבייטער וואס ווילען, קענען ארבייטען צוויי זונטאגס, דעם 27טען סעפטעמבער און דעם 5טען אקטאבער, אום זיי זאלען ניט פארלירען קיין צייט צוליעב די יום טובים.

ברודער זיעגמאן ערקלעהרט, דאס מיט דעם, וואס ברודער בארקאן איז געווארען דער קאמפליינט קלורק פעהלט א ביזנעס אידזשענט אויף זיין פלאץ אין דעם דאון טאון אפיס. ביז יעצט, זאגט ער, איז מען זיך באגאנגען אזוי, נאר ווי די סלעק קומט אן וועט דער פלאץ מוזען אויסגעפילט ווערען.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

ל. לאנגער, סעק.

גרויסער זיעג פון דער לײדיס טײלארס יוניאן לאקאל 80

(שלוס פון זייט 1)

מענט איז דיזער ענטוזיאזם געשטיגען נאך העכער.

לויט אלע ווארשיינליכקייטען וועט דער איצטיגער געווינס פון דער לײדיס טײלארס יוניאן, זיין א דויערנדער. ווי עס שיינט, האבען די ארבייטער אין דעם טרייד, פאר די לעצטע פאר יאהר וואס זיי זיינען ניט גוט ארגאניזירט געווען, געלערנט דעם נויטיגען לעסאן און איצט, נאך דעם סטרייק, וועט אין דער יוניאן הערשען דער זעלבער גייסט פון איינינקייט ווי אין צייט פון דעם סטרייק. עס איז צו האפען, דאס די לײדיס טײלארס יוניאן, לאקאל 80, וועט ניט נאר פארבלייבען אזוי איינינ און שטארק ווי זי איז איצט, נאר זי וועט נאך ווערען שטארקער און מעכטיגער, אום צו קאנען האבען אלץ א גרעסערען איינפלוס איבער די ארבייטער און אויפ'ן טרייד אין אלגעמיין.

ווען מיר געהען צום פרעס דערוויסען מיר זיך, דאס די פירמע היקסאן און קאמ. האט חרטה בעקראגען אויפ'ן סעטעלמענט און דער סטרייק אין דעם שאפ ווערט פארטגעזעצט. דיזע פירמע איז געווען איינע פון דער גרופע פון 20 פירמען, מיט וועלכע מען האט פארהאנדעלט קאלעקטיוו. די פירמע האט אבער, אין דער לעצטער מינוט, זיך אפגעריסען פון יענער גרופע און האט „אויסגעבעקט". דיזע האנדלונג פון דער פירמע ווערט פארדאמט ניט נאר פון די ארבייטער, זאנדערן אויך פון די אנדערע באסעס, ביי וועמען א ווארט איז א ווארט און אן אפמאך איז אן אפמאך.

עס פארשטעהט זיך, דאס די יוניאן וועט דער פירמע געבען אזא „פייט", אז זי וועט דאס לאנג האבען צו געדענקען.

ברייוולאך פון פילאדעלפיא

פון א. קראפעוו.

די וויסט און דרעסמייקערס יוניאן מאכט פארברייטונגען פאר איהר גייס־טיגען סיזאן. — מענעדזשער פון דיעזער יוניאן פארלאזט זיין אמט. — וואס ער האט געטאן פאר די ארבייטער פון דיעזען טרייד. — קלאוק און סקוירט מייקערס שטימען פאר וואך־ארבייט. — די עקזעקוטיוו ארבייטען שוין אוים די סקיילס און עס איז לעבעדיג אין די רייהען פון די ארבייטער.

די פילאדעלפיער וויסט און דרעס־מאכער יוניאן איז יעצט ביזי מאכענדיג אלע פארברייטונגען פאר'ן „גייסטיגען סי־זאן. נאר איידער איך געה ווייטער איז נויטיג אן ערקלערונג וועגען דער באדייטונג פון „גייסטיגען סיזאן".

די וויסט און דרעס מייקערס יוניאן, דארפט איהר ניט פארגעסען, איז אן ארגא־ניזאציאן, וועלכע שטעלט זיך ניט צופרי־דען מיט בלויז זארגען פאר די פארבעסע־רונג פון די עקאנאמישע לאגע פון די מעמבערס איהרע. זי שטעלט זיך ניט צו־פרידען מיט געווינען פאר זיי בלויז בע־סערע וויידזשעס, קירצערע שטונדען און אז .וו. זי געהט ווייטער: זי האט אויך שטארק אין זינען די גייסטיגע ענטוויק־לונג פון איהרע מעמבערס. זי טוט אלעס וואס מעגליך ארויסצורופען אין זיי הע־כערע שטרעבונגען, שעהנערע פארלאנגען און זיי מאכען פאר דענקענדע מענשען מיט אידעאלען, און איהר־ארבייט איז גע־קרוינט געווארען מיט גרויס ערפאלג. די יעצטיגע וויסט מייקערס זיינען ניט מעהר ווי זיי זיינען געווען אמאל. אמאל זיינען זיי געווען ניט מעהר ווי שקלאפען אין די שעפער און זיי האבען זיך גע־פונען אין א שרעקליך טרויעריגע לאגע. זיי האבען מורא געהאט זייערע קעפ אויפ־צוהויבען; זיי האבען מורא געהאט א טראכט צו געבען וועגען דעם לעבען זייע־רען וועלכער איז געווען אזוי באדויערונגס־ווערטה.

ניט אזוי איז אבער איצטער. אויסער דעם וואס זייער עקאנאמישע לאגע איז געווארען פיעל, פיעל בעסער ווי פריהער, זיינען זיי געווארען גייסטיגע מענשען, דענקענדע מענשען. איהר טרעפט אן וויסט און דרעסמייקערס געהענדיג מיט ביכער אין די הענט פון זייער אייגענער לייברערי, אדער פון פרעמדע לייברעריס; איהר טרעפט זיי געהענדיג פון אדער צו אפעראס; פון אדער צו קאנצערטען, און — אויב איהר דענקט אז זיי שטעלען זיך צופרידען מיט אבי וועלכע קאנצערטיסטען, מאכט איהר א גרויסען טעות. זיי האבען שוין „אויסגעפונען" ווער עס זיינען די סאמע גרו[illegible] דאן זען דיעזע טרעטען אויף, זיינען זיי, די וויסט און [illegible] „[illegible]סטימער", ווייל זיי זיינען געווארען נאר אנדערע מענשען; זיי קענען שוין קיין ביליגערע האבען ניט פארטראגען...

און א סך פון זיי זיינען אליין געווא־רען מוזיקאלישע מענשען.... די וויסט און דרעסמייקערס יוניאן האט אן אייגענעם מענדאלין ארקעסטער, האט אן אייגענעם כאר, און עס איז פרעהליך דארטען. דאס אבער איז נאך ניט אלעס. די יוניאן אראנזשירט יעדען ווינטער־סיזאן לעק־טשורס, און זי האט קלאסען וואו עס ווערט געלערנט ענגליש, ליטעראטור, עקאנאמי, די געשיכטע פון דער ארביי־טער באוועגונג, גימנאסטיק א. ז. וו. פאר א יאהרען האבען די וויסט מייקערס געהאט זייערע קלאסען אין איין סקוהל און היינטיגען יאהר האבען זיי אין צוויי, אין די וויליאם פען האי סקול און אין די סויטהערן האי סקול, וועלכע געפינען זיך אין פארשיידענע טיילען פון שטאדט. ווי איהר זעהט האט די יוניאן אויך א „גייס־טיגען סיזאן" און יעצט מאכען זיי זיך דאס פארטיג פאר איהם. מען דארף אלעס אראנזשירען אזוי אז אלעס זאל געהן ווי געהעריג איז אין דער פרייער צייט וואס זיי האבען.

* * *

די לעצטע פאר וואכען איז אביסעל צושטערט געווארען די שמחה פון דיעזע ארבייטער קינדער. זיי האבען געהאט א גרויסען פארלוסט. די יוניאן וועט ניט ליידען פיעל דערפון, אבער די וויסט און דרעסמייקערס פיהלען דעם פארלוסט, וואס דער מענעדזשער פון זייער יוניאן, דער בויער פון דיזער מעכטיגער אר־גאניזאציאן, א. סילווער, האט זיי פאר־לאזען. ער האט רעזיגנירט פון זיין אמט, לויט זיין ערקלערונג, צוליעב זיין געזונט, אבער אין דער צייט ווען ער וועט ניט זיין קיין באצאהלטער בעאמטער אין דער יו־ניאן, האט סילווער געזאגט, וועט ער אבער אימער בלייבען מיט איהר אין גייסט, ער וועט איהר אימער העלפען.

מיט עטליכע יאהר צוריק איז סילווער געקומען אין פילאדעלפיא און ער האט געפונען דיעזע ארבייטער אין א זעהר טרויעריגער לאגע. קיין יוניאן איז ניט געווען, נאר, ענטשולדיגט, עס איז יע גע־ווען א יוניאן, אבער ניט מעהר ווי אויפ'ן פאפיער. עס האבען באלאנגט צו איהר בלויז עטליכע מיידלאך וועלכע זיינען שוין אליין אויך געווען ענטוישט און הא־בען קיין האפנונג ניט געהאט אז עס וועט זיי ווען עס איז געלינגען צו האבען א ווירקליכע יוניאן, וועלכע זאל קענען אויס־טאן עפעס פאר די ארבייטער פון טרייד. דאס וואס די מעמבערס פון דער פאפיער־יוניאן און דאס וואס אנדערע האבען זיך ניט געקענט פארשטעלען, איז אבער געווא־רען א פאקט נאכדעם ווי סילווער איז גע־שיקט געווארען פון דער אינטערנעשא־נעל אין פילאדעלפיא. ער האט זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט מיט א מערקווירדיגער באגייסטערונג; ער האט אנגעהויבען צוזאמענקלייבען די ניט ארגא־ניזירטע ארבייטער; ער האט גערופען שאפ מיטינגען יעדען אווענט; ער האט גערעדט צו די ארבייטער, ער האט זיי גע־געבען צו פארשטעהן דאס וואס זיי האבען געדארפט וויסען און פארשטעהן. שווער איז די ארבייט געווען. מען האט גע־דארפט האבען אן אייזערנעם געדולד דער־פאר, מען האט געדארפט האבען א וועלט מיט ענערגיע, א וועלט מיט כחות, און די ארבייט איז אנגעגאנגען. אנפאנגס איז די ארבייט געווען ניט קיין גרויסער ערפאלג. די ארבייטער האבען איינפאך מורא געהאט צו קומען צו די מיטינגען, ווייל, ווען די באסעס האבען זיך דער־וואוסט אז עס איז געקומען א ספעציעלער ארגאנייזער אין פילאדעלפיא די ארביי־טער זייערע צו ארגאניזירען, האבען זיי אנגעווענדעט אלע מעגליכע מעטאדען, און אפטמאל גארניט קיין שעהנע מעטאדען, די גוטע ארבייט צו שטערען. מען האט זאגאר באמערקט אז די באסעס האבען געהאט מענשען וועלכע האבען די ארביי־טער זייערע נאכגעשפירט, און מען האט אויך אויף די נאך ניט ציעל באוואוסטע ארבייטער ניט נעקענט האבען קיין פיעל פאראיבעל פאר ניט קומען צו די שאפ מי־טינגען, ווייל דאס האט געמיינט פארלי־רען זייערע דזשאבס, און טראץ דעם וואס די דזשאבס זיינען געווען זעהר טרויעריגע, האבען די ארבייטער אבער דאך קיין בע־סערע ניט געהאט....

עס האט זיך אבער אנגעהויבען צו דערזעהן לאנד. דאס האט געגעבען סיל־ווער'ן מעהר מוט און מעהר באגייס־טערונג פאר זיין ארבייט און עס איז אין אלגעמיין געווארען פרעהליכער אין די ארבייטער רייהען. די ארבייטער האבען אליין אויך אנגעהויבען צו פארשטעהן אז נאר א מעכטיגע ארגאניזאציאן קען זיי ארויסראטעווען פון דער טרויעריגער לא־גע אין וועלכער זיי געפינען זיך, און הא־בענדיג דעם ענערגישען דזשענעראל אר־גאנייזער זייערען, סילווער, האבען זיי זיך געפיהלט פרייער; זיי האבען אנגע־הויבען זייערע קעפ אויפצוהויבען העכער, דרייסטער; זיי האבען זיך שוין אנגע־הויבען צו ערלויבען צו רעדען העכער אין שאפ, צו געבען א שמייכעל, ווייל דער גע־פיהל פון אייניגקייט האט זייערע הערצער געווארעמט, האט זייערע נשמות ברייטער געמאכט; דער נאמען „יוניאן" איז שוין געווארען א פעסווארט ביי דיעזע ארביי־טער; זיי האבען דיעזען ווארט ארויס־גערעדט אין די שעפער מיט ווייניגער מורא, און דאס האט די באסעס געמאכט אויך אביסעל נאכצודענקען...

און ארבייטענדיג פון אין דער פריה ביז שפעט אין דער נאכט, ארבייטענדיג מיט הארץ און נשמה וואך איין וואך אוים. איז די יוניאן געווארען אלץ גרעסער און שעהנער, אלץ שטארקער און מעכטיגער. אט דיעזע גרויסע און גוטע ארבייט זיינע האט סילווער'ן געגעבען אלץ מעהר כחות צו ארבייטען און ערררייכען זיין ציעל: א הונדערט פראצענט ארגאניזאציאן.

איך געדענק די צייט ווען דער ערשטער דזשענעראל סטרייק האט געדארפט אויס־ברעכען אין וויסט און דרעס טרייד. סיל־ווער האט געארבייט דערפאר, ער האט איהם געהאפט צו זעהן, ווייל ער האט גע־פיהלט אז ווען די ארבייטער וועלען ארויס אין א דזשענעראל סטרייק, וועלען זיי ער־שטענס פיהלען זייער אייגענע מאכט, און צווייטענס וועלען די באסעס דערפיהלען די מאכט פון די ארבייטער, זיי וועלען דאן ניט אזוי גרויזאם שאלטען און וואל־טען איבער זיי. טראץ דעם אבער וואס ער האט דיזען סטרייק געוואלט זעהן, האט אבער סילווער זיך שטארק געשראק־קען ווען די שטונדע האט געדארפט שלא־גען.. ער האט מורא געהאט אז די ארביי־טער וועלען זיך ניט אפרופען און דאן — ער האט זיך שטארק געשראקען פאר דעם „דאן"... די שטונדע האט אבער געשלא־גען און סילווער איז געווען א גליקליכער; דער רוף האט געווירקט און ער האט גע־זעהן די פרוכט פון זיין ארבייט.

און אזוי האט ער געפיהרט די יוניאן פון זיין זיעג צום צווייטען; די לאגע פון די ארבייטער איז געווארען אלץ בע־סער; די שטונדען זיינען געווארען קיר־צער און די אלגעמיינע צושטענדע אין די שעפער זיינען געווארען נאר אנדערע.

און סילווער האט פארשטאנען אז עס איז פון די גרעסטע וויכטיגקייט פאר די ארבייטער פון וויסט און דרעס טרייד זיי גייסטיג אלץ מעהר צו ענטוויקלען; ער האט באגריפען אז מען דארף ביי די ארבייטער ארויסרופען א אינטערעסע פאר דער יוניאן — א גייסטיגע אינטערעסע, און די יוניאן האט אנגעהויבען צו אראנ־זשירען לעקטשורס, טעאטער פארשטעלונ־גען, קאנצערטען מיט די גרעסטע קינסט־לער, און די יוניאן האט אנגעהויבען צו בילדען א מענדאלין קלאב, א כארוס, א יוניטי הויז, א לייברערי, קלאסען, א קאאפעראטיווע באוועגונג, און ענדליך א „קאפעטעריע" — אן אייגענעם זעלבסט־סערווירענדען רעסטאראנט, וועלכער איז א הערליכער פאקט שוין עטליכע וואכען.

די מעמבערס פון דער יוניאן פיהלען איצטער אז זיי זיינען ניט בלויז ארביי־טער, נאר אז זיי זיינען מעהר; זיי זיינען אויך „ריעל עסטייט לייטע" און ביזנעס לייטע... זיי פיהלען זיך שטאלץ מיט דאס וואס זיי האבען יעצט און זיי פיה־לען א מערקווירדיגע ליעבע צו זייער יו־ניאן און צו דעם וועלכער האט די צו־זעמע און צושפרייטע ארבייטער פון אמאל פאראייניגט אין איין מעכטיגע אר־גאניזאציאן

סילווער איז געווען ערפאלגרייך אין זיין ארבייט, זעהר, זעהר ערפאלגרייך, אבער, פיעל צו פארדאנקען דערפאר האט אויך די אינטערנעשאנאל לידיס גאר־מענט וואָרקערס יוניאן, איהר פרעזידענט ב. שלעזינגער, וועלכער איז געווען אין פילאדעלפיא ווען זיין אנוועזענהייט איז נויטיג געווען, און דעם „פארווערטס", וועלכער האט אונערמידליך געארבייט צו העלפען ארגאניזירען די ארבייטער.

ווי געזאגט, וועט די יוניאן ניט פיעל ליידען מיט דעם וואס סילווער האט איהר פארלאזען, ווייל די יוניאן איז פעסט ווי שטאהל און ער לאזט איהר איבער אין א מערקווירדיג גוטען צושטאנד, און צוויי־טענס, וועט סילווער אימער, ווי ער האט אליין געזאגט, זיין מיט איהר, און — די אינטערנעשאנאל וועט איבער איהר אימער וואכען.

די יוניאן האט אראנזשירט אן אב־שיעד אבענד פאר סילווערן' וועלכער וועט קירצליך זיין.

* * *

קומענדען סיזאן וועלען אלזא די קלאוק און סקוירט מייקערס פון פילא־דעלפיא ארבייטען וואך ארבייט.

די קלאוק און סקוירט מייקערס הא־בען געשטימט וועגען דער פראגע ביי א

פאר די סטרייקער און ברודער אבראמא־וויטש, דער שאפ טשערמאן, האט די געל־דער געבראכט אין אפיס.

מיר דריקען אוים אונזער דאנק צו די ארבייטער פון דיעזע שעפער און פרעגען: ווער איז נעקסט?

* * *

פאר דעם פאנד „צו באקעמפפען רע־אקציע" האבען די פאלגענדע שעפער ביי־געשטייערט: ערעלסאן און האנד — א שטונדע ארבייט, געזאמעלט דורך א. באר־קאן, 93.26; סופרים גוירלס קאוט קא., דורך ב. ארלאש, 16.75, און די ארביי־טער פון סלאפקעס און טאסקאר, דורך מ. פעטעלסאן, 6.25.

א דאנק זיי אויך.

דזש. העללער, סעק.

עדיוקיישאנ...
אין לא...

אן אפיעל פון דער
מינ...

אין אונזער לא...
לעצטע עטליכע יאה...
איינינע פארזוכען
טעטינקייט וועלכע זי...
אונזער מעמבערשיפ.
בען ניט געמאכט בי...
געוועהנליכען ערפאל...
דעם איז אימער גע...
באציהונג פון אונזע...
קען מיר אבער אז ע...
מעהר אדער ווייניג...
יעצטיגער עדיוקיישא...
האבען דעריבער בא...
סיגען ווינטער ניט
אונזער עקזעקוטיוו ב...
ערוועהלט א קאמיט...
צוטרעטען צו דער
בייטען א פראגראמ...
ארבייט פאר דעם ה...
די קאמיטע, וועל...
פאהרונג פון די לעצ...
באשלאסען אנצופאנ...
זע ארבייט אויף א
מיר האבען עס גע...
האבען נעמליך באז...
טערעסירען א גרעס...
טעלינענטע יונגע לי...
אונזער לאקאל אין
זעהען אז זיי זאלע...
צו דיזער טעטינקיי...
אין אונזער לאקאל
היבשע צאהל פון מ...
טען געוואלט עפעס
טיג, נאר פיעלע פ...
ניט די געלעגענהייט
סעקשאן מיטינגען
אינטערעסאנט פאר
ווענדען מיר זיך און
טער און ברידער: א...
מער אויסגעדריקט
דענהייט פאר וואס
ניט גענוג אויפקלע...
כע איז ווירקליך ב...
וועלכע זיים די גא...
אן דער זיים און ב...
רופען מיר יעצט.
שטעלען א גרופע...
מעמבערס וועלכע
בערנעהמען און פ...
בייט. אויב איהר ב...
גיע און ליעבע צו
דארפט איהר זיך או...
רופען.

דער סעקרעטער...
דער דערוויילינער...
זעקוטיוו באארד,
שווארץ און איזי ק...
פינען יעדען אבענ...
ארבייט אין אפיס פ...
2טע עוו., און וועל...
מען און אדרעסען
ווילען זיך אנשליסע...
קומט, אלזא, א...
ניט אן אייער נאמע...
מיר זיך צוזאמען
נויטיג ארבייט.

מיט ברודער גר...
עדיוקיישאנא...

פ...רזאמלונג וועלכע
ווארען אין ארטש...
15 הונדערט ארביי...
זיינען אנוועזענד ג...
זאמלונג ביי וועלכ...
ש. יאנאווסקי, רעד...
רעכטיגקייט". די
טרייד זיינען אלזא
די באסעס וועלען מ...
זיין... זיי וועלען
ניט האבען.

די עקזעקוטיוו...
ברענטשעס פון דער
אוים סקיילס, און
ארבייטער איז יעצט
זיך פארלוינ...
טרייד פאר דעם ק...

די טרייד יוניאן באוועגונג פאר דעם געריכט פון די סאציאליסטישע קאנווענשאנס אין שיקאגא

פון ה. לאנג

איינע פון די אורזאכען וואס האבען געפיהרט צו דער שפּאלטונג אין דער סא־ציאליסטישער פּארטיי איז אהן ספק די מיינונגס־פערשיעדענהייט אין סאציאליס־טישע קרייזען בנוגע דער טרייד יוניאן באוועגונג. עס איז דארום נאטירליך, אז ווען די סאציאליסטישע קאנווענשאנס אין שיקאגא האבען איבערגעטאשט די פּראָ־גראמען זאל אויך דער בליק אויף דער טרייד יוניאן באוועגונג ניט ווערען אוי־סענגעלאזען.

מיט וואס אלזא האט זיך עס געענ־דיגט? וואס האבען די סאציאליסטישע קאנווענשאנס גע'פסק'ענט?

דער „לינקער פליגעל“, אדער בעסער געזאגט די קאנווענשאן פון דער נייע־גע גרינדעטער קאמוניסטישער פּארטיי האט איהר שטאנדפּונקט ארויסגעזאגט קלאהר:

די טרייד יוניאן באוועגונג אזוי ווי זי איז איצט טויג ניט און דארף צוברעכען ווערען. די בעציהונג וואס די סאציאליס־טישע פּארטיי האט געהאט צו די יוניאנס ביז איצט מוז געביטען ווערען. די קאמו־ניסטישע פּארטיי וועט אזא בעציהונג ניט האבען. די קאמוניסטישע פּארטיי גלויבט ניט אין זיין „נייטראל“ און שטענדיג זיך האלטען פאר דעם פּרינציפּ: „מיר מישען זיך ניט אין די איבערליכע אנגעלעגענהיי־טען פון די יוניאנס“. די קאמוניסטישע פּארטיי זאגט: „מיר מישען זיך יא. מיר וועלען אריינדרינגען אין די יוניאנס און אויפהויבען א קאמף געגען דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר. אונז געפעהלט ניט איהר ארגאניזאציאנס־סיסטעם און איהרע פּאליסים בעטראכטען מיר פאר קאפּיטאליסטיש.

אט וואס די אפּיציעלע רעזאלוציאן פון דער קאמוניסטישער קאנווענשאן זאגט וועגען דער טרייד יוניאן בעוועגונג:

„די קאמוניסטישע פּארטיי מוז אנ־פאנגען א קאמף צו רעוואלוציאניזירען די יוניאנס. זי מוז אויפקלעהרען די אר־בייטער, אז די אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר איז רעאקציאנער, זי איז פּאק־טיש א שונא די ארבייטער און זי דיענט דעם קאפּיטאליזם.

„עס איז נויטיג, אז אין די יוניאנס זאלען ארגאניזירט ווערען „קאונסעלס“. די „קאונסעלס“ פון די בעזונדערע יונ־יאנס דארפען זיך פעראייניגען אין א „צענטראלען קאונסעל“ וואס זאל האלטען די אגרעסיווע עלעמענטען פון די יוניאנס אין א שטענדיגער מאביליזאציע, סאי פאר דעם קאמף אין די יוניאנס גופא און סאי מיט דעם קאפּיטאליסטישען שונא.

„די אויפגאבע פון דער קאמוניסטי־שער פּארטיי איז אויפצובויען אן אלגע־מיינע אינדוסטריעלע ארגאניזאציאן, וועלכע זאל איינשליסען די אינדעפּענ־דענט יוניאנס, די שוין פון דער אמערי־קאן פעדערעישאן אוו לייבאר אפּגעריסע־נע יוניאנס און די א. וו. וו. די קאמוניס־טישע פּארטיי דארף אויך זעהן, אז די רעוואלוציאנערע יוניאנס וועלכע זיינען נאך אין די רייהען פון דער א. פ. אוו ל. זאלען איהר וואס שנעלער פערלאזען און זיך איינשליסען אין איהר געפּלאנטער אינדאסטריעלער ארגאניזאציאן.“

אט דאס האט געזאגט די קאמוניסטי־שע קאנווענשאן.

וואס האט געזאגט די סאציאליסטישע די אמת'ע פּארטיי קאנווענשאן?

אין איהר קריטיק אויף דער טרייד יוניאן בעוועגונג איז זי עהנליך צו דער קריטיק פון די „קאמוניסטען“. זי גע־ברויכט אפילו כמעט דיעזעלבע שפּראך. זי זאגט אבער, אז סאציאליסטען דאר־פען בלייבען ביי זייער אלטער טאקטיק און פון איינדרינגען אין די יוניאנס און ברעכען זיי און פּראבירען זיי איבערבויען דארף יעדער סאציאליסט אין גאנצען זיך אפּשאקלען.

ביידע אלזא קריטיקירען די טרייד יונ־יאן באוועגונג אויף איין און דעמזעלבען שטייגער. זיי געהען זיך אבער פונאנדער אין דעם וואס עס וואלט געדארפט גע־טהאן ווערען.

זאגט די קאמוניסטישע קאנווענשאן: מ'דארף די טרייד יוניאן בעוועגונג אזוי ווי זי איז איצט צוברעכען און פּראבירען אויפבויען עפּעס אנדערש, עפּעס נייעס. די סאציאליסטישע קאנווענשאן זאגט: ניין, ברעכען ניט. די צייט וועט ממילא ענדערען דעם געבוי און די פּאליסים פון די יוניאנס. אלעס וואס מ'דארף טהאן איז אגיטירען, זעהן אז די גרויסע מאסע ארבייטער אליין זאל געפינען פאר נויטיג איבערצובויען און זיך פערנעהמען אויף אן אנדער וועג.

ביי ביידע קאנווענשאנס איז אלזא די טרייד יוניאן בעוועגונג געשטעלט געוואָ־רען צו א געריכט און ביידע האבען ארויסגעגעבען זייער פּסק דין. וואס פאר א פּסק דין זאלען סאציאליסטישע יוניאנס לייט אננעהמען?

קיין האלבע ענטפערס קען מען אויף דער פראגע ניט געבען.

די פראגע איז קלאהר: זאלען מיר אנ־פאנגען א פערניכטונגס־בעוועגונג אין די יוניאנס?

פערנינפטיגע מענשען וועלען זיכער זיך שטעלען אויף דער זייט פון דער סא־ציאליסטישער פּארטיי און ניט אויף דער זייט פון דער קאמוניסטישער, כאטש עס איז שווער צו זיין איינפערשטאנען אין גאנצען אפילו מיט די רעזאלוציעס פון דער סאציאליסטישער פּארטיי. עס איז א גרויסע פראגע צי דער פערדאמונגס־כא־ראקטער אויף דער א. פ. אוו ל. אין מאנ־כע טהיילען פון די סאציאליסטישע רע־זאלוציעס איז א בערעכטיגטער. די שלאג־ווערטלעך „קרעפט יוניאניזם“ און „אינ־דאסטריאליזם“ זיינען ניט קלאהר פאר־מולירט און א שמייכעל רופט ארויס אויף דער טהייל פון דער רעזאלוציע וואו עס רעדט זיך וועגען ארגאניזירען די „אנ־סקילד“ ארבייטער. אבער די סאציאליס־טישע פּארטיי רעדט דאך ניט פון צושטע־רען און ארויסרופען ברודער־מלחמות! סאציאליסטישע יוניאן לייט וועלכע ווי־סען וויפיעל קרבנות עס זיינען געפאלען ביים אויפבויען די יוניאנס און וועלכע האבען בכלל א ניכטערען בליק וועלען אזא די קאמוניסטישע פּארטיי ניט שטיצען.

אייגענטליך איז דער גאנצער פּראָ־גראם פון דער קאמוניסטישער פּארטיי גע־בויט אויף אנצופיהרען א קאמף געגען דעם איצטיגען געבוי און פּאליסים פון דער טרייד יוניאן בעוועגונג. ארבייט אויף דעם פּאליטישען פעלד בעטראכטען די קאמו־ניסטען פאר ניט פיעל וויכטיג. זיי ווי־לען איבערהויפּט וועניג וואס האבען צו טהאן מיט די קאפּיטאליסטישע געזעצ־געבענדע קערפּערשאפטען. די איינציגע וואפע וואס די ארבייטער דארפען געברוי־כען אין זייער קאמף מיט'ן קאפּיטאליזם איז דער סטרייק געפיהרט פון איין גרוי־סער יוניאן, לויט דעם מוסטער וואס זיי די קאמוניסטען וועלען אויסארבייטען.

די טהעטיגקייט פון דער קאמוניסטי־שער פּארטיי איז אלזא אין גאנצען גע־ווענדעט אויף דעם עקאנאמישען פעלד. נאטירליך מוז זי שוין צוליעב דעם קומען אין א צוזאמענשטויס מיט דער איצטיגער טרייד יוניאן בעוועגונג און מיט דעם ווע־לען יוניאן לייט קיינמאהל ניט איינשטי־מען.

מיר האבען פריהער דערמאהנט, אז בנוגע דער טרייד יוניאן באוועגונג איז שווער צו זיין איינפערשטאנען מיט מאנ־כע טהיילען פון די רעזאלוציעס אפילו פון דער סאציאליסטישער פּארטיי. מיר ווי־לען דא אנווייזען אויף נאך א רעזאלו־ציע וואס האט א שייכות מיט יוניאנס און וואס וואלט פון דער סאציאליסטישער פּארטיי קאנווענשאן געדארפט אנדערש „געהענדעלט“ ווערען. מיר מיינען דא די רעזאלוציע וועגען דעם ניי־געפּלאנטען סטרייק פאר טהאמאס מוני.

אט ווי דער בעריכט וועגען דער רע־זאלוציאן איז פון געג. הלל ראגאף אי־בערגעגעבען געוואָרען אין „פאָרווערטס“ פון 4טען סעפּטעמבער:

„זעהר א שטארקע רעזאלוציאן איז אנגענומען געוואָרען פאר מוני'ן. די רע־זאלוציאן ערקלעהרט, אז לויט די אלע גרינדליכע אונטערזוכונגען, וועלכע זיינען געמאכט געוואָרען פון פערשיעדענע קווע־לען איז בעוויזען געוואָרען, אז מוני איז אומשולדיג און דעריבער פארפליכטעט זיך די סאציאליסטישע פּארטיי צו טהאן אלעס מעגליכע צו בעפרייען מוני'ן פון פּריזאן און זי פאדערט אויף אלע ארבייטער און אלע מיט־גליעדער פון דער סאצ. פּארטיי צו אונטערשטיצען דעם גענעראל סטרייק, וועלכער ווערט גערופען אויף דעם 8טען אקטאבער, אום צו פאדערען די בעפריי־אונג פון מוני.

עס ווערט אבער געזאגט, אז די אונ־טערשטיצונג פאר א גענעראל סטרייק זאל געגעבען ווערען דאן, ווען עס וועט זיך ארויסווייזען, אז דער סטרייק קען ווירק־ליך זיין אן אלגעמיינער און וועט האבען א מעגליכקייט צו זיין אזוי איינדרוקספאל ווי עס בעדארף צו זיין“.

די ערשטע העלפט פון דער רעזאלו־ציאן וואו עס רעדט זיך וועגען מוני'ס אונשולד איז געוויס אם פּלאטץ. אבער דער צורוף צו דעם ניי־געפּלאנטען סטרייק און נאר דאן, ווען עס וועט זיך ארויס־ווייזען אז דער סטרייק וועט זיין אן אל־געמיינער מוז ארויסרופען א ביטערען שמייכעל.

ממה נפשך: אדער א מוני־סטרייק איז נויטיג, און דאן דארף פאר דעם אגיטירט ווערען מיט רעוואלוציאנערער ליידענשאפט, אדער די גאנצע סטרייק בעוועגונג פאר מוני איז א פארם וואס ווערט געשפּיעלט פון אוואנטוריסטען און דארף פון א סאציאליסטישע פּארטיי קאנווענשאן קיין הסכמה ניט קריגען. אויב שוין ווידער געבען אן הסכמה, ווארום בלייבען שטעהן אין מיטען וועג?

דער איינדרוק איז, אז וואס עס איז שייך די טרייד יוניאן בעוועגונג, האט אפילו די סאציאליסטישע קאנווענשאן ניט געגעבען קיין געהעריגע בעטראכטונג. עס קומט איהר אבער קרעדיט, וואס טראָץ דעם ווינט פון „לינקיזם“ איז זי ארויס־געקומען מיט א ווארנונג געגען שטע־רונגס־ארבייט אין די יוניאנס.

די עקספּערימענט לאבאראטאריע פון אמעריקא

(א בריעף פון וואשינגטאן)

פון דר. מערי גאלדפארב.

אז מען הויבט זיך אן אריינטראכטען אין דער געשיכטע, וואס עס טוט זיך איצט אפּ מיט דער פראגע פון דער יונ־יאניזירונג פון דער היגער פּאליציי, גלויבט זיך פּשוט ניט די אויגען, ניט די אויערען. וואס פאר אן ענדערונג עס איז פארגעקומען אין אונזער שטאדט, וועלכע איז אין א סך ענינים דער סימבאל פון דעם, וואס וועט שפּעטער פּאסירען אי־בער'ן גאנצען לאנד! די וואס האבען ניט געוואוינט אין וואשינגטאן די לעצטע צעהן יאהר אפילו, און ספּעציעל די וואס זיינען ניט געווען כאטש ווי וועניג ענג פארבונדען מיט דער רעגירונגס־ארבייט דא, קענען עס קוים באגרייפען וואס פאר א פארטשריט דאס מיינט, און ווי ווייט מיר זיינען עס אזוי שנעל פארקראכען. איך בין אסור געווען איבערראשט צו הע־רען די רעדעס פון די סענאטארס מייערס און טאמאס און זייער גלייכען אין סע־נאט, וואו זיי האבען אפען פארזיכערט אונזערע „הויכע“ געזעצמאכער, אז די דאזיגע באוועגונג אין וואשינגטאן וועט פיהרען צו א סאוועט־סיסטעם אין אמע־ריקא און ניט מעהר ווי אין צוויי יאהר. און פארגעסט ניט, קיין אנדער זאך האט זיי ניט באוואויגען אזעלכע ווערטער ארויסצוריידען ביז עס איז געקומען צו די וואשינגטאנער פּאליסלייט — מעגען זיך זיין אזעלכע יוניאנס אומעטום, מע־גען פּאליסלייט אפילו סטרייקען, און דאך איז עס ווייט ניט אזוי רעוואלוציאנירענד ווי עס באדייטעט די זאך דא ביי אונז אין דער „קעפּיטאל“.

די, וואס מיינען, אז די זאך האט זיך אנגעפאנגען מיט דער היגער פּאליציי, אדער אז גראדע אין זיי ליגט די הויפּט־געפאהר, מאכען א גרויסען טעות: ניין, דערביי איז פארבונדען א גרעסערע גע־פאהר, א ברייטערער פונקט, וואס נעהמט אריין ניט נאר די היגע פּאליציי, נאר אלע היגע שטאדטישע רעגירונגס אנגע־שטעלטע — די פייערלייט, די טיטשערס, די קלויערקס א. ד. גל. און דערגרייכט נאך ווייטער, און נעהמט אריין אלע רעגי־רונגס־אנגעשטעלטע פון גאנץ אמעריקא, מיט וואשינגטאן בראש, און ציהט זיך נאך ברייטער און ברייטער, ווי עס וועט אין דיעזער סעריע ארטיקלען אנגעוויזען ווערן.

עס איז מיין צוועק, — אויף דער איינלאדונג פון פריינד יאנאָווסקי, — צו ערקלעהרען אט די דאזיגע אלע טענדענ־צען; געבען, ווי ווייט מעגליך, זייער היס־טארישע ענטוויקלונגען און באדייטונגען, און אינ'ם לויף פון דיעזער סעריע ווע־לען אלע נויטיגע פראגען שוין אליין גע־ענטפערט ווערען. דערמיט וועט זיך שוין ארויסווייזען געוויסע אינטערעסאנ־טע פּאליטישע אינצידענטען און ערשיי־נונגען, וואס זיינען כדאי צו וויסען. עס וועט זיין קלאר, אז כאטש יענע סענא־טארס זיינען ניט קיין גרויסע און פע־היגע סאציאלע נביאים, ווען זיי גלויבען, אז אמעריקא געהט שוין פּשוט אונטער אין די נעקסטע צוויי יאהר, דאך — און טיילענדיג לויט זייער טעמפּעראמענט און וועלט־אנשויאונג — זיינען זיי פארט באַ־רעכטיגט צו זייער שלום.

דער אמעריקאנער עולם האט זיך זעהר וועניג אריינגעטראכט אין דעם פאקט, אז וואשינגטאן, די שטאדט וואשינגטאן און ניט גראדע דער רעגירונגס־זיץ, איז א פּארט עקספּערימענט סטאציאן פאר אלערליי סאציאלע, עקאנאמישע, און גע־זעצליכע פארמען און איינפיהרונגען. דאס קומט צוליעב דעם וואס מיר, וואשינגטא־נער, געפינען זיך אין א מאדנער לאגע, ווי עס איז שוין מסתמא באקאנט. מיר, וואשינגטאנער, זיינען בירגער, אבער דאס רעכט צו שטימען — וואוטען בלע"ז — האבען מיר ניט. אפילו נאכ־דעם ווען אלע „פרעמדע“ זאלען קריגען אזא רעכט, און ווען דער פרויען־סאפ־רעדזש אמענדמענט וועט שוין אנגענו־מען און ראטיפיצירט ווערען, וועלען מיר, די וואשינגטאנער איינוואוינער, נאך אלץ זיין יתומים. און דאך זיינען מיר גרויסע מיוחסים... עפּעס א שאלה א קליינע! ווייסט איהר ווער עס איז אונזער באארד אוו אלדערמען? (ווי ביי אייך אין שטאט ניו יארק, למשל), ווייסט איהר ווער עס (ווי אין אנדערע סטייטס, למשל, — ניט קיין אנדערער ווי דער סאמע גרויסער קאנגרעס פון די פאראייניגטע שטאאטען. די 435 קאנגרעסלייט און די 96 סענא־טארס, געבען זיך אפּ ס פּ ע צ י ע ל מיט אונזערע שטאטישע געזעצען, מיט רעגולאציעס, מיט די געלדער, און מיט אלעס וואס איהר ווילט. ס'איז ניט פּראסט ביי אונז. בשעת מען מאכט א געזעץ, דא, פאר אונזער צימליך קליינער שטאדט (וועניגער ווי א פונפצענטעל די גרויס ווי די שטאדט ניו יארק אליין) אז, למשל, א פעדלערס לייסענס זאל זיין מיט א קווא־דער מעהר אדער וועניגער — אין אזא וויכטיגען מאמענט מוזען די געזעץ־גע־שעפּטען פון גאנץ אמעריקא ווארטען, ווייל דער קאנגרעס — ביידע הייזער — איז ביזי מיט א ו נ ז.

פארשטעהט זיך, אז דערוועהלט דעם קאנגרעס האט א י ה ר, ניט מ י ר. אז דער קאנגרעס איז שוין גרייט פאר אונז — טו וואס זשע א שטייגער דארפען מיר נאך האבען דאס רעכט צו וואוטען?

קיין מעיאר האבען מיר ניט; נו, האָ־בען מיר דערפאר דריי קאמישיאנערס, וועלכע קומען אויך גרייט צו אונז, און איבער וועלכע מיר האבען קיין דעה ניט. זיי ווערען באשטימט פון דעם פּרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען, און זיי־נען גאר ניט מחויב צו זיין טאקע אמת'ע וואשינגטאנער איינוואוינער. און אזוי נעהט עס ווייטער מיט די דזשאדזשעס אונזערע, און מיט אלע אנדערע הויכע שטאדטישע בעאמטע.

הכלל, אבי איהר האט געמיינט, אז וואשינגטאן אינטערעסירט זיך מיט א י י ע ר גליק, און טוט אכטונג אויף'ן גאנצען לאנד! ניין, דאס איז נאר פּונקט דער היפוך — דאס גאנצע לאנד, דורך די דערוועהלטע, נאטירליך, טוט נאר אכטונג אויף א ו נ ז ע ר ש ט א ד ט. אמת, מיר וואלטען אייך מוחל געווען דעם כבוד, און געוואלט אכטונג געבען אויף זיך אליין, אבער ווער פרעגט אונז? קיין וואוטס האָ־בען מיר ניט, איז שוין ממילא קיין רעכט אויך ניטא — ווי זאגט עס דער באריהמ־טער כינעזישער לאונדרישער פּאעט: „נא טיקי נא וואשי“, ס'הייסט, אז איהר קענט ניט שטימען מעגט איהר רעדען צו די ווענט.

אלזא, ווי־זשע האלטען מיר? אז דער קאנגרעס א י י ע ר ע ר מאכט געזעצ־צען פאר א ו נ ז. און אט אין דעם ליגט דער סוד וואס מען האט פון וואַ־

מיט איהר רעבענען, אויב איך וויל ניט, אז זי זאל נקמה נעמען פאר זיך און חרוב מאכען מיין לעבען.

און איך האב זיך גענומען פאר דער ארבייט. אלעס אוננויטיגע פון זיך אפגערוקט. ארומגעצאמט זיך מיט א וואנד. פארגעסען אן דער עקזיסטענץ פון דער פרוי און די נאהענטע מיינע. איך האב זיך גענומען פאר'ן ווערק, וואס איך האב געדארפט באהערשען, יא, באהערשען. עס איז פארגעשטאנען א קאמף. א קאמף, וואס איז געווען פאר מיר אן ערלייזונג.

אין הויז צו אונז האט זיך ארייגגע'גנב'עט די נויט. אויסגעטראגען האט זיך מיין ווייב'ס קלייד. איך האב דאס געזעהן. איך האב אויך געזעהן, אז איהר פנים איז מאגער געווארען און אז קניימשען האבען זיך געלייגט ביי איהר אונטער די אויגען. זי האט גענומען אויסזעהן ווי אן אויסגעצעהרט קינד.

מיינע קרעדיטארען האבען גענומען מורא קריגען און געפאדערט זייער געלד. איך האב דאך געהאט פארלאזען די שול, וואס האט מיר געגעבען א שטענדיגען איינקונפט. איך האב דאך אויפגעגעבען די לעהרער־שטעלע... צוליעב אומבאדייטענדע חובות האבען זיי מיך ניט געלאזט צורוה. זיי האבען מיך געהאלטען אין פארשיטען מיט בריף, וועלכע איך האב צום סוף אפילו ניט געעפענט. איינמאל אין דער פריה, נאך א נאכט, וואס איך האב פארבראכט ביי מיין ארבייט, האב איך דערזעהן, אז מען איז געקומען אפשרייבען מיין פארמעגען. איך האב דאס אלץ געזעהן אזוי ווי דורך א נעבעל. איך האב בלויז געזאגט: „זייט אזוי פריינדליך מיר איבערצולאזען דעם טיש". איך האב זיי אנגעוויזען אויף דעם טיש, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען מיינע ביכער און פאפירען. אין דער ווירקליכקייט זיינען זיי ניט געווען קיין שלעכטע מענשען, זיי האבען ערלויבט מיר איבערצולאזען ביי זיך דעם טיש און נאך פיעל אנדערע זאכען.

די טעמא האט מען געקענט באארבייטען אנדערש. סיסטעמאטיש, מיט ברייטע שטריכען, אויף די וועלען פון לאנגזאמער אנשטרענגונג און רוהיגער זיכערקייט. דאמאלט וואלט זיך אין דער ארבייט געפיהלט א קלאסישער טאן; עס וואלט געמאכט דעם איינדרוק, ווי ס'וואלט געקומען פון די הויכע בערג.

מיין ארבייט איז ארויסגעקומען ליידענשאפטליך. אין געוויסע הינזיכטען אפילו ניט ריכטיג. אבער דערפאר האט עס ביי מיר געברענט, פון געוויסע ערטער האבען זיך ממש געטראגען פונקען, וועלכע וואלטען קיינמאל ניט אויפגעפלאקערט, ווען איך וואלט צוגעגאנגען צו דער ארבייט רוהיג, נישט אין האסט. די לעצטע טעג האב איך געארבייט איבער מיינע כחות. מיין כח איז געווען איין שטיק נערוו. איך האב געציטערט. און ווען איך האב געשריבען די לעצטע פראזען, אין וועלכע איך האב אזוי ווי רעזומירט דאס, וואס איך האב געזאגט אין מיין ווערק, האב איך קראמפהאפט געיאמערט. איך בין געווען פונקט ווי א רויב־חיה אין דעם הייליגען וואלד פון דער וויסענשאפט. אך, ווי ווילד אונגעצאמט האט מיך געמאכט די לאנגע, געצוואונגענע צושיידונג.

און דאך וועט די געטין פון וויזזהייט מיך מוזען ליעב קריגען, ווען אפילו מיינע מאניערען זיינען ניט אזוי עלעגאנט, ווען זי וועט נאר דערזעהן דעם פלאם פון מיין ליעבע. זי וועט זיך ווארפען אין מיינע ארעמס און ציטערען פון גענוס, ווי די פריסטערינס פון אלטערטום האבען געציטערט אין די ארעמס פון די זינגער. איך וועל זי באזיצען, באזיצען זי. און דאס קינד, וואס זי וועט מיר געבוירען, וועט זיין שעהן, ווי עס זיינען שעהן די קינדער, וואס ווערען געבארען אין ליעבע: זיין לעבען וועט זיין פול מיט ליכט און זיינע אויגען — פול מיט גלאנץ.

* * *

מיין פאטער איז ניט נעגאנגען. ווארום? דערפאר, וואס ער האט זיך אויסגעגליטשט. ער איז געווען אן אונבאדייטענדער לעהרער אין עפעס א פראווינץ שטעדטעל, — דאס ערקלערט אלץ.

אמאל בין איך געווען יונג און מונטער. גרויסע האפנונגען האט מען געלייגט אויף מיר. איצט בין איך אן עלטערער לעהרער אין א פראווינץ שטעדטעל. איך האב זיך אויך אויסגעגליטשט. דאס, גלויב איך, וואלט געווען א געניגענדע ערקלערונג, אויב מען וואלט נעדארפט אנגעבען די אורזאכען פארוואס איך האב ניט באקומען די פרעמיע.

אייגענטליך האב איך דאס אלץ געדארפט פארשטעהן. איך האב געדארפט זיך פארשטעלען אלע שוועריגקייטען, איידער איך האב זיך גענומען פאר דער ארבייט. איך האב געדארפט געדענקען, אז אין דער הויפט שטאדט דרעהען זיך ארום יונגע לייט, די ליעבלינגע פון פראפעסארען, וואס ווערען פון אט די אלטע באריהמטהייטען געשטופט אין פאדערגרונד און אלס דאנקבארקייט דערפאר פארעהרען זיי די דאזיגע זקנים און געהען ווייטער אין זייערע טריט.

א, איך קען די דאזיגע הערען.

מיין ווערק איז אין זייערע הענט. מיין יונג, נאקעט, געצענדינעריש קינד, וואס האט געלעבט, געפאדערט פלעגע און לעבענס־אטעם. עס איז צווישען די דאזיגע אלטע וואקסענע פיגורען, וועלכע עס וואלט בעסער געפאסט צו שפילען מיט אן אויפגעפוצטער פופע.

א, צו וואס האב איך פרובירט אריינגיסען ניי בלוט אין אלטע לייבער! [illegible] זאל מיר געלינגען — האב איך געדארפט טראגען פא[illegible] פאר מיר מיין באוואוסטזיין, דאס יונגע און לויכטענדע א[illegible] מיינע טריט אליין שוין פאראויס־ זאגען א זיג. דאמאלט וואלטען די אלטע וואקסענע פיגורען פארוואנדעלט געווארען אין שטויב.

און איצט:

„ווער איז דער דאזיגער חצוף?"

„וועגען איהם ווייסט מען בלויז, אז ער איז א לעהרער אין א שול — כ'אב פארגעסען, וואו."

„כא־כא, זעהר א געוואגטער!"

מען דארף זיך שטענדיג האלטען אין דער הייך, צווישען גליקליכע, צווישען די זון באלויכטענע.

* * *

איך האב העלענא'ן דערצעהלט וועגען מיין נידערלאגע.

דערצעהלט איהר קורץ און שארף, איבערגעגעבען דעם פאקט. אהן כעס, אהן באדויערען. ווי מען גיט איבער א מענשען, וואס האט א רעכט צו וויסען וועגען דעם וואס האט פאסירט, אבער מיט וועלכען מען האלט ניט פאר נויטיג צו באטראכטען די איינצעלהייטען.

העלענא איז געווען אזוי זיכער אין מיין זיג! ניט בלויז אין זיג, נאר אפילו אין טריאומף. איך האב געזעהן די גאנצע צייט, אז זי גלויבט אין מיין זיג, איך האב געזעהן, ווי זי האט געקוקט אויף מיר מיט א פאנאטישער באגייסטערונג, ווען איך האב איהר אמאל עפעס געזאגט וועגען מיין ארבייט.

איצט, ווען זי האט געהערט מיינע ווערטער, האט זי זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט. די שטריכען פון איהר פנים זיינען אזוי ווי פארשטיינערט געווארען, און אש־גרויע בלייכקייט האט זיך צוגאסען איבער איהרע באקען.

„ניין, ניין", האט זי הייזעריג ארויסגעשריען, אזוי ווי זי וואלט פראטעסטירט. „דאס איז אונמעגליך, אונמעגליך!"

איהרע ווערטער זיינען געווען פשוט'ע, אבער אין איהר שטימע האט געקלונגען שרעק און פארצווייפלונג, אז איך בין אזש געווארען איבערראשט, — ניט קוקענדיג אויף מיין אייגענער פארצווייפלונג.

איך בין זיך מודה — ארבייטענדיג ביז אהער ווי א משוגענער, האב איך איהר קיין באזונדערע אויפמערקזאמקייט ניט געשאנקען. איך האב גאנץ גוט געוואוסט, אז זי האט אויף פארשיעדענע וועגען מיר פארלייכטערט דאס לעבען, זי האט זיך געמיהט, אז קיינער זאל מיר ניט שטערען, מיט דער גרעסטער עקאנאמיע האט זי געפיהרט דאס באלעבאטישקייט, זי האט זיך שטענדיג געמיהט אויסצוזעהן פרעהליך, אום מיר צוצוגעבען מוט — אבער דאס אלץ האט מיך ניט זעהר אינטערעסירט. איצט האט זי גענומען ציהען אויף זיך מיין אויפמערקזאמקייט. איך וועל פרואווען באשרייבען איהר האלטונג.

ווי אין חלום איז זי די גאנצע צייט ארומגעגאנגען. ריכטיגער, ווי זי וואלט וועגען עפעס שטענדיג געטראכט. צייטענווייז, האט זיך נעדאכט, אז זי הערט זיך צו עפעס צו. אבער ניט מיט די אויערען, נאר מיט'ן פארגעפיהל. זי האט זיך איינגעהערט ניט צו קלאנגען, נאר צו געדאנקען, וואס האבען זיך געטראגען פאר איהרע אויגען, אבער וועלכע ס'איז געווען שווער אנצוכאפען.

איינמאל האט זי געזאגט, אז זי וויל זיך מיט מיר דורכרעדען. גערעדט האט זי רוהיג. איהר וואלט זיך וועלען וויסען, האט זי געזאגט, צי איך וויל מיט איהר לעבען. צי אידוועל זיך קענען באנוגענען מיט פשוט'ער ארבייט, צום ביישפיעל, אלס שול־לעהרער. און צי וועט איהר טיפע ליעבע צו מיר קענען פרעהען און בארוהיגען מיך. און צי עס איז אין שטאנד צו מאכען ליכטיג מיין לעבען איהר מוט אין אונזער געמיינזאמע ארבייט. זי וואלט וועלען וויסען, צי איך וועל זיך קענען אפזאגען מיט'ן גאנצען הארצען פון מיין וויסענשאפט, ווי פון דער איינציגער זאך, מיט וואס איך וויל זיך פארנעמען. צי איך וועל זיך קענען באנוגענען אין לעבען מיט דעם, וואס זי וועט מיר געבען.

איך געדענק ניט גענוי, וואס איך האב איהר געענטפערט. אבער פון מיין האלטונג, גלויב איך, האט זי פארשטאנען, אז דער דאזיגער גאנצער געשפרעך איז איבריג. איך אליין גלויב, אז דער אויסדרוק פון מיין געזיכט איז געווען גרויזאם און קאלט.

זי איז פלוצים בלייך געווארען, ווי עפעס א גרויסער אמת וואלט איהר מיט אמאל קלאר געווארען און אין איהר הארצען וואלט צייטיג געווארען א וויכטיגער באשלוס.

שטיל איז זי יענעם אווענד אריין אין צימער. עס האט זיך נעדאכט, אז זי איז געווען ארומגערינגעלט פון א ווייסען שיין. א מאיעסטעטישע רוה איז געווען אויסגעגאסען איבער איהר גאנצער פיגור. און איהר שטימע, וואס האט די לעצטע צייט געקלונגען אזוי דומפ און הייזעריג, איז געווען קלאר און ריין.

זי האט מיך איבערראשט. איך האב אויף א מאמענט פארגעסען אן מיינע אייגענע ליידען. איך האב פרובירט פארבינדען א געשפרעך:

„איך בין געווען ביי'ם דירעקטאר פון דער שול. איך בין זיכער, אז אנפאנג נעקסטען מאנאט וועל איך צוריקקריגען מיין שטעלע. ער איז געווען זעהר פריינדליך."

עס האט זיך דערהערט איהר קלינגענדיגע שטימע; זי האט גערעדט ענטשלאסען, איבערצייגענד, אזוי ווי זי וואלט ארויסגעגעבען אן אורטייל:

„דו דארפסט זיך ניט נעמען פאר דער דאזיגער ארבייט. ווארט צו כאטש א טאג איידער דו באשליסט."

(פארזעצונג פאלגט)

כער מאכען באנקעטען באסטאנער קלאוקמא־

פון ל. ר.

איהר האט דאך מסתמא געהערט פון באסטאן די לעצטע פאר וואכען. די פאר ליסלייט סטרייקען אין באסטאן, און מיר זיינען אויפ'ן שוועל פון א דזשענעראל סטרייק. אבער די קלאוק־מאכער אין באסטאן עסען זיך ניט אפ דאס הארץ. מען באנקעטעוועט אויף וואס די וועלט שטעהט. די ערשטע צו מאכען „א וויקטארי "באנקעט זיינען געווען די קאטערס, אדער לאקאל 73. און א באנקעט איז דאס געווען מיט אלע פריצעווקעס. ערשטענס איז די סעודה אויפגעפיהרט געווארען אין א רעסטאראנט. צווייטענס האט מען געהאלטען רעדעס; דריטענס, האט מען טאקי געגעסען — און גוט אויך. און פיערטענס, מען האט זיך געגעבען פרעזענטען און זיך געקיבעצט.

לאקאל 73 איז א שטארקער לאקאל, כאטש א קליינער אין דער צאהל פון מיטגליעדער, דעריבער האבען די מעמבערס זיך ערלויבט דאס פארגעניגען צו ברענגען אויך זייערע פרויען און כלות צום באנקעט. דער באנקעט איז צוליעב דעם געווארען א רעגעלע „פאמיליע אפער".

צווישען די געסט זיינען אויך געווען ברודער הורוויץ, דער געוועזענער מענעדזשער פון דער דזשאינט באארד און אייזיק פאזעק, איינער פון די פראמינענטסטע מעמבערס פון די דזשאינט באארד, און דער פינאנס סעקרעטער. פרעזענטען זיינען געגעבען געווארען צו ברודער קורלאנד און ב. ד. ראבינס פאר גוטע ארבייט אין דער יוניאן.

נאכדעם זיינען געקומען די פרעסערס פון לאקאל 12 און געצייגט וואס זיי קענען. דער לאקאל האט אראנזשירט א באנקעט פאר דריי הונדערט מענשען, ארויסגעשיקט אינוויטיישאנס טאקי ווי צו א ריכטיגע חתונה. נו, האבען זיך אלע אנגעטאן יום־טוב'דיג און געקומען צום באנקעט. און הערט עפעס, עס שפיעלט מוזיק אז עס צוגעהט זיך איבער אלע גלידער! טאקע אמת'ע אידישע מוזיק.

קוקען מיר אביסעל ווייטער. אבער וואס איז דאס? מען שטעלט אויס זילבערנע כלים אויפ'ן פלאטפארמע, ווי פאר דרשה־געשאנק! קוועטשען אלע מיט די פלייצעס און פרעגען: טאקע א חתונה, וואס?... לאזט זיך אויס, אז עס איז טאקע א באנקעט און די זילבערנע כלים זיינען דאס פרעזענטען פאר געטריישע מעמבערס פון דער פרעסערס יוניאן לאקאל 12.

אין אנאנדער האל זיינען דערווייל טישען געגרייט געווארען, און נאכדעם ווי די ניי־ערוועהלטע אפיסערס זיינען אינסטאלירט געווארען, האט זיך דער עולם גענומען צו די טעלער.

אין מיטען דעם גאנצען טאראראם ווער ט אטומעל. מיינט איהר דאך אפשר עפעס געפעהרליכעס, מאכט איהר א טעות. עטליכע פרעסער האבען זיך נאר א נעהם געטאן פאר די הענט, פארקאטשעט די פאלעס און היידא — אוועק א קאזאקצע.

וואס טאנצט מען ביי אידען? מען האט געוואונען א סטרייק. מעמבערס און געסט האבען זיך א הויב געטאן, אנגעקוואלען, צוגעפלאסקעט מיט די הענט.

רעדעס? — פרעגט שוין נישט. מען האט גערעדט בעפאר פארשפייז, נאך פארשפייז, צווישען זופ און פלייש, פאר דאס בובייסען און נאכ'ן מזומן.

וועלכער לאקאל וועט זיין דער נעקסטער בעל שמחה ביי אונז, איז נאך ניט באשטימט. אבער ריכטען ריכט מען זיך שטארק אויף נייע באנקעטען.

* * *

די עלעקשאנס אין די לאקאלס האבען זיך נאר וואס געענדיגט. די רעזולטאטען זיינען אויסערגעוועהנליך גוטע. עטליכע קאנדידאטען, פאר וועלכע די לאיאלע מעמבערשיפ האט זיך געשראקען, זיינען פיין דורכגעפאלען.

עס קומען יעצט פאר וויכטיגע געשעהעניסען אין די באציהונגען פון די דזש. באארד מיט די איבעריגע אינטערנעשאנעל לאקאלס אין באסטאן. מעגליך אז אין גיכען וועט פארמירט ווערען א פארבינדונג צווישען די פארשיידענע ארגאניזאציאנען. אבער וועגען דעם א צווייטען מאל. דערווייל, פאר אן ערשטען ארויספאהר, וועט דאס זיין גענוג.

שינגטאן געמאכט א סארט עקספערי-
מענט שטאט, ווי עס איז צום אנהויב אנ-
געוויזען געווארען.

און, באמת, איז אזא ניט פאראנען אויף דער גאנצער וועלט, און אזא לוקסוס קען זיך קיין לאנד ניט פארגינען. מיר פארשטעהן אן עקספערימענט לאבאראטארי פאר כעמיע, פאר פיזיקע, פאר סאציאלאגיע, און פאר וואס איהר ווילט אליין, אבער נעהמען א שטאדט, קיין עין הרע, פון צוויי-פינפטעל מיליאן איינוואוינער און מאכען איהר מיט די מענשען איהרע און מיט אלעם פאר א גרויסער קאלאסאלער לאבאראטארי פאר געזעץ - פראבעס — אזא זאך איז זיכער דער אכטער וואונדער אויף דער וועלט! און דאך איז עס אמת און דאס קאמישסטע דערביי איז, אז פסיכאלאגיש ווייסען די גרעסטע טייל וואשינגטאנער אליין ניט, אז זיי זיינען עס די סוביעקטען פון דער געזעץ-פראבע, און אז זיי זיינען רעדלאך און שרייפלאך אין א גרויסער עקספערימענט סטאציאן. און נאך מעהר, די גרעסטע צאהל קאנגרעסלייט און סענאטארס, לעבען אויס זייערע „געזעצליכע” יאהרען אין קאנגרעס, און עקספערימענטירען מיט אונז די גאנצע צייט, און דאך ווייסען זיי עס אליין. האט איהר שוין אמאל געהערט פון אזא פענאמען? דאס איז, דאכט זיך, פאנטאסטיישער פון דעם ווילדסטען ראמאן אפילו אין אונזערע טיעפזיניגע מאוווינג-פיקטשורס.

און עס איז ניט מעהר ווי נאטירליך אז אלס עקספערימענטאטארס רעכענען זיך די געזעץ-מאכער דא ניט מיט די געפיהלען אדער מיט די וואונשען פון די סוביעקטען, ס'הייסט, מיט די וואשינגטאנער. נאך וואס? און ווארום? דער פאקט איז, אז דער עקספערימענט וואלט ארויס ניט אזוי קיילעכדיג, ווען מען זאל זיך רעכענען מיט אזעלכע געפיהלען און וואונשען — דאס ווייס יעדער וויסענשאפטסמאן וואס האט געהאט עהנליכע ערפאהרונג, און נאטירליך, אויף א קלענערען מאסשטאב.

די לעצטע צייט, וועניגסטענס די לעצטע 5 יאהר, האט זיך דא אנגעהויבען א באוועגונג איבערצונעהמען די ארבייט פאר זיך, אז מיר זאלען אכטונג געבען אויף אונזערע געשעפטען אליין, און ניט אנקומען צו אפיטרופסים וואס ווערען דערוועהלט פון איבער גאנץ אמעריקא. דיזע באוועגונג וואקסט און ווערט גרעסער, אבער, הלואי זאל איך ליגען זאגען, זי וועט זיך אויסלאזען מיט גאר ניט. איהר ווייסט פארוואס? דערפאר וואס זי שטאמט פון א „וואוטלאזער שטאדט”, פון א „לאבאראטארי שטאדט”, פון מענשען, וואס האבען אליין קיין דעה ניט — און קענען ניט מעהר ווי וועלען און פארלאנגען. און נאך וואס — עס איז געגען דעם גייסט און ווארט פון דער קאנסטיטוציאן פון די פאראייניגטע שטאאטען; און די ערפאהרונג האט שוין אונז געצייגט אז מיט איהר, מיט דיזער מאדאם קאנסטיטוציאן, טאר מען זיך ניט איינרייסען, אז זי איז אן איינגעשפארטע און נאך א רגזנ'טע דערצו. נור מילא, מיר וואלטען זי שוין אפשר (אפילו מיט נסים, לאמיר זאגען) פארט איינגעבעטען אויף אונז רחמנות האבען, איז אבער די צרה וואס די דאזיגע קאנסטיטוציאן מוז פריהער קריגען די ערלויבעניש פון אייך, וועניגסטען פון דריי פערטעל פון אייערע סטייטס. און אפילו א נאר וועט פארשטעהן אז דיזע דריי-פערטעל צאהל פון די אמעריקאנער סטייטס זיינען פאראינטערעסירט אין דעם יקרות, אין איינקאם טעקס, אין סטרייקס, אין ליעג אוו ניישאנס; אין וואס איהר ווילט אליין, אבער ניט אין דעם צו וועלען מיר, וואשינגטאנער, דא, וועמען איהר קענט ניט און ווייסט ניט (און אפשר ווילט ניט קענען און וויסען), זאל יא קענען שטימען אדער ניט. ווי זאגט עס דער לאיער מיינער: „עס איז ניטא קיין ק א נ ס י ד ע ר י י ש א ן, קען דער קאנטראקט ניט האלטען.”

אלזא, מוזען מיר בלייבען טאקע פארט א לאבאראטארי. און אייער קאנגרעס פראקטיצירט אויף אונז, פראבירט אויס אויף אונזערע קעפ, ווי זאגט עס דער ענגלענדער? „פראבירט עס אויפ'ן הונט צוערשט” און נאכהער זעהט ער צי עס פאסט זיך שוין צו צו אייך, די מיוחסים, ס'הייסט, צו די איבעריגע איינוואוינער פון לאנד.

היינט, לאמיר זעהן, ווי אזוי מען פראקטיצירט עס אויף אונז. האט קיין מורא ניט — מיר וועלען קומען צו די פאליסלייט און זייערע יוניאנס, ווי איך האב אויבען הייליג פארשפראכען.

וואשינגטאן, ד. ק., סעפט. 1919.

ערצעהלונג

דער קוש

פון טאמאס קראנ.
אידיש פון
זישא לאנדוי

(פארטזעצונג)

און ווען ער האט אנגעהויבע זאגען צו מיר: „יא, יא, ליעבער פריינד! פון דיר האבען מיר פיעלעס ערווארטעט. אבער דאס ווארעמע פאמיליען לעבען האט דיך פארפאלגט... דיך באצויבערט... ווארים א פרוי איז דאך אן אינדרין — א וואסער פעע, און די סאמע נעפעהרליכסטע פון אלע אינדרינען. יא, יא, יעדער לעבט לויט זיין פארלאנג.

„יעדער נאך זיין פארלאנג”, האט ער געזאגט. הייסט דאס, אז ער האט גאר נישט ניט באמערקט... זעהר גוט.

איך האב דערפיהלט אן ערלייכטערונג, ווען מיין פריינד איז ענדליך אוועקגעפאהרען און איך בין מיר געזעסן אין שטוב און פארריכט די לאטייניש איבונגען פון מיינע שילער. עפעס האט אין הארצען געצויגען... ווי אן אונאויפהערליכער צאהן וועהטאג.

און מיינע געדאנקען האבען זיך פון צייט צו צייט אנגעפילט מיט כעס געגען איהר... געגען דער פרוי, וואס איז געשלאפען אין צווייטען צימער... געגען דער, וואס אפטמאל האט זיך מיר געדאכט, איז מיר אין גאנצען א פרעמדע.

* * *

. . . איהר לעבען איז אויך ניט זיס געווען. זי איז געווארען שטיל און מעלאנכאליש, אנגעטאן איז זי געווען אין א פשוט האלב-וואלען קלייד און איהר בלייך, ערנסט פנים, האט שטענדיג זיך פארוואונדערט ארומגעקוקט. און איהר שטימע, וואס האט פריהער אזוי שעהן און טיעף געקלונגען, איז געווארען שטיל; אזוי ווי זי וואלט ניט געוואנט צו רעדען הויך, בלויז צו מורמלען...

9.

אין אזא קליין שטעדטעל, ווי אונזערס, האבען מענשען, וואס האבען ליעב ברייט צו לעבען גאר נישט וואס צו טאן. און אויב ביי איינעם פון אונזערע איינוואוינער זאל זיך אפילו באוויזען אן איבערפלוס פון ענערגיע, וועלכע ער קען ניט אויסנוצען אזוי, ווי עס פיהרט זיך געוועהנליך אין אונזער שטעדטעל, און אויב דערביי זאל ער זיך אפזאגען פון געהן צו גאסט, פון באזוכען אמאטארען פארשטעלונגען און צדקה באזארען — דארף ער זיין זעהר פארזיכטיג. דאס וועט זיך שלעכט אפרופען אויף זיין לעבען, אויף זיין שיקזאל.

ניט בלויז דערפאר, וואס ער קען ווערען פארדעכטיג אין די אויגען פון זיינע מיטבירגער, אבער אויך דערפאר, וואס א צופלוס פון ענערגיע, וואס אין א גרויסער שטאדט וואלט ער געהאט וואו עס אנצואווענדען, ווערט דא דערשטיקט און פארשווינדט אין גאנצען.

פאר דער ליכטיגער פרייד פון לעבען איז דא קיין פלאץ ניטא. די בליקען פון די דאזיגע מענשען זיינען שטענדיג פארלאשען און בייז, אדער, עפטערס פון אלץ, גלייכגילטיג ביז טעמפקייט. זיי שטאלצירען אפט דערמיט, וואס זייערע באגריפען געהען ניט ווייטער פון דער שיסעל מיט זופ. און אויף אלץ, וואס זיי פארשטעהען און באגרייפען ניט, האבען זיי א זעלבסטצופרידענעם קנייטש מיט די פלייצעס.

אבער פארט פון צייט-צו-צייט באווייזט זיך א דורכשלייכענדע פיגור, עמיץ פון שטאם פון די געטער — א, ניין, נאר נישט געטער. גיכער טייוואלים. ער באהאלט זיך אין די ווינקלען פון די גאסען און געהט אויף די שפיץ-פינגער. אן ארעמער, ציטערענדיגער טייוועל פון שכרות. האט ער זיך דאך געקענט דורכשלייכען שטיל און אומבאמערקט. ביי טאג און ביי נאכט.

* * *

איך האב זיך גענומען באגעגנען מיט איינינע מענשען, זיי זיינען געווארען מיינע פריינד. זיי זיינען געווען פינסטערע, פארכמורעטע מענשען. טיילמאל, ווען איך האב געהאט צייט, בין איך געגאנגען זוכען טרייסט ביי זיי. איינער פון זיי איז געווען דער קאנסול פון עפעס אן עקזאטיש לאנד פון יענער זייט עקוואטאר. דער צווייטער איז געווען מיינער א חבר, א לעהרער פון דער שול און אן ערפינדער. ער האט שטענדיג עפעס געהאלטען אין אויסטראכטען. שטענדיג געווען פארנומען מיט אויסמייסטערען מאשינען פון טאוועל און סיגאר שאכטלעך. שטענדיג געזוכט צו קריגען פאטענטען אויף זיינע ערפינדונגען. געווען שרעקליך ארעם, אבער גערעדט אלץ פון איינקלאנגען היגע און אויסלענדישע פירמעס און גע'חלומ'ט פון פארקויפען זיינע ערפינדונגען, מיט איין ווארט, שטענדיג זיך ארומגעטראגען מיט האפנונגען אויף א גרויסען פארמעגען.

די דאזיגע צוויי פריינד האבען פיעל און רעגעלמעסיג געטרונקען. איך בין פון צייט-צו-צייט צוגעשטאנען צו זיי. איך האב זיך שטענדיג באריהמט, אז איך וועל אין קיינפאל ניט ווערען קיין שכור. אבער עס איז געווען פרעהליך און גאנץ אנגענעהם צו באגעגנען זיך מיט זיי און אין זייער געזעלשאפט אויסטרינקען א פאר גלעזלעך. טיילמאל האבען אונזערע צוזאמענקונפטען געטראגען ממש א פייערליכען כאראכטער. איינמאל אין אן אווענד, צום ביישפיעל, האט מען מיך איינגעלאדען צום קאנסול. ער האט געקראגען פון זיין עקזאטישער מדינה עפעס א פאלמען-וויין. א פנים, דער וויין איז געווען זעהר א גוטער.

מיר זיינען זיך געזעסן אין דעם קליינעם וויין-קעלעריל, וואס האט באלאנגט צום קאנסול. די אויפגעעפענטע פלעשער, דאס וויין-קעלערעל, אין וועלכען דער קאנסול האט מורא געהאט זיך צו באווייזען צוליעב די מייז, מיין חבר, דער שול-לעהרער, וואס האט געהאלטען אין איין שווייגען און בלויז פון צייט-צו-צייט שווער אפגעזיפצט, דאס אלץ האט אויף מיר געמאכט אזא זאנדערבארען איינדרוק, אז איך האב הויך געלאכט און געשריען... איך האב פיעל געטרונקען, צופיעל שוין.

ווי פריי האב איך זיך אין דעם אווענד געפיהלט! די אלע פיינליכע צווייפלען זיינען פארשוואונדען. אלץ איז אין מיינע אויגען געווארען גלייך. מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ האב איך שטאלץ געקוקט דער וועלט אין פנים אריין. מיט א שמייכעל האב איך געקוקט אויף אלע מיינע נארישע דאגות: „וואסער באדייטונג האט איהר אלע פאר מיר? בארוהיג זיך, אלטער פריינד Nil admirari — דעם אויסדרוק קען מען איבערגעבען אזוי: גלייכגילטיגקייט איז בעסער ווי דער קאמף פאר פאנטאסטישע צילען. פאר אייער געזונט, קאנסול — גיט איבער מיין גרוס אין יאן-טסע-קיאנג און דאנקט זיי פאר'ן פאלמען-וויין”.

„כא-כא, שפראכען אויף וועלכע עס האבען אמאל גערעדט מענשען, וועמעס ביינער האבען זיך שוין לאנג פארוואנדעלט אין שטויב. כא-כא, ערפינדער. איך ווינש דיר ערפאלג מיט דיין נייער ערפינדונג. דאס מאל וועט מען דיר זיכער ארויסגעבען א פאטענט. עי, נאך א גלעזעל! ס'איז אנגעקומען די שעה פון שכרות!”

* * *

„איך האב גאנץ אפט גענומען קויפען א פלעשעל וויין ביי דעם וויין-הענדלער, וואס האט געוואוינט אין ראג. יא, איך בין דערצו דערגאנגען. אט דער וויין-הענדלער איז אויך געווען א ענטוישטער מענש. פון שכרות וועגען טייל רויט און אנדערע — בלייך; ער איז געווען בלייך און פעט מיט אויסגעלאשענע אויגען. עס איז איהם זעהר שווער אנגעקומען דורכצוגעהן פון זיין צימער אין קרעמעל אריין. ער האט זיך שטענדיג באוויזען שארענדיג מיט די שטעק-שיך.

צייטענווייז פלעגט מיך באפאלען א שרעק. וואס טו איך? באזעצט זיך אין אזא שטעדטעל און ווער א טיפישער לא יוצלח... מיט דער צייט וועל איך ווערען א לעהרער א שכור, פון וועלכען אלע שפעטען אפ און וועמען מען האלט אן אויף דער שטעלע בלויז פון רחמנות.

איז דאס דען אלץ, וואס מיר איז באשערט צו באקומען פון לעבען? איז דאס, וואס עס האט זיך אויסגעלאזען פון מיינע חלומות? און אזוי וועט זיך שוין מיין לעבען ענדיגען?

איך האב לאנג געהאפט, צו וואס לייקענען? די אלע מענשען, וואס רינגלען מיך ארום, באלאנגען צו די אזוי גערופענע מעסיגע און פארשטענדיגע, — איך בין ניט איינער פון זיי און וועל קיינמאל איינער פון זיי ניט ווערען. מיין באשטימונג — איז פרייד. איך וואלט געקענט פיהרען א לעבען פול מיט ארבייט און שכרות פון פרייד, ווי קיין אנדערער מענש אויף דער וועלט — און איצט פארשטעלט מען מיר דעם צוטרים צו אט דער וועלט.

צייטענווייז בין איך געווען שטיל. געקוקט אויף דער וועלט דורך גרויסע, געהיימניספולע פענסטער. געטראכט — אפשר וועט דער שטורעם אין מיין בלוט נעהמען שטיל ווערען, אדער דער דאזיגער פלאם וועט אין גיכען מיך אין גאנצען פארצעהרען און איך וועל פאר דער צייט אלט ווערען און איך וועל מיר זיצען שטיל, רוהיג, אהן וועלכען עס איז צווייפעל. טיילמאל איז דער דאזיגער געדאנק געבארען געווארען אין מיר. ווארים, ווען איך בין געזעסען ביי די הויכע פענסטער וועלכע איך האב נאר וואס דערמאנט, האט זיך מיר געדאכט, אז עפעס אן ענטפלעקונג פון דער אונטערערדישער וועלט האט מיך באלויכטען מיט איהר טרויעריגער ווייזהייט און מיר געגעבען די רוה אריינצודרינגען אין לעבען.

אבער אין איינעם פון יענע טעג איז געשעהן עטוואס, וואס האט מיך מיט אמאל ארויסגעריסען פון מיין אפאטישען צושטאנד. עס איז געקומען א בריף פון מיין פריינד, וואס האט מיך אמאל באזוכט. ער האט מיר מיטגעטיילט די טעמא וואס דער אוניווערסיטעט האט ארויסגעגעבען אויף א פרעמיע. די דאזיגע טעמא, האט ער געשריבען, דארף מיך, אהן צווייפעל, זעהר פאראינטערעסירען.

איך בין ערשטוינט געווארען פון דעם בריף. ער איז געווען אזוי ווארעם, אזוי איבערצייגענד אנגעשריבען. הם, מסתמא האט ער עפעס באמערקט דעם אווענט, ווען מיר זיינען געזעסען און געפלוידערט צוזאמען.

„וואך אויף”, האט ער געשריבען, „סוף-כל-סוף ביסטו דאך צו גוט דערפאר, אז דו זאלסט אין אזא לאך פארברענגען דיין בעסטע צייט. כאפט עס דער טייוועל! גיב איבער דיין לעהרער שטעלע צו איינעם פון די אונצעהליגע קאנדידאטען, פאר וועמען עס פאסט זיך און נעהם זיך פאר דעם ווערק.”

אזוי האט ער געשריבען. איך האב אויפגעלעבט. יונג און מונטער בין איך געווארען. איך האב דערפיהלט, אז עמיץ רופט מיך, א העכערע פליכט. א פליכט צו זיך אליין. א פליכט, וואס איך האב אזוי לאנג פארנאכלעסיגט... איצט מוז איך זיך

לידיעס טיילארס האבען שוין געהאט אין דער היגזיכט אייניגע ביטערע לעסאנס. זיי האבען שוין געהאט וויכטיגע קעמפפע און וויכטיגע זיעגע, אבער ניט היטענדיג מיט דער העכסטער איפערזוכט די שטארקייט פון זייער יוניאן, האבען זיי באלד זיך געפונען אין דער טרויעריגסטער לאגע, אזוי ווי זיי וואלטען קיינמאל ניט געקעמפפט און ניט געזיעגט.

מיר האפען, מיר זיינען איבערצייגט, אז דאס מאל וועלען די לידיעס טיילארס זיין קליגער און פארזיכטיגער. זיי וועלען ניט בויען צופיעל אויף דעם, וואס זיי זיינען קינסטלער, וואס זייערע פלעצער קענען ניט אזוי גיך באזעצט ווערען פון אנדערע. זיי ווייסען איצט, אז דאס איז א פאלשער חשבון, אז זייער אמת'ע מאכט איז נאר אין זייער אייניגקייט, און אהן איהר זיינען זיי הילפלאז ניט ווייניגער ווי אלע אנדערע ארבייטער.

און אט אין דער איבערצייגונג, אז די לידיעס טיילארס וועלען איצט היטען זייער יוניאן, ווי די שווארץ־אפעל פון זייערע אייגען, גראטולירען מיר זיי, די אינטערנעשאנאל און אלע זייערע פעהיגע פיהרער צו זייער גרויסען וואונדערבאר־שנעלען זיעג.

לשנה טובה תכתבו!

עס איז ראש השנה. די פרומע אידען גלויבען, אז דער הימעל ווערט אין די טעג אומגעוואנדעלט אין א גאנצער קאנצעלאריע, און אז דארט ווערט איצט פארשריבען ווער צו א גוטען און גליקליכען יאהר, און ווער צו א יאהר, פול מיט צרות, הונגער און אונגליקען. מיר, פון אונזער זייט, גלויבען, אז דער הימעל איז צו ווייט פון דער ערד, און דאס מען אינטערעסירט זיך דארט מיט אונז, ערד־מענשען, גאנץ ווייניג. מיר מיינען, אז ביז צו א גרויסען טייל העננט אפ פון אונז אליין, צו מיר זאלען האבען א ביסעלע בעסער ווי מיר האבען געהאט ביז איצט, צו עס זאל זיין ערגער. אויב מיר וועלען זיין קלוג גענוג, היטען אונזערע אייגענע אינטערעסען, ניט פארנעהמען זיך מיט אלערליי מחלוקות איבער א קוצו של יוד, איבער א נעכטיגען טאג, און האלטען זיך פעסט און אייניג, און טאקע אפהיטען דאס שעהנע ווארט: „אלע פאר יעדען, און יעדער פאר אלע", דאן וועלען מיר געוויס זיך פארשרייבען א גוטען יאהר. אייב אבער ניט, אויב מיר וועלען ניט וויסען, ווי צו שעצען אונזער אייניגקייט, אויב מיר וועלען האלטען אין איין שפאלטען זיך, אין איין קריעגען זיך, אויב מיר וועלען ניט אויסנוצען יעדע מינוט פון אונזער צייט צו ווערען שטארקער, פארשטענדיגער, דאן קען דער הימעל גארניט העלפען, און דאס קומענדע יאהר וועט געוויס ניט ברענגען דאס, וואס מיר אלע ווינשען.

און אט אין דעם זין, אז דער שיקזאל אונזערער איז אין אונזערע אייגענע הענד, ווינשען מיר אלע אונזערע לעזער, לעזערינס, דער גאנצער איטערנעשאנאל, דער גאנצער ארבייטערשאפט פון אמעריקא און דער גאנצער איבעריגער וועלט א הארציגען לשנה טובה!

די גענעראל אפענסיווע געגען שטאהל טראסט

פון א. זעלדין.

מיט דעם סטרייק פון די אייזען און שטאל ארבייטער האט די אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר אונטערגענומען צו שטירצען די שטארקסטע פעסטונג פון „אינדוסטריעלער אטאקראטיע" וואס געפינט זיך אין די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. דער שטאל טראסט איז געבליבען דער איינציגער אומבאשרייגקטער אוטאקראט אויף דעם אמעריקאנער אינדוסטריעלען פעלד און איז געוועזען די הויפט שטיצע פון אלע שונאים פון יוניאניזם דא אין לאנד, ביז איצט איז אט דעם אינדוסטריעלען קעניגרייך געלונגען אונטערצודריקען אלע אויפשטאנדען און בונטען פון זיינע אונטערטאנען, די ארבייטער. דער שטאל טראסט איז געבליבען חוצפה'דיג טויב און שטום צו אלע אפיעלס פון זיינע ארבייטער ער זאל אנערקענען זייער רעכט פאר קאלעקטיווע פארהאנדלונגען און האט מיט אן אייזערנער האנט אונטערדריקט יעדען פארזוך פון די ארבייטער אריינצוברייננען אייניגקייט אין זייערע רייהען.

די אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר האט אבער איצט מאביליזירט איהרע קרעפטען און באשלאסען צו געבען דעם שטארקסטען אויטאקראט אן ענטשיידענדע שלאכט. פון דעם ערפאלג אדער מיסערפאלג פון דעם סטרייק איז זעהר פיעל אפהענגיג די ווייטערע ענטוויקלונג פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. ווען די ארבייטער וועט געלינגען אין דער איצטיגער אטאקע צו צעשמעטערען אט די פעסטונג וועלען אלע איבריגע אינדוסטריעלע אויטאקראטען זיך שוין לאנג ניט קענען האלטען. וועלען זיי דעם מאל אויך דורכפאלען וועט עס מיינען א ווייטערער לאנג יאהריגער קאמף ניט בלויז מיט'ן שטאל טראסט נאר מיט די אלע איבריגע, וואס געהען אין זיינע וועגען.

אבער אלע שאנסען זיינען איצט אויף דער זייט פון די ארבייטער און אויב נאר די אייניגקייט צווישען זיי וועט אנהאלטען זיינען זיי זיכער מיט א זיעג.

דעם מאל האבען די ארבייטער ליעדערס געמאכט גאר אויסערגעוועהנליכע פארברייטונגען צו זייער קאמף. זיי האבען געלערענט פון ערפאהרונג אז אט די מעכטיגע פעסטונג קען ניט געשטירצט ווערען דורך אן אטאקע פון איין פראנט בלויז און זיי האבען זיך צוגעגרייט צו אטאקירען זי אויף אלע פראנטען מיט אמאל. פאר דעם צוועק האט די אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר אונטערנומען א גאנץ נייע טאקטיק, וועלכע ווערט איצט צום ערשטען מאל פון איהר אויסגעפרובט.

פון די גרויסע הכנות וואס די ליעדערס פון דער פעדערישאן האבען געמאכט זעהט זיך אן, אז זיי אונטערשעצען ניט די גרויסע מאכט פון דעם שטאל־טראסט. עס דארף דעריבער גלייך באטאנט ווערען, אז דאס איז ניט בלויז א קאמף פון די שטאל ארבייטער געגען די שטאל פאבריקען, נאר א קאמף פון אלע ארבייטער פון דער אינדוסטריע געגען דער אויטקראטישער פארוואלטונג פון דער אינדוסטריע; א קאמף פון דער פעדערישאן געגען שטאל טראסט.

דעם שטאל טראסט, וואס קאנטראלירט איינע פון די גרעסטע אינדוסטריען אין אמעריקא, איז ביז איצט געלונגען צו נישט מאכען אלע פארזוכען וואס די ארגאניזירטע אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג האט געמאכט צו יוניאניזירען די ארבייטער אין די שטאל פאבריקען און שמעלצערייען. אין 1892, און צעהן יאהר שפעטער, אין 1902, האט דער שטאל טראסט געגעבען צוויי גענעראל שלאכטען דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג און איז ביידע מאל ארויס דער זיגער; ביידע מאל איז איהם געלונגען מיט אייזען און בלוט צו דערשטיקען די סטרייקס און ביידע מאל איז ער ארויס טריאומפירענד פעסט אויף זיין פרינציפ פון „אפען־שאפ". פון די צוויי סטרייקס איז דער ערשטער, באקאנט אלס דער האמסטעד סטרייק, געוועזען דער בלוטיגסטער. דאס איז ניט געוועזען א געוועהנליכער סטרייק, נאר אן אמת'ע מלחמה צווישען די געדונגענע משרתים פון טראסט, די פינקערטאן דעטעקטיווס, און די סטרייקערס. עס איז געוועזען א שלאכט, אין וועלכער די סטרייקער האבען געקעמפפט מיט קאנאנען און האבען געצוואונגען די פינקערטאנס זיך אונטערצוגעבען. דאס איז אבער געוועזען בלויז פון אנפאנג. שפעטער האט די סטיט רעגירונג געשיקט סאלדאטען און דער סטרייק איז דערטרונקען געווארען אין א ים בלוט.

דער סטרייק אין 1902, וועלכער האט געדויערט פון דעם 1טען יולי ביז דעם 15טען סעפטעמבער, איז שוין ניט געוועזען אזא בלוטיגער קאמפף, ווי דער האמסטעד סטרייק, אבער ער האט ניט געפיהרט צו קיינע בעסערע רעזולטאטען. ער האט זיך געענדיגט מיט א סעטלמענט, אין וועלכען די ארבייטער האבען נאכגעגעבען אויף דעם וויכטיגסטען פונקט, דאס רעכט פון קאלעקטיווע פארהאנדלונגען, און עס פארשטעהט זיך, אז זיי האבען צוליעב דעם גארנישט אויסגעפיהרט.

נאך אזוינע צוויי זיעגען איז דער טראסט געווארען נאך מעהר טיראניש אין באצוג צו די ארבייטער, ווי ווען עס איז פריהער. ער האט אריינגענומען אין זיינע הענט די פאליטישע מאכט אין דער פיטסבורג געגענד און אין אלע אנדערע שטעדט און שטעדטלעך, וואו זיינע פאבריקען געפינען זיך, און האט אויף אלערליי אופנים ניט דערלאזט די ארגאנייזערס פון דער אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר צו ארגאניזירען די שטאהל און אייזען ארבייטער. די שטאט'טישע אדמיניסטראציעס אין דעם שטאהל ראיאן געפינען זיך אונטער דעם קאנטראל פון דעם טראסט, די דזשאדזשעס זיינען אונטער זיין איינפלוס און די בכבוד'ע שטאדט באלעבאטים זיינען אויף פארשיידענע אופנים פארבונדען מיט דעם טראסט און זיי אלע צוזאמענגענומען האבען ניט אריינגעלאזט קיין אויסערן איינפלוס אין זייערע טעריטאריעס.

איז אנגעקומען אן ארגאנייזער, האט ער ניט געקענט געפינען קיין איינציגען האל וואו צו האלטען א מיטינג. האלטען א פארזאמלונג אין גאס האט איהם די פאליציי ניט געגעבען קיין ערלויבנים. האט ער עס פראבירט טאן אהן אן ערלויבנים, איז ער באלד ארעסטירט געווארען פון דער פאליציי פאר שטערען דעם „גאסען פארקעהר", און דער דזשאדזש פלעגט איהם באשטראפען און הייסען זיך אפטראגען וואס שנעלער. האט ער עס ניט געטאן, האט ער גאנץ אפט באצאהלט מיט זיין לעבען. זיבען ארגאנייזערס זיינען ערמארדעט געווארען אין דעם שטאהל ראיאן בלויז אין די לעצטע 12 וואכען.

האט א קאמיטע פון ארבייטער ווען עס איז געוואגט צו געהן צו אירגענד וועלכען פארוואלטער פון א שטאהל פאבריק און בעטען ביי איהם א פארלייכטערונג אין זייער לאגע, האט דער טראסט אלעמאל ארויסגעגעבען איינעם און דעמזעלבען ענטפער: אפזאגען די קאמיטעלייט פון זייערע דזשאבס.

די אגענטען פון שטאהל־טראסט האבען אלעמאל געהאלטען אן אויג אויף די ארבייטער און אויב זיי פלעגען באמערקען אימיצען פון זיי געהן צו א געהיימען מיטינג, פלעגט זיין נאמען גלייך פארשריבען ווערען און אויף מארגען פלעגט ער שוין אנטזאגט ווערען פון דער ארבייט.

דער טראסט האט, פארשטעהט זיך קאנטראלירט די לאקאלע פרעסע, וועלכע פלעגט די גאנצע צייט העצען געגען דער פעדערישאן, באקעמפפען יוניאניזם אלס „אונאמעריקאניש" און פארשטעלען די פעדערישאן לידערס אלס א „באנדע באלשעוויקעס".

אזא צושטאנד האט געהערשט אין דער שטאהל קעניגרייך ביז וואנען דער סטרייק איז אויסגעבראכען.

די אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר האט נאך אויף איהר קאנווענשאן לעצטען יאהר אין סעינט פאול באשלאסען צו מאכען אן ענד צו דעם צושטאנד אין דער שטאהל אינדוסטריע. זי האט באשלאסען צו מאכען אן ערנסטען פארזוך איינצופיהרען יוניאן באדינגונגען אין די שטאהל פאבריקען, אבער צוליעב דער

האט איהר אפשר געזעהן א רעוואלוציע?

(פעליעטאן.)

פון א. וואהלינער.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Sept. 26, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

ווי זינגט עס זיך דארט אין שיר השירים? און איך וועל געהן איבער די גאסען און וועל פרעגען אלע טעכטער פון ציון: האט איהר ניט געזעהן מיין געליעבטען?...

איך מיין: מען האט אונז בעת דער מלחמה און באלד נאכ'ן שליסען דעם וואפענשטילשטאנד אלץ געסטראשעט מיט א סאציאלער רעוואלוציע. האט מען אזוי געזאגט: פריהער רוסלאנד, נאכדעם אונגארן, שפעטער דייטשלאנד, דאן גאנץ אייראפא, און צולעצט—אמעריקא. נו, געה איך איצט ארום ווי יענע שווארץ־חנ'עוודיגע שולמית און פרעג: טעכטער פון ציון און זיהן פון ניו יארק און אומגעגענד, האט איהר אפשר געזעהן א רעוואלוציע?

בעת דער מלחמה און באלד נאכדעם, ווי די מלחמה האט זיך געענדיגט, און אפט נאך עד היום הזה הערט איהר פון אלע זייטען: די וועלט איז קראנק, און קראנק איז זי אויף רעוואלוציע און אויף באלשעוויזם.

און די סמנים פון דער קראנקהייט, האט מען געזאגט, זיינען אזעלכע: געהט א מענש ארום פריש און געזונט, און פלוצלינג ווערט איהם רויט פאר די אויגען. און אז ער דערזעהט די רויטע פארב, פלוידערט ער: קאמעראד!" און „דיקטאטור"! און ווען ער דערהערט די ווערטער „בורזשואזע ארדנונג", ווירקט עס אויף איהם ווי א רויטער טוך אויף אן אקס. און אז דער פיבער דערגרייכט שוין די העכסטע שטופע, רייסט זיך דער קראנקער צו נאציאנאליזאציע, עקספראפריאציע און צו נאך עטליכע געפעהרליכע „אציעס".

און עס איז א געפעהרליכע קראנקהייט, און געניטע דאקטוירים האבען געזוכט די אורזאך פון דער קראנקהייט און רפואות געגען איהר.

האבען אייניגע געזאגט, אז די קראנקהייט קומט פון א לעדיגען מאגען. און אנדערע האבען געזאגט, אז זי קומט פון בלוט־ארימקייט; דאס הייסט, אז די מלחמה צאפט ביי אייניגע אפ א היבש ביסעל בלוט, קומט באלשעוויזם און בכלל רעוואלוציאנערישקייט. און עס איז פאראן א סברא, אז אידען אין איירא־פא און אימיגראנטען אין אמעריקא האבען פאר'סמ'ט אלע ברונימער מיט רעוואלוציאנערע און באלשעוויסטישע באצילען. און ווען די ארימע קריסטליכע שעפסעלעך אין איירא־פא און די יענקים אין אמעריקא קומען זיך אנטרינקען צו די ברונימער, ווערען זיי, נעבאך, פארגיפטעט.

אט אזעלכע אורזאכען האט מען אנגעגעבען פאר דער קראנקהייט. און רפואות האט מען פארגעשלאגען פארשידענע.

האט פראפעסאר ווילסאן און דאקטאר הואווער, למשל, פארשריבען אזא רעצעפט: טעגליך צהן אונץ ברויט, א האלב פונט פלייש, א שארפע דאזע שלום און א היבשע פארציע ארבייט. און דער עולם האט געשמועסט, אז עס איז גארניט קיין שלעכטער מיטעל.

איז אבער געקומען קלעמענסא און האט געזאגט: ער האט א בעסער מיטעל. און זיין רעצעפט איז געוועזען: א פאר רעגימענטען, א פאר קאנאנען, עטליכע מיליאן בלייענע קוילען, און די קראנקהייט — מאכט ער — וועט אוועקגענומען ווערען ווי מיט דער האנט.

און פאן פאדערעווסקי און פאן דמאווסקי האבען צוגעשטימט צו דער רפואה, נאר זיי האבען נאך צוגעגעבען צו דער מיקסטור — א פאר טויזען פאגראמען אויף אידען.

פארשידענע אורזאכען האט מען אנגעגעבען פאר דער קראנקהייט און פארשידענע רפואות האט מען פארגעשלאגען און טאקע איינגעגעבען דער קראנקער וועלט. אבער די קראנקהייט איז נאך אלץ ניט פאראיבער, ווייל איהר הערט דאך: די דאקטוירים אליין סטראשען מיט איהר ביי יעדער גינסטיגער און אונגינסטיגער געלעגענהייט.

ווילסאן, למשל, זאגט: אויב מען וועט באלד ניט אננעהמען דעם שלום־אפמאך, איז— רעוואלוציע און באלשעוויזם. און א געוויסער עקס־סענאטאר לואיס פון שיקאגא, וואס וויל זעהר מאכען פון דער אייזענבאהן־פראגע א מעכטיגע דעמאקראטישע „אישו" פאר די קומענדע פרעזידענט־וואהלען, סטראשעט: אויב מען וועט ניט נאציאנאליזירען די באהנען, די אויל־פעלדער און די קוילען־גריבער, איז — באלשעוויזם און רעוואלוציע. און רומעניען זאגט: אויב מען וועט זי ניט באפרייען פון די גאראנטירטע אידען־רעכט, איז — באלשעוויזם און רעוואלוציע. און אזוי אלע.

און די „לינקע" אונזערע און די „קאמוניסטען" און אלע אנדערע קראנקע און האלבקראנקע האלטען דאך אודאי אין איין אנווויזען: אט איז זי די רעוואלוציע!

און איך געה ארום און פרעג אלין: האט איהר זי ניט געזעהן, די דאזיגע וועלט־רעוואלוציע?

און ניט נאר איך געה ארום און קוק זיך אום די אויגען אויף איהר און זוך און נישטער און קען זי ניט געפינען. אזוי געהען ארום איבער דער גאנצער וועלט און איבער גאנץ אמעריקא און ספעציעל אין ניו יארק פאליסליים און דעטעקטיווס און פאטריאטישע ארגאניזאציעס און געוויזענע סאלדאטען און באפרייטע מאטראזען, קוקען זיך אום די אויגען און פרעגען יעדען פארבייגעהער: האט איהר ניט געזעהן די רעוואלוציע?

מיט ליכט זוכט מען זי יעדען טאג. און מיט ליכט האט מען זי געזוכט דעם פערטען

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly.

Published every Friday by the International Ladies Garment Workers' Union office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126

B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.

Subscription price paid in advance, $1.50 per year.

VOL. I. No. 37. — Friday, September 26, 1919

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

וואך-ארבייט פאר די קלאוקמאכער פון פילאדעלפיא.

ענדליך האט אויך פילאדעלפיא ערוואכט. אבער ניט דאס איז דער וואונדער, ווייל מיר זיינען גארניט פון דער מיינונג, אז פילאדעלפיע איז א פארשלאפענע שטאדט. דער וואס קען די געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג, דער ווייס, אז פילאדעלפיא האט זיך אמאל אויסגעצייכענט מיט איהרע סטרייקס און מיט איהר גאנצער ארבייטער-באוועגונג. יעדענפאלס איז עס זיכער, אז זי האט זיך קיינמאל ניט נאכגעשלעפט פון הינטען. זי איז געווען אימער אין די פראנט-רייהען. און דערפאר איז ניט דאס דער וואונדער, וואס די קלאוקמאכער יוניאן אין פילאדעלפיא האט ענדליך ערוואכט צו דער נויטיגקייט פון איינפיהרען די סיסטעם פון וואך-ארבייט אנשטאט דער סיסטעם פון שטיק-ארבייט, נאר ווארום פילאדעלפיא האט אזוי לאנג זיך געקליבען דערצו.

דאס קען נאר ערקלעהרט ווערען מיט דעם, וואס זאנדערבאר און וואונדערבאר זיינען אפט די וועגען פון אן אידעע. אט קומט אויף אן אידעע אין איין פלאץ, אין א געוויסען לאנד, און מיט דער שנעלקייט פון א בליץ ווערט זי אויפגעכאפט און אנגעווענדעט אין די ווייטסטע לענדער, און דאך גראדע א פלאץ, וואס איז אם נאהענטסטען, היפט זי אזוי ווי איבער, און אלעס בלייבט דארט אויף דעם אלטען שטייגער, אזוי ווי עס וואלט נארניט געבארען געווארען אזא נייע אידעע, וואס האט אומגעשטאלט די גאנצע וועלט.

עטוואס ענליכעס האט פאסירט מיט די קלאוקמאכער פון פילאדעלפיא, כאטש זי איז ווירקליך נאר א תחום שבת פון ניו יארק. עס האט זיך גע'רעש'ט מיט דער רעוואלוציע אין דער קלאוק-אינדוסטריע אין ניו יארק, און דער איינדרוק איז געווען אזוי שטארק, אז אין פיעלע אנדערע אינדוסטריען אין ניו יארק איז פארגעקומען די זעלבע רעוואלוציע. וואכען-ארבייט, 44 שטונדען — דאס איז געווארען אזוי געוועהנליך, אזוי אלטעגליך, אז מענשען קענען זיך שוין גאר איצט ניט דערמאנען, וואס פאר אן איבערראשונג האט אט דיעזע קורצע פראגראם ארויסגערופען מיט ערשט עטליכע מאנאטען צוריק. פון ניו יארק האט די דאזיגע באוועגונג אריבערגעשפרונגען אין פיעלע אנדערע קלאוק-צענטערס, און זי האט דערגרייכט און איינגענומען פיעלע שטעדט ביז דער ווייטער וועסט, ביז אזש צום פאסיפיק.

און פון איבעראל קומען באגייסטערטע אפרופען אויף דער נייער איינפיהרונג. אלע פריהעריגע קריטיקען האבען פארלארען אין גאנצען זייער זין פנים אל פנים מיט דער ווירקליכקייט, און דאך אין פילאדעלפיא, וואס איז מיט דער האנד צו דערלאנגען, געבליבען אין גאנצען אן א זייט פון דעם גאנצען אויפטו.

פילאדעלפיא איז ביז איצט פון אלע אנדערע שטעדט פון די פאראייניגטע שטאאטען געבליבען ביי איהר אלטען שטייגער פון ארבייט, און כמעט ווי צופריעדען צו זיין אט די מערקווירדיגע אויסנאהמע.

ענדליך אבער, ווי געזאגט, איז אויך געקומען די צייט פאר פילאדעלפיא. נאר אפילו איצט, נאך דעם, ווי די וואכען-סיסטעם אין ניו יארק האט אויסגעהאלטען אזא גלענצענדע פראבע, האבען זיך געפונען אויף דעם גרויסען מיטינג אין ארטש סט. טעאטער לעצטען דאנערשטאג א היבשע ביסעל אונגלויביגע טאמאסעס, וועלכע האבען געשטעלט אלערליי מאדנע פראגען און געמאכט אלערליי אונמעגליכע פאדערונגען, אויב מען וויל, אז זיי זאלען מרוצה ווערען צו דער איינפיהרונג פון אט דער שרעקליכער וואך-ארבייטס-סיסטעם.

דער שרייבער פון די צייל ען איז געווען איינער פון די איינגעלאדענע רעדנער צו דעם מיטינג, איינבארופען פון דעם דזשאינט באארד פון דער פילאדעלפיער קלאוקמאכער יוניאן, און ער איז געווען באמת איבערראשט פון די מאדנע איינוועגדונגען און מאנכע פאדערונגען פון די געגנער פון וואך-ארבייט.

די הויפט-פאדערונג פון די מייסטע, וועלכע האבען גענומען דאס ווארט, איז געווען פאלגענדע: ווי באלד מען וויל פון אונז, אז מיר זאלען איינשטימען צו ווערען וואך-ארבייטער, ווילען מיר ניט אנדערש, אז די באסעס זאלען אונז גאראנטירען אזוי פיעל און אזוי פיעל ארבייטס-וואכען אין יאהר. אז ניט, ווילען מיר ניט.

דער ריכטיגער פשט פון דער טענה איז נאטירליך דער: וויבאלד איהר ווילט, אז מיר זאלען אויפגעבען אזא טייערע ארבייטס-סיסטעם, ווי שטיק ארבייט, אונטער וועלכען עס איז אונז געווען אזוי וואויל ווי די וועלט, און ווילט עס פארביטען אויף דעם פאראסטען, שקלאפישען סיסטעם פון וואך-ארבייט, טו זאגט אונז וועניגסטענס צו, אז מיר וועלען האבען אזויפיעל און אזויפיעל ארבייט!

עס האט, ווי עס האט זיך אונז אויסגעדוכט, געמאכט א קנאפען איינדרוק אויף דיעזע ליעבהאבער פון דעם באנדעל-סיסטעם דער פאקט, דאס אונטער זייער טייערען סיסטעם זיינען אין סאמע סיזאן א העלפט פון די קלאוקמאכער אומגעגאנגען לעדיג און געליטען פשוט הונגער, וועהרענד די אנדערע גליקליכע העלפט פון די קלאוקמאכער האבען פארשלונגען די באנדעלס מיט גרויס אפעטיט. עס האבען אויך, דאכט זיך, ניט געמאכט קיין טיעפען איינדרוק די אנדערע ארגומענטען, אז די מייסטע באסעס, וואס זיינען ניט קיין מיליאנערען, קענען קיינמאל ניט נעהמען אויף זיך אזא אחריות, און, אויב יע, וועלען זיי עס קיינמאל ניט קענען ערפילען, אדער דער ארגומענט, אז אזא מין איינפיהרונג קען רויבען פיעלע ארבייטער פון דער מעגליכקייט צו מאכען א לעבען, וואס די יוניאן, וועלכע מוז נעהמען אין אנבאטראכט די אינטערעסען פון אלע איהרע מיטגלידער, מוז זעהן צו פארהיטען. דער געשריי פון די מייסטע איז געווען: אויב יע וואכען-ארבייט, מוזען מיר זיין גאראנטירט מיט א באשטימטער צאהל ארבייטס-וואכען אין סעזאן.

און אט די אלע טענות האבען געמאכט א דאס פיינליכערען איינדרוק איצט, נאך דעם, ווען דער וואך-סיסטעם האט איבעראל אויסגעהאלטען זיין גלענצענדסטע פראבע, כאטש ער איז נאך איצט באדייטענד געשטערט פון דעם פאקט, דאס נאר פיעלע ארבייטער האבען נאך ביז איצט ניט געקענט באפרייען זיך פון דער פריהעריגער באנדעל-פסיכאלאגיע.

און ווען מיר האבען פארלאזען דעם מיטינג, האט ווירקליך א פיינליכער געפיהל געדריקט די הארץ: ווי לאנג מוז עס נאך נעהמען, ביז די ארבייטער וועלען קומען צום שכל?

געוויס האבען מיר פארשטאנען, אז דאס האט גערעדט דער אלטער קאנסערוואטיווער גייסט פון די מענשען, דער גייסט, וואס שרעקט זיך פאר אלץ, וואס איז ניי, וואס שלאגט אן א נייעם טאן, וואס ברעכט דורך א נייעם וועג. אבער דאס שמערצליכע דערביי איז, דאס צווישען די, וועלכע האבען געמאכט זייערע מאדנע איינוועגדונגען און פאדערונגען, זיינען געווען מענשען, וועלכע וואלטען זיך געפיהלט שטארק באליידיגט, ווען איהר ערקלעהרט זיי אלס קאנסערוואטיוו, אלס רעאקציאנער. זיי אלע האלטען זיך פאר שרעקליך פארטגעשריטען, און דאך, אז עס איז געקומען צו דער פראגע פון וואכען-סיסטעם, האט מען געזעהן בחוש, אז אלע זייערע ארגומענטען האבען זייער גרונד אין דעם שרעק פאר דאס נייע, פאר דאס אונבאקאנטע.

און, ווי געזאגט, מיר האבען זיך געפיהלט זעהר געדריקט פון דעם מיטינג, ביז מיר האבען ערהאלטען פון פריינד אמדור די אמת-פרעהליכע בשורה, אז צוויי-דריטעל פון די אנוועזענדע אויף דעם מיטינג האבען געשטימט פ א ר דעם נייעם סיסטעם פון וואך-ארבייט.

מיר גראטולירען די פילאדעלפיער קלאוקמאכער-יוניאן מיט איהר באשלוס. עס איז ווירקליך א באשלוס פון געזונטען פארשטאנד, פון א קלארער איינזיכט פון דער ווירקליכער לאגע, פון אן ענטשידענעם ענטזאגען-זיך פון דער גרויסער מאסע קלאוקמאכער זיך צו לאזען פארדרעהען א קאפ פון אלערליי פוסטע פראזען און פון אלערליי פאנטאסטישע און אונמעגליכע פאדערונגען.

מיר גראטולירען דעם דזשאינט באארד, וואס ער האט בעסער, ווי די עטליכע שרייער, געפיהלט דעם וואונש פון די גרויסע מאסען, און האט פארגעבראכט דעם פארשלאג פאר דער ענדערונג פון דעם סיסטעם פון שטיק-ארבייט, דערביי ניט מאכענדיג די ארבייטער פארשפרעכונגען, וועלכע דער דזשאינט באארד האט געוואוסט, אז ער קען ניט און טאר ניט מאכען.

דאס איז געווען גראדע דאס שווערסטע שטיק ארבייט, אויסצוגעפינען אויף זיכער דעם סענטימענט, ניין, דעם פארלאנג פון די מייסטע קלאוקמאכער.

איצט קומט דער צווייטער טייל, די אויסארבייטונג פון די סקיילס, די שטונדען און אנדערע באדינגונגען, וואס נעהען צוזאמען מיט דעם וואך-ארבייט-סיסטעם, וואס וועט וואהרשיינליך אין גיכען אויפגעטאן ווערען.

דאס לעצטע קומט, נאטירליך, די איינוויליגונג פון די קלאוק-מאנופעקטשורערס. וועלען זיי נאכגעבען די פאדערונגען פון די ארבייטער? דער שכל הישר זאגט, אז זיי וועלען, אז זיי דארפען עס נאכגעבען מיט גוטען. זיי מוזען דאך פארשטעהן, אז וועהרענד איבעראל איז שוין איינגעפיהרט אין דער גאנצער קלאוק-אינדוסטריע די סיסטעם פון וואך-ארבייט, קען פילאדעלפיא ניט בלייבען לאנג קיין אויסנאהם. דאס קען די אינטערנעשאנאל ניט דערלאזען. די מאנופעקטשורערס ווייסען אויך, אז די קלאוקמאכער אינדוסטריע אין פילאדעלפיא איז הונדערט פראצענט ארגאניזירט. טו וואס קען עס זיי העלפען זיך שטעלען דאגעגען?

עס איז אלזא העכסט-מעגליך, אז די דאזיגע רעוואלוציע אין דער קלאוק-אינדוסטריע אין פילאדעלפיא זאל זיין נאך א פיעל שטילערע, ווי זי איז געווען אין ניו יארק. נאר טאמער וועלען די באסעס דוקא זיך איינשפארען, וועלען די קלאוקמאכער פון זייער זייט קעמפפען מיט אלע זייערע כחות פאר דעם נייעם סיסטעם. דער אלטער סיסטעם, אונטער וועלכען עס איז מעגליך געווען, אז א העלפט פון די קלאוקמאכער, מיטגלידער פון דער יוניאן, זאלען ארומגעהן לעדיג, אפילו ווען מאנכע האבען געמאכט אין איין וואך די ארבייט פון דריי, איז פארדאמט צום טויט. ער מוז שטארבען און וועט שטארבען. עס איז דארום נאר א פראגע פון עטליכע וואכען, ווען אויך די קלאוקמאכער-אינדוסטריע אין פילאדעלפיא וועט אוועקגעשטעלט ווערען אויף דעם געזונטען באזיס פון וואך-ארבייט.

אונזער גראטולאציאן צו די לײדיעס טײלארס, לאקאל 80.

עס איז געווען א גרויסער קאמפף און א גרויסער זיעג, מיט וועלכען די לײדיעס טײלארס מעגען ווירקליך שטאלצירען. דער דאזיגער שנעלער זיעג, און דער פאקט, וואס די לײדיעס טײלארס יוניאן האט אויסגעפיהרט הונדערט פראצענט פון די געשטעלטע פאדערונגען,—און פאדערונגען ווייט ניט קיין אומבאדייטענדע אפילו פאר דער איצטיגער צייט: 50 דאלאר א מינימום פאר א 44-שטונדיגער ארבייטס-וואך, און די אלע אנדערע פאדערונגען, וואס מאכען די יוניאן פאר א מאכט אין שאפ — דאס אלעס איז דער בעסטער באווייז, אז די לײדיעס טײלארס זיינען ניט ארויס אין קאמפף פון עלער הוים, נאר דאס זיי זיינען געווען גוט פארבארייטעט, שטארק ארגאניזירט, אזוי אז די מאנופעקטשורערס האבען נאר קיין אנדער ברירה ניט געהאט, ווי צו באוויליגען אלעס, וואס די ארבייטער האבען פארלאנגט.

דער דאזיגער שנעלער זיעג איז אויך דער בעסטער באווייז פאר דעם טאקט, פאר דער פעהיגקייט, מיט וועלכע דער קאמפף איז אנגעפיהרט געווארען. אבער דאס איז געווען פון אנפאנג אן א זיכערע זאך; די אנפיהרערשאפט פון דעם לײדיעס טײלארס קאמפף האט ניט געקענט ליידען פון טאקטלאזיגקייט. אזוי שנעל ווי עס איז באקאנט געווארען, אז דער אנפיהרער זיינער איז ברודער לעפקאוויטש, וויס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכער איז שוין א וועטעראן אין דער הינזיכט.

עס איז אויך קלאר, אז זיינע מיטפיהרער און מיטהעלפער זיינען געווען די פאסענדסטע פערזאנען, ווייל ווען ניט דאס, וואלטען זיי מיט זייער'ע פאראייניגטע כחות די בעסטע פיהרערשאפט קאליע געמאכט.

דער שנעלער זיעג איז אויך דער בעסטער באווייז, אז די גאנצע לײדיעס טײלארס יוניאן איז דאס מאל געווען ערפילט פון איין גייסט, פון איין וואונש: צו זיעגען.

דאס אלעס איז קלאר. עס איז אבער דא נאך אן אורזאכע, וואס דער זיעג איז געקומען גאנץ שנעל, און דאס איז, וואס די פאדערונגען, וואס די יוניאן האט געשטעלט, גרויס און שעהן ווי זיי מעגען אויסזעהן, זיינען זיי אבער בשום אופן ניט קיין עקסטראוואגאנטע פאדערונגען. די לײדיעס טײלארס האבען ניט פארלאנגט אונמעגליכעס. זיי האבען פארלאנגט דאס, וואס קומט זיי מיט רעכט.

מיר האלטען פאר נויטיג דאס צו באטאנען, ווייל עס קען זיין, אז צווישען די לײדיעס טײלארס זאלען זיין איצט אזעלכע, וועמען עס פארדריסט, וואס זיי האבען געשטעלט אזעלכע „געמעסיגטע" פאדערונגען. זיי טראכטען מסתמא: ווי באלד די באסעס האבען נאר אהן פיעל שוועריגקייטען נאכגעגעבען די געשטעלטע פאדערונגען, וואלטען זיי אודאי ניט שטארק געשטעלט זיך, ווען דער געפאדערטער מינימום וואלט געווען מיט 5 דאלאר מעהר, 55 אנשטאט 50, אדער מיט א פאר שטונדען ווייניגער א וואך. אויב עס זיינען ווירקליך דא אזעלכע מענשען צווישען די לײדיעס טײלארס, וואס מיר גלויבען עס קוים, מוזען מיר זיי זאגען, אז זיי מאכען א טעות; די יוניאן וואלט ווירקליך געמאכט איהר גרעסטען פעהלער ווען זי שטעלט אזעלכע פאדערונגען, אפילו ווען זי וואלט געקענט צווינגען די באסעס פאר דעם מאמענט עס נאכצוגעבען. ווארים עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז דאן וואלטען די באסעס געזוכט אלע מיטלען און וועגען, ווי אראפצוווארפען פון זיך דעם שווערען יאך, און עס וואלט געשאפען געווארען דורך דעם א צושטאנד, וואס איז ווייט ניט געזונד פאר דאס געדייהען פון דער יוניאן.

דער מינימום פון 50 דאלאר פאר א 44-שטונדיגער ארבייטס-וואך איז אזעלכער, מיט וועלכען די לײדיעס טײלארס דארפען זיך ניט שעהמען. נאר ווייניגע ארבייטער אין די פארשיעדענע אינדוסטריען אין אונזער לאנד האבען שוין ערקעמפפט אזא מינימום און אזעלכע ארבייטס-שטונדען. ניט נאר זיי דארף ניט פארדריסען, ווייל ער האט געקענט זיין מיט א פאר דאלאר מעהר, אפשר; נאר זיי מעגען שטאלצירען דערמיט. אין דער אינטערנעשאנאל זיינען די לײדיעס טײלארס דער ערשטער לאקאל, וואס האט אויסגעפיהרט אזא מינימום.

נאטירליך, מיינט עס ניט צו זאגען, אז דאס איז שוין דער גרענעץ. מיט דער צייט וועלען די לײדיעס טײלארס קענען מעהר פארלאנגען, און זיי וועלען עס אויך קריגען. אבער פאר דערווייל איז דאס פאלשטענדיג צופרידענשטעללענד. און אלעס, וואס די לײדיעס טײלארס בלייבט איצט צו טאן, איז צו פייערען זייער גרויסען זיעג, וואס דאס איז זעלבסטפארשטענדליך, און זעהן, אז זייער יוניאן זאל אין דער קומענדער פריעדענס-צייט בלייבען אזוי שטארק, אזוי פעסט ווי אין דער צייט פון קריעג.

אהן דעם איז דער זיעג ווייט ניט זיכער. אהן דער יוניאן און איהר שטענדיגער וואכזאמקייט קען אט דער גאנצער גרויסער אויפטו ווערען צו נארנישט. די

...ין געווען נאר א קינד, און ווען ער [ה]אט ניט געשענקט איהר די מינדעסטע אויפמערקזאמקייט, ווארפט ער פון זיך אראפ גאר אהן פיעל מיה אלע זיינע פליכטען, ער פארלאזט זיין פרוי און קינד און געהט אנפאנגען א נייעס לעבען מיט זיין געליעבטער.

ניט אזוי האנדעלט דער בעקער. ער פיהרט מיט זיך אליין א שווערען קאמף; ער וויל בשום אופן ניט אונטערגעבען זיך זיינע געפיהלען. ער טרייבט פון זיך די יונגע אלמנה, וועלכע ער האט אזוי שטארק ליעב, כאטש נאר מיט א פיזישער ליעבע. זיין ווארט, וואס ער האט געגעבען זיין פרוי, די צעהן יאהר וואס ער האט מיט איהר געלעבט, הענגען אויף איהם, ווי שווערע קייטען, וועלכע ער קען ניט אזוי לייכט צוברעכען, ווי דאס איז דער פאל ביי דעם „פראפעסאר", און אפילו ווען ער דערוויסט זיך, אז זיין פרוי איז ניט געווען איננאנצען אפענהערציג מיט איהם, אז זי האט איהם געגעבען האפנונגען, אז ווען־עס־איז וועט זי איהם דאך האבען א קינד, כאטש זי האט גוט געוואוסט, אז דאס איז א ליגען, ווייל א דאקטאר האט איהר פארזיכערט, אז זי וועט קיינמאל קיין קינדער ניט האבען, אויך דאן אנטלויפט ער פון זיין הויז, אבער ניט מיט דער אלמנה, נאר אליין, אזוי אז עס קומט אויס, אז גיכער אנטלויפט ער פון דער אלמנה, און ניט פון זיין פרוי, פיהלענדיג, אז אונטער די נייע אומשטענדען וועט ער ניט קענען מעהר מיט ערפאלג קעמפפען געגען די ליעבע־פארפאלגונגען פון דער שעהנער יונגער אלמנה.

דא האבען מיר אלזא פאר זיך צוויי מענשען, איינער פון וועלכע איז א טיעף־עהרליכע נאטור, כאטש אויסערליך איז ער גראב, אונגעהובעלט, אונגעבילדעט. און דער צווייטער, כאטש אויסערליך מאכט ער אויף אונז א גאנץ גוטען איינדרוק, דאך אין דער אמת'ען, איז ער פלאך, כאראקטערלאז, און ער, דער בלומרשט־געבילדעטער, ערשיינט קליין און נישטיג לגבי דעם פראסטען, אבער גרונד־עהרליכען און עהרענהאפטען בעקער.

פארשטעהט זיך, אז ווען דער „פראפעסאר", דער דראגיסט, וואלט ווירקליך באהערשט געווארען פון א שטארקער, אונבאזיגבארער ליעבע, וואלט מען צו איהם גארניט ניט געקענט האבען, וואס ער פארלאזט זיין פרוי. אבער ווען מען קוקט זיך גוט צו, זעהט מען, אז גיכער פון אלץ איז דורך דער נייער ליעבע געשמייכעלט געווארען זיין עגאאיזם, זיין איינגעליעבע. ניט ער פארליעבט זיך אין דער מיידעל, נאר די מיידעל פארליעבט איהם אין זיך. ביי דער ערשטער באגעגעניש, גלייך ווי די מיידעל דערצעהלט איהם, אז נאך מיט צעהן יאהר צוריק האט זי איהם ליעב געהאט, ווערט ער שוין צוקראכען און פארלארען און מאכט ניט דעם מינדעסטען פארזוך צו קעמפפען געגען דעם נייעם געפיהל. די גאנצע 10 יאהר פון צוזאמענלעבען מיט זיין פרוי ווערען אזוי ווי אויסגעמעקט פון זיין זכרון און הארצען. דאס ביסעל בילדונג, וואס ער באזיצט, פארזארגט איהם מיט אלערליי ארגומענטען, אז ער טוט דא גארניט קיין שלעכטעס.

גאנץ אנדערש איז אבער דער פאל מיט דעם פראסטען, גרונד־עהרליכען בעקער. צוערשט, ווען ער הויבט אן פיהלען זיך עטוואס שוואך, שרייבט ער א בריעף אין זיין צייטונג, אנפרעגענדיג אן עצה, וואס זאל ער טאן: עס איז א גוטער פלאץ, ער פארדיענט דארט גאנץ שעהן, אבער זיין עהרענהאפטיגקייט איז דארט אין געפאהר; ער וויל ניט פארלירען זיין פרוי; ער וויל ניט צוברעכען איהר לעבען. דאס געפיהל פון דער נייער ליעבע איז ביי דעם בעקער ווירקליך גאנץ שטארק, אבער זיין עהרען־געפיהל איז נאך שטארקער. ער ארגומענטירט ניט. ער פיהלט אבער אינסטינקטיוו, אז צו האנדלען אנדערש, נאכגעבענדיג זיינע געפיהלען, וועט זיין ניט שעהן, ניט עהרליך. און דער דאזיגער אונטערשיעד צווישען די צוויי מענשען ווערט דורכגעפיהרט ביז'ן סאמע סוף.

ווערענד דער „פראפעסאר" קעהרט זיך אום צוריק צו זיין פאמיליע, ווייל זיין נייע געליעבטע האט איהם פארלאזען, איז אבער דער פאל מיט דעם בעקער גאנץ אנדערש.

די אלמנה געפינט איהם אויס אזש אין מעקסיקא, וואוהין ער איז אנטלאפען פון איהר. עלענד און איינזאם איז זיין לעבען דארט. און עס איז שווער פאר איהם ווידערצושטעהן דעם רייץ און דער ליידענשאפטליכקייט פון דער אלמנה.

אבער זיין שטאנדהאפטער כאראקטער זיעגט דאך, און ווען אין מיטען דערינען קומט אן זיין פרוי, פארעלטערט, צובראכען, איז ניטא ביי איהם דער מינדעסטער קלעהר וועגען דעם, מיט וועמען ער זאל געהן.

דאס איז אין קורצען דער אינהאלט פון ליבין'ס נייעסטער פיעסע, און, לויט מיין מיינונג, סיי צוליעב דער שילדערונג פון די ביידע כאראקטערע און סיי צוליעב דעם, וואס די פיעסע איז געבויט, מעהר אדער וועניגער, סאליד, אזוי אז דאס מעלאדראמאטישע איז כמעט ווי ניטא, אויסער דא און דארט, געהערט די דאזיגע פיעסע צו די בעסערע פון ליבין'ס צאהלרייכען רעפערטואר.

די אקטיארען, וואס באטייליגען זיך אין דער פיעסע, שפיעלען אלע זייערע ראלען צימליך גוט. מאדאם ראזע קארפ איז ניט אזוי גוט אין דעם ערשטען אקט, ווייל עס פעהלט די אילוזיאן פון א גאנץ יונגער מיידעל, אבער דערפאר איז זי אויסגעצייכענט אין דעם דריטען אקט, ווען זי ווייזט די טיר איהר פראפעסאר. אויסגעהאלטען שפיעלען זייערע ראלען מאדאם נאדאלסקי, אלס די מוטער פון די טעכטער, און מאדאם רומשינסקי, אלס די עלטערע מיידעל. ס. ראזענשטיין איז ווירקליך גוט, אלס דער איבערפלעכליכער כאראקטער, ווי ליבין שילדערט איהם. פעני לובריצקי שפיעלט נאר ניט שלעכט, צוערשט אלס די נאאיווע יונגע מיידעל, ווען זי איז נאך גאר א „באקפיש", און דאן ווען זי ערשיינט אין לעבען פון דער פאר פאלק אלס ערוואקסענע פריילין, כאטש זי האנדעלט מעהר הינטער די קוליסען אויף דער ביהנע. דאס זעלבע קען מען אויך זאגען וועגען די איבעריגע אקטיארען. א באזונדער ווארט אבער פארדיענט דאס שפיעלען פון סעמועל גאלדענבורג און לודוויג זאץ.

זאץ שפיעלט דעם סעקאנד־הענדיגען שניידער א ביסעל שוין צו קאריקאטורמעסיג, אבער דערפאר מאכט ער דעם גאנצען טעאטער זיך קייקלען פון געלעכטער די גאנצע צייט, וואס ער איז אויף דער ביהנע. ער זינגט אויך א שעהן ליעדעל, לויט דעם שטייגער פון אלע קאמיקער ביז איהם, וואס נעהמט שטארק אויס ביים עולם. ער פרעדיגט זאגאר דארט דעם פאליטישען קאמפף פאר דער פארווירקליכונג פון סאציאליזם; אויך האט ער א ריכטיגע רפואה געגען פאגראמען.

וואס אנבאטרעפט דאס שפיעלען פון סעמועל גאלדענבורג איז עס פון אנפאנג ביז צום סוף ווירקליך אויסגעצייכענט. ער ווערט זיך ניט אונטריי אויף איין מאמענט. מיט יעדען אויפטריט זיינעם ווערט אלץ קלעהרער זיין כאראקטער, וועלכען ער שילדערט, און זיין שפיעלען אין דריטען אקט איז ווירקליך גאר פארטרעפליך. דעם מאמענט פון זיין גרויסער ליידענשאפט, נאך וועלכען עס פאלגט באלד דער מאמענט פון חרטה, פון עקעל געגען זיך און דער אלמנה, פיהרט ער דורך אמת שעהן און גרויס, און זיין שפיעלען מאכט א שטארקען איינדרוק אויף דעם צושויער.

דער קריטיקער.

ימים נוראים

— פון —
דר. ק. לעא

די אידישע ימים נוראים־שטימונג איז היי־יאהר אריין אין דער גרויסער מאדע. זי האט מיט איהרע שרעקענישען און ציטערנישען ארומגעכאפט די גאנצע וועלט און די גרעסטע העכט אין די קאפיטאליסטישע און דיפלאמאטישע טייכען ציטערען „ווי פיש אין וואסער". אלע שרעקען זיך פאר'ן גרויסען, סטראשענדיגען יום הדין וואס קען קומען היינט, אדער מארגען אדער איבער א יאהר, אבער קומען וועט ער. אפילו די גרעסטע אפיקורסים, וואס גלויבען בלויז אין גאלדענעם קאלב, האבען פלוצלונג דערפיהלט, אז ערגעץ וואו, אין די הויכע וואלקענס, טראהגט א יושב סתר, עפעס א געהיימניספולע מאכט, וואס שפינט דעם פאדעם פון מענשליכער געדולד אזוי לאנג, ביז ער צערייסט זיך; עפעס א מיסטישע קראפט, וואס האט פון צייט צו צייט ליעב איבערצוקעהרען מיט'ן קאפ אראפ א וועלט, וועלכע זי האט אליין אויפגעבויט, מאנכע רופען די דאזיגע פאטאלע מאכט „היסטארישע גערעכטיגקייט", מאנכע — „געטליכע השגחה" און מאנכע — סאציאלע רעוואלוציע.

אבער ווי די דאזיגע יושב סתר'דיגע מאכט זאל ניט הייסען — איהר עקזיסטענץ צו לייקענען וואגט היינט ניט אפילו דעם גרעסטער אפיקורס.

די דאזיגע געהיימניספולע מאכט ווארפט פאר די לעצטע פאר יאהר א מורא'דיגען שאטען אויף אלע הויכע פאלאצען, אויף אלע פעסטונגען פון מאכט און לוקסוס, אויף אלע ליכטיגע פריידען פון זארגענלאזע, גוט־געהאדעוועטע מענשען. אבער היינטיגס יאהר האט זיך יענער אומבאגרייפליכער מאכט פארגלוסט צו ברענגען אויף דער וועלט אמת'ע ימים נוראים, טעג פון שרעק און ציטערניש און נעכט פון שלאפלאזיגקייט און צייךקלאפעניש.

קליין און גרויס, פויער און קעניג געהען איצט ארום אין אן ערב ראש השנה־שטימונג און ווארטען אויפ'ן יום הדין.

די שרעקליכסטע ימים נוראים לעבען איצט, פארשטעהט זיך, איבער די אידען אין די פאגראם־מדינות. אזעלכע ימים נוראים האט אפילו דאס אלטע ימים נוראים־פאלק נאך קיינמאל ניט דורכגעמאכט. מיט דעם האק פון פאגראמשטשיק אין רוקען, מיט פארלאשענע האפנונגען און אויסגעוויינטע אויגען, אין דער האנד א „סקרעפ און פייפער", וואס האט אמאל געפיהרט דעם שטאלצען טיטעל „באלפור'ס ציון דעקלאראציע", מיט האס און כעס און רציחה און פארפאלגונגען ארומגערינגעלט פון אלע זייטען — שטעהט איצט דער מזרח־איד, קראצט די עטליכע האר פון זיין בארד, וואס דער פאליאק האט נאך ניט אוספעיעט אויסצורייסען און ווארט אויפ'ן יום הדין. דער יום הדין מ ו ז קומען.

אנהערש איז דאך גאר ניט מעגליך. בלוט איז דאך נישט קיין וואסער. פריהער אדער שפעטער וועט זיך די יושב סתר'דיגע מאכט, ווי זי זאל נישט הייסען, דאך מוזען אפרופען אויף דאס בלוטיגע אומרעכט, וואס האט ארומגעכאפט א וועלט, און פראווען איהר יום הדין און פאדערען דין וחשבון פון פעלקער וואס מארדען און פון פעלקער וואס קוקען דאס צו און שווייגען. א,,דער איד גיט זיין האפנונג ניט אויף! אלעס האט דער אייביגער אפטימיסט פארלארען, נאר ניט זיין בטחון. צווישען די חורבות פון טויט בליהט זיין ליעבע צום לעבען און זיין גלויבען אין א גאט פון נקמה. דאס קענט איהר ארויסלעזען פון אלע בריעף וואס קומען אן פון יענער זייט ים.

און זיך פארקוקענדיג אויף דעם איד, איז די גאנצע וועלט היינט אריינגעפאלען אין א נתנה תוקף־שטימונג און ליגט מיט דעם אויער צו דער ערד הארכענדיג צו דער יום הדין קומט ניט. אלע פיהלען אז ער קומט. די הערשענדע קלאסען לויפען ארום ווי מייז וואס האבען דערשמעקט די קאץ, און זוכען צו באהאלטען זיך אין די לעכער פון פינסטערניס, אין די נארעס פון רעאקציע, אין די שטעקשיך פון קאמפראמיסען. און די באהערשטע שטעהען אויך אפהענגדיג און צוטומעלט און זיינען ניט זיכער, וואס דער גאסט וועט זיי ברענגען. וועט ער קומען אלס זייער ערלייזער? וועט ער זיי פארשרייבען לחיים? אדער אפשר וועט ער, דער גרויסער יום הדין, זיין ווי דער ראש השנה'דיגער: ווי א פאסטוך צעהלט איבער זיין סטאדע און לאזט אלע זיינע שאף, גרויסע און קליינע, דורכגעהן אונטער זיין רוט, אזוי וועט דער גרויסער יום הדין שמייסען דעם צדיק ווי דעם רשע און ניט מבחין זיין צווישען גוט און שלעכט, שולדיג צי אומשולדיג? איהר שפיעלט זיך עפעס מיט'ן גרויסען יום הדין!

ווער קאן קאנטראלירען אן ערד־ציטערניש? ווער קען דעם אלץ־איבערפלייצענדען שטראם זאגען א דעה, אז ער זאל די בערג יא פארפלייצען און די טאלען ניט?...

אזוי צי אזוי, דערווייל איז ימים נוראים־שטימונג אויף דער וועלט. יעדער ציטערט פאר'ן מארגען. יעדער כאפט אריין ה י י נ ט, יעדער וויל פארבעסערען זיין ה י י נ ט, און דעם מארגען לאזט ער איבער אויף גאט'ס באראט. אלע סטרייקס זיינען היינט געציעלט אויף די פארזיכערונג און פארבעסערונג פון ה י י נ ט. ה י י נ ט ווילען מיר א רעיז. מארגען — ווער קעהרט פאר'ן מארגען? מארגען ווילען מיר פארלאנגען מעהר — און אפשר וועניגער. מארגען איז דאך דער יום הדין! ווער ווייס וואס ער וועט ברענגען? אפשר וועט זיך די וועלט איבערקעהרען.

און די הערשענדע קלאסען רעכענען זיך היינט אויך בלויז מיט'ן ה י י נ ט. ה י י נ ט וויל דער שטאל־טראסט ניט נאכגעבען. ה י י נ ט וויל ער נאך אמאר־קראטיווען. אי דער מארגען, דער פינסטערער, דער שרעקליכער מארגען? קעהרט ער ניט. „נאך מיר דער מבול". ווען אלץ וועט זיך איבערקעהרען, וועט ער סאי ווי מוזען מיטגעהן.

און די דיפלאמאטען און וועלט־איינארדנער דענקען אויך בלויז פון ה י י נ ט, און ווילען ראטעווען די חיה שעה, מיט די לעצטע גליקליכע אויגענבליקען. מיט אלע אפענע און געהיימע כחות זוכען זיי היינט צו ראטעווען פאר דער עקזיסטירענדער ארדנונג דאס שטיקעלע צייט וואס איז איהר נאך געבליבען ביז צום יום הדין. מ'רעדט, מ'בעט, מ'סטראשעט, מ'שיסט, מ'בלאפט, מ'מוסר'ט: פארביטערט ניט דער אלטער וועלט די געצעהלטע זיסע טעג וואס זי האט נאך. פארגינט דער פאראורטיילטער איהר לעצטע הוליאנקע! און אז דאס איז איהר ל ע צ ט ע, פיהלען זיי אלע. אבער און ווידער רופט זיך ביי זיי, אין זייערע דיפלאמאטיש־פארשטעלטע רעדעס, ניט ווילענדיג ארויס דער ביטערער אמת, וועלכען זיי טראגען אין הארצען, אז מיר שטעהען פאר א נייער וועלט־ארדנונג מיט נייע באגריפען וועגען רעכט און יושר, מיט א נייער צעטיילונג פון ליכט און שאטען.

א ימים נוראים־שטימונג האט ארומגעכאפט די וועלט. און דאס, צעטראטען אידיש פאלק, איז דערווייל דיין איינציגע נקמה: דיין ימים נוראים'דיגער ציטער איז אריין אין די ביינער פון אלע פעלקער און לענדער, אויך פון דיינע פייניגער.

דער 20 יעהריגער יובילעאום פון די „פרייע ארבייטער שטימע"

דעם נעקסטען אקטאבער ווערט 20 יאהר, זינט די „פרייע ארבייטער שטימע" האט אנגעפאנגען צו ערשיינען. דאס מיינט 20 יאהר אונערמיעדליכע ארבייט פון איהרע נאהענטע פריינד און מיטארבייטער; און פריינד זיינען איהר געווען אלע, וואס האבען זי געלעזען, איבערגעגעבענע פריינד. דען אהן דער פריינדשאפט פון איהרע לעזער וואלט זי ניט געקענט עקזיסטירען, ניט געקענט איבערקומען די אלע שוועריגקייטען, וואס אזא צייטונג ווי די „פרייע ארבייטער שטימע" האט געמוזט בייקומען. און זי איז טאקע די איינציגע וועכענטליכע צייטונג אין אידיש, פון א ראדיקאלען כאראקטער, וועלכע האט געקענט דערציהען צו אזא עלטער.

ספעציעל און פיעל געליטען האט די „פרייע ארבייטער שטימע" אין די מלחמה־יאהרען. און טאקי ווידער א דאנק איהרע איבערגעגעבענע לעזער און פריינד שטעהט נאך די „פרייע ארבייטער שטימע" אויף איהר פאסטען. און ס'איז צו האפען, אז טראץ אלע שטערונגען, וואס די רעאקציאנערע כחות שטעלען אין וועג דעם פרייען ווארט, וועט דאך די „פרייע ארבייטער שטימע" נאך אויף פיעלע יאהרען בלייבען די פארטיידיגערין און פארשפרייטערין פון אלעס, וואס איז פראגרעסיוו, פריי און שעהן.

אין אזא צייט, ווען אלע פינסטערע כחות האבען זיך פאראייניגט צו אונטערדריקען דעם פרייען גייסט, אין אזא צייט דארף די פייערונג פון דעם 20־יעהריגען יובילעאום פון דער „פרייע ארבייטער שטימע" זיין א דאפעלטע שמחה פאר אלע איהרע לעזער און פריינד.

דער 20־יעהריגער יובילעאום פון דער „פרייע ארבייטער שטימע" וועט געפייערט ווערען דורך א גראנדיעזען קאנצערט ז ו נ ט א ג א ו ו ע נ ד, דעם 19טען אקטאבער, אין קארנעגי האלל. די ארטיסטען, וואס ווילען אנטייל נעהמען, ווילען זיין אזעלכע, וואס פאסען פאר אזא יום־טוב. די יובילעאום קאמיטע גיט זיך די גרעסטע מיה און קיין געלד ווערט ניט געשפארט, אז דער קאנצערט זאל איבערטרעפען אלע ערווארטונגען פון אפילו די בעסטע מבינים און פיינשמעקער.

די פרייזען פאר טיקעטס מיט ווארטעקס זיינען: פארקעט (ארקעסטער) $2.20 און $1.65. דרעס סוירקעל $1.65 און $1.10. באלקאני $1.10, 85 סענט און 55 סענט.

טיקעטס שוין צו באקומען אין אפיס פון די „פרייע ארבייטער שטימע", 24 ראטגערס סטריט.

מלחמה איז די ארבייט אפגעלייגט געווארען ביז דער וואפענשטילשטאנד איז געשלאסען געווארען.

די פעדערײשאן האט געוואוסט, אז די מאכט פון די שטאהל און אייזען ארבייטער אין די שטאהל פאבריקען וועט זיין ניט גענוג צו ברעכען דעם ווידערשטאנד פון טראסט און עס איז דאן באשלאסען געווארען צו מאביליזירען פאר דעם קאמפף אלע יוניאנס וואס האבען א שייכות מיט דער שטאהל אינדוסטריע, אנפאנגענדיג פון די מיינערס, וואס גראבען דעם רויהען אייזען, און מיט די מאטראזען וואס פיהרען די שיפען מיט דעם רויהען אייזען צו די שמעלצערייען און ענדיגענדיג מיט די עלעקטרישענס, קארפענטערס און אנדערע פאך-מענשען וואס ארבייטען פאר דעם טראסט. עס איז געבילדעט געווארען א נאציאנאלע קאמיטע, וואס באשטעהט פון די פארשטעהער פון 224 אזעלכע יוניאנס, מיט דזשאהן פיטצפעטריק, פון דער סענטראל פעדערײטעד יוניאן פון שיקאגא, אלס טשערמאן.

די נאציאנאלע קאמיטע האט גלייך נאך דעם וואפענשטילשטאנד זיך גענומען צו דער ארבייט צו ארגאניזירען די ארבייטער פון דער אינדוסטריע. די יוניאנס האבען ארונטערגעלאזען פון זייער איינטריטס געלט כדי יעדער איינער זאל זיין אימשטאנד אריינצוטרעטען אין זיי. נאך דער קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי, זיינען די פרעזידענטען פון די 24 יוניאנס אפגעפאהרען אין דעם שטאהל ראיאן און גענומען זיך צו דער ארבייט צו ארגאניזירען די ארבייטער. דער שטאהל טראסט האט ניט געוואגט אנצוווענדען געגען די 24 פרעזידענטען דיזעלבע מעטאדען וואס ער ווענדט אן געגען איינפאכע ארגאנייזערס און ער האט זיי ערלויבט אפצוהאלטען מיטינגען. זייערע אגענטען זיינען אבער געשטאנען אויף דער וואך, אכטונג צו געבען ווער עס קומט צו די מיטינגען, און גלייך אויף מארגען זיינען די מיטינג-באזוכער וואס דעם טראסט'ס אגענטען האבען דערקענט, אנטזאגט געווארען פון זייערע דזשאבס. די יוניאן לידערס באהויפטען אבער, אז טראץ אלע שוועריגקייטען, איז זיי געלונגען צו ארגאניזירען 85 פראצענט פון די ארבייטער אין די שטאהל און אייזען פאבריקען.

די געשיכטע ווי אזוי די נאציאנאלע קאמיטע האט גערופען דעם סטרייק, נאכדעם ווי דזשאדזש גערי האט זיך ענטזאגט זיי אנצונעמען, און ווי אזוי זי האט לעצטע וואך צוריקגעוויזען פרעזידענט ווילסאן'ס פארלאנג אפצולייגען דעם סטרייק ביז נאך דער אינדוסטריעלער קאנפערענץ, איז אלגעמיין באקאנט און עס איז ניט נויטיג דא אריינצוגעהן אין איינצעלהייטען.

אין דער טעאטער וועלט

דאס מאל ווערט דער לעזער איינגעלאדען אין סעקאנד עוועניו טעאטער, וועלכער האט זיך געעפענט פאר דעם סעזאן מיט א נייער פיעסע פון ז. ליבין, אונטער'ן נאמען „דעם שניידער'ס טעכטער".

דער נאמען פון דער פיעסע, ווי מיר שיינט, פאסט זיך ניט זעהר שטארק צו צו דער פיעסע, ווייל דער אונטערשייד צווישען די צוויי טעכטער איז בלויז אין אביסעלע יאהרען, און אויך אין זייער מלאכה: איינע איז א סטענאגראפערקע, די אנדערע א שאפ-ארבייטערין. וואס אנבאטרעפט זייערע כאראקטערע, איז קיין אונטערשיעד ניטא צווישען זיי. ליבין האט מיט גארניט זיי אונטערשיידעט איינע פון דער אנדערער. מיר ווייסען ניט, אויב איינע איז איידעלער פון דער צווייטער; אויב איינע האט א פעסטערען כאראקטער ווי די צווייטע. איבערהויפט זיינען זייערע כאראקטערע געבליבען איינגאנצען אונגעשילדערט פון דעם פארפאסער, און דערפאר איז עס א ביסעל מאדנע, וואס די פיעסע הייסט „דעם שניידער'ס טעכטער". לויט דעם נאמען קען מען אננעהמען, אז דער פארפאסער האט דא פאר אונז פארגעשטעלט צוויי פארשיעדענע מענשען אין דער געשטאלט פון די ביידע טעכטער. דאס איז אבער ניט דער פאל. דער אונטערשיעד איז ניט צווישען די צוויי שוועסטער, נאר צווישען די צוויי מענער, וועלכע האבען געהייראט מיט זיי, און עס וואלט געווען פיעל ריכטיגער, ווען די פיעסע וואלט געהייסען „דעם שניידער'ס איידימס". מעגליך, אז דער נאמען וואלט אפשר ניט געקלונגען אזוי שעהן, כאטש איך ווייס ניט פאר וואס, אבער געפאסט וואלט ער זיך געוויס בעסער צו דער פיעסע.

אן ארימער שניידער האט צוויי מיידלעך, איינע אן עלטערע, די צווייטע א אינגערע. מיט דער אינגערער, פארשטעהט זיך, האבען טאטע-מאמע ניט קיין גרויסע דאגות; זי איז אינגער, אין איהר האט זיך פארליעבט א דראגיסט, און, ווי ניט ווי, וועט זי שוין באלד זיין פארזארגט. די צרה איז מיט דער עלטערער טאכטער: א מיידעל אין יאהרען, ניט איבעריג-שעהן, קיין פיעל געלד נדן איז אויך ניטא, טו ווער קען זיין א בעלן אויף אזא מיידעל?

דערפאר, אז גאט האט זיי שוין יא צוגעשיקט א בחור, א בעקער, אין הויז, אלס בארדער, ארבייט די מאמע מעשים, אז דער בחור זאל זיך חלילה ניט ארויסגליטשען פון איהר טאכטער'ס הענד. זי היט איהם אפ, מעהר ווי ווען ער וואלט געווען איהר איינען קינד, און טוט אלעס, וואס א מאמע קען, אום צו ברענגען איהר טאכטער אונטער דער חופה מיט דעם בעקער.

עס קומט איהר אן ניט לייכט. דער בחור איז א געזונטער, א שעהנער, און עס פעהלען איהם ניט קיין שידוכים. פארליעבט שטארק אין דער מיידעל איז ער אויך ניט, נאר גארניט, ער וואלט מיט איהר אויך חתונה געהאט, ווען זי וואלט געהאט דעם נויטיגען נדן, טויזענד דאלאר, וואס ער האט באשלאסען ער מוז האבען, אום צו עפענען א געשעפט.

איז אבער די צרה, אז אזוי פיעל געלד האט ניט דאס מיידעל. אין גאנצען האט זי 500, און ער וויל דוקא טויזענד. די אנדערע 500 האט די אינגערע טאכטער. די עלטערען פארלאנגען פון איהר, אז זי זאל עס געבען איהר שוועסטער. וויל עס אבער ניט די אינגערע. זי לעגט ארייין די טומאה אין דער יראה, און זי ערקלעהרט, אז א חתן דארף מען ניט קויפען, אז אויב ער וויל ניט אנדערש חתונה האבען, ווי נאר צוליעב דעם נדן, פארדיענט ער עס גארניט, אז מען זאל טראכטען פון איהם. אבער אין דער אמת'ען וויל זי ניט געבען איהרע 500 דאלאר, גלויבענדיג, אז דאס געלד קען גאנץ גוט צוניץ קומען פאר איהר געליעבטען, ווען ער וועט מיט איהר חתונה האבען. אמת, ער פאדערט ניט קיין נדן, אבער געלד איז געלד, און ווען זי וועט איהם ברענגען נאך דער חתונה אזא מתנה, וועט ער עס געוויס ניט ארויסווארפען.

פון דעסטוועגען, אז עס האלט שוין דערביי, אז פון דעם שידוך צווישען דעם בעקער און דער מיידעל זאל גארניט ווערען. ווייזט ארויס דער געליעבטער פון דער אינגערער שוועסטער זיין גאנצען גרויסמוט, ווען ער אליין פאדערט פון זיין כלה, אז זי זאל געבען דאס געלד איהר עלטערער שוועסטער.

די אינגערע שוועסטער פאלגט, אבער דער פראסטער בעקער ווייזט דאן צוריק דאס געלד. ער ערקלעהרט דאן, אז ער איז אויך א ספארט, און אויפ'ן שטעל האט ער חתונה מיט דער עלטערער שוועסטער, „ווי זי שטעהט און געהט".

ווען ניט דאס ביסעל טעאטראלישקייט צו ענדע פון דעם ערשטען אקט, איז דאס גאנצע בילד זעהר כאראקטעריסטיש און אויך גאנץ רעאליסטיש. איהר זעהט דא די ארימע מאמע, וועלכע ארבייט מיט אלע איהרע כחות, אז איהר עלטערע טאכטער זאל ענדליך קריגען איהר זיווג. איהר אויפגאבע איז דאס א שווערע, ווייל איהר מאן, דער שניידער, איז א גרויסער שלאק, א קוני לעמעל, טויג צו גארניט, נעהמט זיך פון קיין זאך ניט צום הארצען, און האלט אין איין זאגען דאס ווערטעל: עס וועט זיך שוין אויספרעסען. אודאי קוועלט דער עולם נאר אן פון איהם. ווארים דעם שניידער שפיעלט ניט קיין אנדערער ווי לודוויג זאץ, און ער פארשטעהט ווי צו מאכען דעם עולם לאכען, אבער דער ארימער פרוי, וואס וויל ארויס'פטר'ען אן עלטערע טאכטער, איז שוין גארניט צום לאכען. זי ווענדעט אן צוערשט איהרע אלע דיפלאמאטישע קונצען, אום צוזושמידען דעם בעקער צו איהר טאכטער. אז דאס געלינגט איהר ניט, פרובירט זי מיט בייזען. בקיצור, איהר קריגט דא א גאנץ ריכטיגען בילד פון אן ארימער אידישער מאמע, וואס האט אן עלטערע טאכטער אויף איהרע הענד אין אונזער צייט פון קאמערציאליזם, ווען אלעס, אפילו ליעבע, ווערט געקויפט און פארקויפט, ווערט געוואויגען און געמאסטען אין די טערמינען פון געלד.

דער דאזיגער ערשטער אקט וואלט געווען ווירקליך א זעהר גוטער, ווען ער וואלט ניט איבערגעפיהרט געווארען פון דער גאנץ אומגעלומפערטער ענדע זיינער. דאס, וואס דער בעקער האט מיט איהר גלייך חתונה, און איז איהר מקדש כדת משה וישראל, אין שטוב, אין איהר טאטען'ס שאפ. דאס איז אזוי ביליג, אזוי ווולגאר, אזוי ניט ריכטיג, אז עס מאכט שטארק קאליע דעם גאנצען אקט. וואלט דען ניט גענוג געווען, ווען דער בעקער גיט זיין ווארט, אז ער וועט מיט איהר הייראטען, און אין דעם צווייטען אקט זאלען מיר זעהן זיי גליקליך פארהייראט? דאס מקדש זיין איהר גלייך אויפ'ן פלאץ וואלט אפשר געווען מעגליך, ווען מיר האבען דא צו טאן מיט א שוועכלינג, וועלכער טרויט זיך אליין ניט. אבער דאס איז דוקא ניט דער פאל מיט דעם בעקער. אין דער גאנצער ווייטערדיגער שילדערונג ווייזט ער זיך ארויס אלס א מענש מיט א שטארקען כאראקטער, אלס מענש, ביי וועמען זיין ווארט איז הייליג. דערפאר איז זיין מקדש זיין איהר גלייך אין גאנצען אין ווידערשפרוך מיט זיין כאראקטער.

עס נעהען אוועק צעהן יאהר, און ביידע פארלאך לעבען גאנץ גליקליך. עס לעבען א טיר לעבען א טיר דער דראגיסט און דעם שניידער'ס אינגערע טאכטער, מיט וועמען ער האט נעהייראט, און עס לעבען אויך גאנץ שעהן און אנשטענדיג דער בעקער מיט זיין פרוי. ביי דער ערשטער פארעל איז דא א קינד, די צווייטע אבער האט קיין קינדער ניט. אין ביידע היימען הערשט איבערפלעכליך שלום און צופרידענהייט, אבער אין הארצען פון די ביידע פאמיליען טאטשעט א ווארעם.

דער דראגיסט פיהלט זיך זעהר געלאנגווייליגט אין זיין הויז. ער געפינט ניט קיין אינטערעס ניט אין זיין פרוי און ניט אין זיין טעכטערל. ער האט ניט וועגען וואס צו ריידען מיט זיי. זיין פרוי זעהט איהם אויס צו אלט. זי קליידט זיך ניט מעהר אזוי שעהן, ווי ווען ער האט איהר געקענט, און ער בענקט נאך יענער שעהנער צייט. די צייט פון ליעבע איז פארשוואונדען, און איצט איז אלעס אזוי וואכעדיג, אזוי לאנגווייליג.

אין דער צווייטער פאמיליע איז אויך ניט אין גאנצען פרעהליך. דער מאן, דער בעקער, ניט קריגענדיג דאס נויטיגע געלד צו עפענען אן איינענע בעקעריי, ארבייט נאך אלץ אלס ארבייטער ביי פרעמדע. זיין ארבייטס-געבער איז דאס מאל א שעהנע יונגע אלמנה, וועלכע האט זיך שטארק פארליעבט אין איהם און האלט איהם אין איין פארפאלגען מיט איהר ליעבע. אויך ער איז צו איהר ניט גלייכגילטיג, אבער ער באקעמפפט זיינע געפיהלען, ער איז אן עהרען-מאן. עטעל איז זיין פרוי, און ער וויל איהר טריי בלייבען. ער האט זאגאר בדעה צו פארלאזען זיין פלאץ, אום צו זיין וואס ווייטער פון דעם שווערען נסיון.

און דא זעהען מיר שוין קלאר דעם אונטערשיעד צווישען דעם „פראפעסאר", ווי דער בעקער רופט דעם דראגיסט, און דעם פראסטען ארבייטער, דעם אונגעבילדעטען בעקער.

דער דראג[illegible]סט, [illegible] ער בא[illegible]גענעט זיך מיט א מיידעל, ו[illegible] איהם ליעב. און האט א חם[illegible]ן, ווען

„דזשולאי". און מען האט זי געזוכט דעם ערשטען מאי. און מען האט זי געזוכט אין די באמבעס, וואס אימיצער האט געשיקט אדער ניט געשיקט צו אימיצען און מען זוכט זי אין יעדען געדרוקטען בלעטעל און אין יעדער בראשורע און אין יעדען סקריפ פון א טיר און אין יעדער קורצער האר פון א געשארענער פרוי און אין יעדען בליק פון א לאנג-האריגען מאנסביל.

מען זוכט זי און מען קען זי ניט געפינען.

זיהן פון אמעריקא, טעכטער פון ניו יארק, זויג-קינדער פון פילאדעלפיא! זאגט: האט איהר אפשר געזעהן א רעוואלוציע מיט א דיקטאטור פון פראלעטאריאט, מיט א נאציאנאליזאציע פון ווייבער און מיט אלע 77 זאכען? מיר מוזען זי אומבאדינגט געפינען.

און די רעוואלוציע מוז דאך ערגיץ זיין. שוין ניט אזוי קלאר און באשיינפערליך ווי מיט א פאר חדשים צוריק, אבער יעדער פיהלט זי דאך אין דער לופט; אלע פיהלען איהר גיפטיגען אטעם. אלע זאגען נביאות וועגען איהר און סטראשען מיט איהר. און געפינען קען מען זי דאך ניט — אפילו ניט ביי דער קאנווענשאן פון דער ניי-געגרינדעטער קאמוניסטישער פארטיי.

קען אפשר געמאלט זיין, אז מען ווייסט ניט דעם ריכטיגען וועג, ווי זי צו כאפען?

למשל: געפינען אן אוצר איז ניט אזוי גרינג. מען דארף דערצו ספעציעל האבען א מין כשוף-גראז. און מען דארף קענען דעם ריכטיגען שפרוך. און אין דער פינסטערניש פון דער נאכט דארף מען זיך צו'גנב'ענען צום אוצר. און די הויפטזאך: עס דארף זיין שטיל.

און דאס איז אפשר אויך דער פאל מיט דער וועלט-רעוואלוציע און ספעציעל מיט דער רעוואלוציע אין אמעריקא. ווי קען מען זי געפינען, ווען מען טומעלט אזוי פיעל און מען זוכט מיט פויקען און טרומייטען, און מען באריהמט זיך באצייטענס, אז אט-אט פאקט מען זי?... גנבים, טראסט-מאגנאטען, אומגעזעצליכע געליעבטע, אוצרות און רעוואלוציעס קען מען אויף אזא אופן ניט כאפען.

דערצו, געפינען זיך אפקורסים, וואס גלויבען ניט אין אוצרות און אין סאציאלע רעוואלוציעס אין אמעריקא. זאגען זיי, אז אי די אוצרות, אי די סאציאלע רעוואלוציעס זיינען בבא-מעשות, אויסגעטראכט פון נארישע ווייבער, פון טרוימער און פון געניטע פאליטישענס.

ווייל איהר הערט דאך: געפינען די רעוואלוציע קענען ניט, ניט נאר די פאליציי און די דעטעקטיווס, נאר אויך ניט די רעוואלוציאנערען גופא.

זיי אליין — די רעוואלוציאנערען, מיין איך — וואלטען זיך געלאזט קאסטען איך ווייס ניט וויפיעל, אז די ניו יארקער פאליציי און די פעדעראלע געהיים-אגענטען זאלען פאר זיי ענטדעקען די פיעל-געגארטע, פיעל-געווינשטע און פיעל-געליעבטע רעוואלוציע... ווי זינגט זיך דארט אין שיר השירים: האט איהר ניט געזעהן מיין הארץ-געליעבטע?

איהר האט דאך מסתמא געהערט דעם אלטען וויץ, ווי איינער האט געזעהן, אז א גנב שארט ביי איהם אין דער פינסטערניש פון דער נאכט [illegible] אלע שופלאדען, און ווי ער רופט זיך [illegible] אפ צום גנב: מה דאך — כאפט ער [illegible] איך קען ביי-טאג אין מיין איי-גענעם הויז גארניט געפינען; קומסטו און ווילסט עפעס געפינען אין דער פינסטער, ווען דאס הויז איז דיר אין גאנצען פרעמד? אט אזוי טענה'ן אויך די היגע רעוואלוציאנערען.

און אי די, וואס חלומ'ען וועגען א רעוואלוציע, און אי די וואס ווילען פארמיידען א רעוואלוציע, געהען ארום און זוכען און זוכען און זוכען. און — כאטש צורייס זיך, ניטא קיין רעוואלוציע!

און אפילו די אונטערזוכונגס-קאמיטע פון סענאט אין וואשינגטאן און אפילו די באריהמט-געווארענע לוסק-קאמיטע אין ניו יארק האבען זי ניט געקענט געפינען.

די לוסק-קאמיטע, למשל, האט בלויז געקענט ענטדעקען פאלגענדע זאכען: ערשטענס, אז אלע באמבען-ווארפער טראגען לאנגע האר און גרויסע בערד, כדי מען זאל זיי ניט קענען דערקענען פאר באמבען-ווארפער; צווייטענס, אז „דירעקטע אקציאן" איז ניט א מין אויסטערס; דריטענס, אז מארקסיזם פארקויפט מען ניט אין קוני איילענד איינאיינעם מיט פראנקפורטערס; פיערטענס, אז אוקראינא איז ניט קיין מוזיקאלישער אינסטרומענט און נאציאנאליזאציע און סאציאליזאציע קען מען ניט קויפען אין א ביער-שענק. דאס אלעס.

און דערביי איז עס מעגליך, אז נאך ביז היינטיגען טאג זאלען ארומגעהן געהיים-אגענטען און שמשון-סטעקנער, קאמוניסטען און איך אליין און זאלען זוכען און זוכען און פרעגען און פרעגען:

— האט איהר ערגיץ ניט געזעהן די פאר[illegible]עטע, די פארשוואונדענע רעוואלוציע?

און קיינער ווייסט ניט פון וואס צו זאגנ..

רייזעל'ס קאנטרי

(ערצעהלונג)

פון מ. שמואלזאהן.

נאכדעם ווי מען האט אין שטוב דעם גאנצען אנפאנג זומער ניט אויפגעהערט צו שמועסען וועגען דער „קאנטרי", איז דעמאלט, זוען עס איז געקומען צו די רעכטע היצען, און מען האט שוין געמוזט איין מאל פאר אלע מאל „באשליסען וועך עס זאל פאהרען" — מיט אמאל געבליבען מוסכים ביי אלעמען, אז ביי דער מאמע, ביי דער אלטער זלאטע-לאה, אי ביי ביידע בחורים, די ברידער, אז דאס יאהר זאל פאהרען רייזעל, די איינגערע.

ביז דעם יאהר איז וועגען דער „קאנטרי" גאר קיין פראגע ניט געווען. אלע האבען געוואוסט אז אויב פאהרען, דארף פאהרען ברכה, די עלטערע, און מיט ברכה'ן דארף מיטפאהרען די מאמע.

דער אויסרייד איז געווען, אז ברכה איז נעבאך א שוואכע, א אויסגעמאטערטע, און זי מוז זיך אביסעל אויסרוהען פון דער שווערער ארבייט. און די מאמע איז גלאט אן אלטע צובראכענע אידענע, וואס האט שוין אויף איהר לעבען איבערגעהאט גענוג צרות און שלעק, און עס וועט איהר זיכער ניט שאדען אז זי זאל קומען אביסעל צו זיך. פארשטאנען האבען אבער אלע, אז ניט דאס איז דער גאנצער עיקר. דער עיקר איז, וואס ברכה איז שוין א מיידעל אין די יאהרען, און גאר ניט קיין שעהנע, און מען מוז זעהן עפעס טאן פון איהר'ט וועגען. אין קאנטרי איז די וועלט א פרייע, זי וועט ניט זיין פארארבייט, וועט זיך קענען אנטאן לייכטער, וועט זיך באקענען מיט דעם, מיט יענעם, פיליכט וועט זיך עפעס מאכען — אן עלטערער בחור אדער א יונגער אלמן....

פארשטאנען האט עס אויך ברכה, און כאטש דאס שטענדיגע אלעמענס זארגען פאר איהר, מיט די רחמנות'דיגע בליקען, האבען שוין ביי איהר ארויסגעזויגען דאס לעצטע חיות, אזוי אז עס האט זיך איהר געוואלט אויסשרייען צו אלעמען: וואס ווילט איהר פון מיין לעבען האבען? ! לאזט מיך צורוה! איך וויל ניט חתונה האבען! לאזט מיך! — האט זי אבער פונדעסטוועגען געוואוסט, אז זי וועט זיך קיינמאל ניט צושרייען, און אז חתונה האבען מוז זי. ניט צוליעב זיך, נאר צוליעב זיי, צוליעב דער אלטער מאמע, צוליעב די ברידער, צוליעב דער יונגער רייזלען, וואס איז ערשט אינגאנצען אלט דאס אכצעהנטע יאהר, און איז שוין אן ענטוויקעלטע, צעוואקסענע מויד, אזוי ווי איינע פון פיער און צוואנציג, און צוליעב דער גאנצער וועלט, וואס רוהט ניט און קען בשום אופן ניט צוזעהען ווי זי פארבלייבט אן אלטע מויד... און זי האט דעריבער זיך צוגעגרייט צו דער קאנטרי מיט דעם זעלבען טראציגען עקשנות, מיט וועלכען זי האט מיט יאהרען צוריק זיך צוגעגרייט ווען זי האט, איבער נויט, אנגענומען א פלאץ צו פינגרירען אלס מאדעל מיידעל. זי האט איינגעפאקט אין'ם קאסטען די זיידענע לאנגע זאקען, די דינע דורכזיכטיגע קליידער, דעם קאלירטען שרייענדיגען מארגען-ראק, און פארשיידענע פלעשלעך און פודעלאך פערפיום, פוידער, זייפען און אנדערע שמינק זאכען. די קאנטרי, האט זי געוואוסט, קאסט אפ א שטיק מיט געלט. די ברידער און די גאנצע פאמיליע וועלען דערנאך צוליעב דעם דארפען מיט איבער אנגעשטרענגטע כחות ארבייטען א גאנץ יאהר, און זי מוז זעהן, זי מוז זיך סטארען אז זייער מיה זאל חלילה ניט זיין אומזיסט...

מעהרער אבער פאר אלעמען האט עס פארשטאנען די מאמע, די אלטע זלאטע-לאה. זי האט געוואוסט, אז זי האט זיך אויסגעלעבט אלע איהרע יאהרען אהן א קאנטרי, און אז זי וואלט שוין אפגעשלעפט אזוי דאס איבעריגע ביסעל יאהרען וואס איז איהר באשערט צו לעבען. „וואס, די קינדער געהט טאקי אזוי דורך טיער און דורך טויערן, אז ניט אנדערש נאר עס פעהלען איהר קאנטרים, פעהלען איהר? — איז דאך אבער א שטראף פון גאט, געה רעד און דערצעהל!"

און זי האט דעריבער, די אלטע זלאטע-לאה, געטאן אין קאנטרי דאס בעסטע וואס זי האט געקענט. זי איז יעדען טאג אויפגעשטאנען מיט'ן טאג גלייך און איז ארומגעגאנגען צווישען אלעמען ביז שפעט ביינאכט, און האט געהאלטען אין איין לויבען און דערצעהלען דאס בריה'שקייט, דאס נוטסקייט און דאס קלוגשאפט פון דער טאכטער, און האט זיך געוואונשען אזא יאהר, אזא מזל, אזא געזונט, אזא לעבען און אזא עלטער וואס פאר א בריליאנט א קינד דאס איז. ניט מחמת דעם, הייסט עס, וואס עס איז איהרס א קינד, און וואס זי איז א מאמע, נאר מען קען פרעגען יעדען איינציגען וואס קען זי. הלואי אויף אלע אידישע טעכטער געזאגט געווארען — א קינד א גאלד!

האט אבער דאס אינגאנצען ניט געהאלפען. די מאמע מיט דער טאכטער זיינען געקומען צוריק פון דער קאנטרי אזוי, אז קוים וואס די נשמות האבען זיך אין זיי געהאלטען. די קאנטרי האט ביי זיי ביידען דעם מארך פון די ביינער ארויסגענומען. און ביידע האבען זיי זיך געפיהלט עפעס ווי פארשולדיגטע. די מאמע האט געקוקט אויף דער טאכטער און אין הארצען האט זיך געריסען: אומגליקליכע טאכטער מיינע! און צו די בחורים — מיט א מינע פון ענטשולדיגונג, ווי זי וואלט זיך פארענטפערען: וואס ווילט איהר? איך האב געטאן אלעס! געארבייט מיט מיינע לעצטע שוואכע קרעפטען!

און די טאכטער האט געקוקט אויף דער מאמען און אין הארצען זי שרעקליך באדויערט: ארעמע אלטע מאמע! און ביידע ברידער, די בחורים, האבען מרה־שחורה'דיג געקוקט אויף זיי ביידען, ווי אויף אן אומגליק, וואס מען וועט שוין פון דעם ניט פטור ווערען סיידען דורך א נס.

און אזא נס האט זיך מיט דער צייט אזוי ווי באוויזען: אין שטוב אריין האט אנגעהויבען אריינצוקומען זלאטאפאלסקי דער אלמן.

זלאטאפאלסקי איז געווען נאך גאר א יונגער מאן, און בסך הכל מיט איין קינד. און די ברידער מיט דער אלטער מאמע האבען זיך אין איהם אנגעכאפט ווי אין א „אבן-טוב". מען האט איהם מקרב געווען, איהם אויפגענומען מיט די שענסטע כבודים. ביי אלעמען אבער האבען געציטערט די נשמות, מען האט ניט איבערגערעדט צווישען זיך, אבער אין הארצען האט יעדער איבערגעטראכט: ווער ווייסט, אפשר מיינט ער גאר די איינגערע, רייזלען?!...

און די איינגערע רייזעל איז נעבעך צוליעב דעם אויסגעשטאנען א גיהנום.

— וואס געהסטו ערגיץ ניט אוועק?

— וואס דרעהסטו זיך דא ארום? ...עה צו דער מומע חיה-רחל!

— דו פוילע זאך, וואס זיצסטו שטענדיג אין הויז?

די יונגע רייזעל האט נעבעך ניט פארשטאנען, וואס די גאנצע שטוב האט זיך מיט אמאל אין איהר אנגעבונדען, און וואס מען לאזט זי ניט איינזיצען אין הויז, און האט פראטעסטירט, ניט געוואלט אפטרעטען פון הויז.

און ווען עס זיינען אנגעקומען די היצען, איז ביי אלעמען געבליבען מוסכים, אז מען דארף רייזלען אוועקשיקען אין קאנטרי, און די מאמע מיט ברכה'ן זאלען בלייבען אין דערהיים...

פאר דעם 100 טויזענד דאלאר פאנד

די ארבייטער פון דער קלאוק פירמע העללער און האלצבערג, 35 איסט 10טע סט., האבען קאלעקטירט צווישען זיך $35.45 פאר דעם 100 טויזענד דאלאר פאנד. דאס געלט איז איבערגעגעבען געווארען צום טרעזשורער פון דעם פאנד, ברודער אב. באראף.

פרעזענטירט דעם שאפ־טשערמאן

די ארבייטער פון רובין עט העריסאן, 1 איסט, 17טע סטריט, באדאנקען זייער טשערמאן פאר זיין ארבייט אין דער יוניאן און האבען איהם פרעזענטירט מיט איין סעט ראדזשערס סילווער עסצייג.

קאמיטע: פיש, באק, רייז, גוהארדיאן.

דער נביא

(רעבס'ן)

פון מ. סילווערמאן.

....און וואהנזיניג זיינט איהר פון אייער מאכט געווארען.
און ווי א טשאטע וועלף אין אומגעצוימטען צארען
זענט איהר באפאלען מיך—איך שטעכעדיגען דארען —
ווי גרויס איז אייער האס צו מיר,
און אייער שרעק נאך גרעסער!
איהר ווייסט:
איך בין דער ברענענדיגער „סנה" אין אייער מדבר...
איך שרעקט:
מיין גרויסער טרוים וואס כ'טראג אין הארצען,
מיין העלער טרוים,
וואס פון די אויגען מיינע שטראהלט זיין ליכט ארויס,
און רייסט די נאכט אדורך,
און כ'זעה ווייט-ווייט פאראויס,
ווי אין דעם שוים
פון רויטען נעבעל-תהום
פון בלוט און טרערען,
געבוירען ווערט א נייע וועלט,
א פינקעלדיגער שטערען — — —

מיין טרוים, מיין טרוים, ער איז אייך טיעף דערווידער.
און פאר די „טמא" מיינע לידער —
עס פוילען איצטער מיינע גליעדער,
אין א פארמאכטען „זאק פון שטיין,"
אליין —
ווי כ'וואלט א קרעציגער געווען!

דאך דורך די פינסטער-דיקע ווענט
איך קען אייך זעהן —
ווי קליין
און עקלהאפט איהר זענט,
מיט אייערע קצבים-הענט,
מיט לאנגע נעגעל, שארפע העק,
און אויף די שטערענס — קין'ס פלעק...
און דורך די פינסטער-טויבע ווענט
איך הער אין אייער ווערטער קלאנג
דאס שיפען פון א שלאנג —

איך זעה: —
ארום אן אומגעהויער גרויסען ראד
וואס דרעהט פאראויס זיך אזוי גיך
האט איהר פארזאמעלט זיך...
און פנים'ער צוקרימט, מיט פחד'יגען בליק
איהר קלערט און זוכט דעם טיפען סוד:
ווי ס'ראד צו דרעהען צוריק!

און ביי דעם קראטער פון צעווילדעטען וואולקאן
וואס שפייט מיט לאווא רויט און שווארץ
האט איהר ווי ווערעם זיך פארזאמעלט,
און יעדער האלט א קליינע קאן
און וואסער שפריצט איהר אין זיין הארץ....

און ביי דעם ברעג פון אומרוהיגען ים,
ווען שטורם-פייגעל זיינען זינגענדיג געפלויגען,
האט איהר פארזאמעלט זיך...
און קלוג באשלאסען: מיט'ן זאמד
צו פארשיטען איהם די אויגען...

— — — — — — — — — — — — — — —

א, טפשים! הערט מיין ווארנונג אויס;
מיין נביא-ווארט זאלט איהר געדענקען:
עס וועט דער ים אין ווילד-געברויז
פון זיינע ברעגעס באלד ארויס,
און אייך אין תהום אריין פארשווענקען!

און פון דער לאווא אויסגעברענט
עס וועלען אייערע סליאדעס ווערען.
און פון דעם קראך פון אט די ווענט,
און פון אייער פוילען פונדאמענט,
דערשרעקען וועלען זיך די שטערען!

און ס'וועט א מבול-גוס די ערד
ארום וואשען געטריי און ציכטיג,
פון אלץ וואס ס'האט די זון פארשטעלט....
און וואנדערען פון וועלט צו וועלט
וועט דאן גאט'ס ווארט: „זאל ווערען ליכטיג!" —

סך הכל פון דער ציוניסטישער קאנווענשאן אין שיקאגא

פון א. גלאנץ

אין שיקאגא איז אפגעהאלטען געווארען א ציוניסטישע קאנווענשאן. די צייט, אין וועלכער די קאנווענשאן איז פארגעקומען איז געווען א „היסטארישע". עס איז שוין געווען נאכ'ן קריג. די באלפור־דעקלאראציע, לויט וועלכער ענגלאנד האט זיך פארפליכטעט צו העלפען אידען צו קריגען פאלעסטינא אלס איהר היים־לאנד, האט געדארפט ווערען א פאקט.

חוץ דעם זיינען די אמעריקאנער ציוניסטען פאר די יאהרען פון דער מלחמה געווארען די פיהרער פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין דער גאנצער וועלט. דאס אלץ האט דער שיקאגא'ער קאנווענשאן צוגעגעבען א באזונדערען ווערט. פיעלע האבען ערווארטעט, אז אויף אט דער קאנווענשאן וועט געזאגט ווערען דאס אמת'ע „ווארט", דאס „גרויסע ווארט".

עס איז שוין איבער א וואך נ א ך דער קאנווענשאן, און מען קאן מיט זיכערהייט זאגען, אז דער רעזולטאט איז... זעהר און זעהר קליין.

א קליינער רעזולטאט ניט בלויז פאר די אמעריקאנער ציוניסטען, נאר אפשר פאר'ן גאנצען ציוניזם, פאר דער גאנצער פאלעסטינא־אידעע.

עס שטעלט זיך ארויס, אז פאלעסטינא קאן נאך ניט ווערען דאס אידישע לאנד. באלפור'ס דעקלאראציע איז אפשר גוט געמיינט געווארען, אבער כדי זי זאל פארווירקליכט ווערען אין לעבען, נויטיגט זיך, אז די ליגע פון נאציאנען זאל זי גוטהייסען. אין די ליגע איז אבער פאראן ניט בלויז ענגלאנד, נאר אויך פראנקרייך. און פראנקרייך מיט ענגלאנד האבען געוויסע סכסוכים צווישען זיך וועגען דעם, צו וועמען פאלעסטינא זאל געהערען. פראנקרייך איז ניט זעהר שטארק פאראינטערעסירט אין דעם, אז פאלעסטינא זאל דוקא ווערען א אידיש לאנד.

דאס איז איין סדרה, די פאליטישע סדרה.

חוץ דעם קומט א צווייטע. אפילו ווען די באלפור־דעקלאראציע זאל שוין ווערען א פאקט, קאן פאלעסטינא נאך אלץ ניט ווערען קיין אידיש לאנד. א גרויסע אידישע אימיגראציע איז זי ניט פעהיג אויפצונעהמען, און עס איז א צווייפעל צי זי וועט ווען עס איז קאנען אויפנעמען אזא איינוואנדערונג.

די אראבער פראגע! אט דאס פראבלעם וועלכען די ציוניסטען האבען געהאלטען אין איין פארלייקענען, און איין פארמאכען די אויגען אויף איהר, איז ווידער אויפגעשטאנען מיט דער גאנצער מאכט, און איז די גרעסטע שטערוניש פאר דער פארווירקליכונג פון פאלעסטינא אלס אידיש לאנד. אין פאלעסטינא זיצען 700,000 אראבער. זיי באארבייטען דאס לאנד, זיי באזיצען די ערד. זיי באטראכטען זיך אויך אלס די באלעבאטים פון פאלעסטינא. אלס רעזולטאט פון'ם קריג איז געבוירען געווארען א ניי אראביש קעניגרייך און דאס דאזיגע אראבישע קעניגרייך באטראכט פאלעסטינא אלס זיין טייל.

עס איז באוואוסט, אז זינט מען האט אנגעהויבען צו רעדען וועגען דער פארווירקליכונג פון דעם ציוניסטישען אידעאל, איז די אראבישע שנאה צו אידען געווארען זעהר גרויס, און עס איז דא א מורא, אז אהן דער ענגלישער ארמעע, וואלטען די אראבער געמאכט פאגראמען און שחיטות אויף אידען.

אט דער טרויעריגער סך הכל איז באוואוסט געווארען דירעקט און אינדירעקט אויף דער שיקאגא'ר ציוניסטישער קאנווענשאן. און באדייטען באדייט ער — דעם סוף פון אידישע האפנונגען אויף אן איינען לאנד, אויף א ווינקעל אויף דער ערד, וואו זיי זאלען זיך קאנען באזעצען און לעבען אן איינענעם לעבען.

ביי מאנכע וועט דאס אפשר ארויסרופען געפיהלען פון „שאדענפרוידע". ביי פיעלע וועט עס אבער ארויסרופען וועהטאג און טיעף באדויערען.

צו די לעצטע באלאנגט אויך דער שרייבער. איך האלט אז א אידיש לאנד איז נויטיג, אז א אידיש לאנד איז די בעסטע לייזונג פון דער אידען־פראגע, וועלכע האט איצט, אין דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט, נאך דעם גרעסטען קריג, אין אן עפאכע פון ס א צ י א ל י ס ט י ש ע ר ע װ א ל ו צ י ע ס אנגענומען די שרעקליכסטע, שוידערליכסטע פארמען.

און די האפנונג אויף פאלעסטינא האט א דאנק דער באלפור־דעקלאראציע, אנגענומען א קאנקרעטע פארם און דאס איז ביים שרייבער פון דיזע שורות, ווי ביי פיעלע אנדערע טויזענדער אידען, געווען א גרויסע פרייד.

אמת, גלויבענדיג אין דער נויטווענדיגקייט פון א אידיש לאנד, האב איך ניט דוקא געהאלטען פון פאלעסטינא. מיר האט זיך שטענדיג אויסגעוויזען, אז פאלעסטינא איז נ י ט דאס בעסטע לאנד פאר אידען, ווי די ציוניסטען האבען געהאלטען, נאר דאס ערגסטע. טאקע צוליעב דעם, וואס עס איז ניט קיין לידיג לאנד, נאר באזעצט מיט א גרויסער, פרעמדער באפעלקערונג. טאקע דערפאר, ווייל פאלעסטינא ליגט אין אזא געגענד, וואו עס וועט שטענדיג זיין אין דעם סאמע צענטער פון אלערליי אימפעריאליסטישע און נאציאנאליסטישע קאנפליקט־אינטערעסען.

אבער די באלפור־דעקלאראציע, די אויסזיכטען, וואס דער וועלט־קריג האט מיט זיינע פראקלאמירטע לאזונגען ארויסגערופען, האט געהאט אן איינפלוס אויך אויף אלע די, וואס זיינען ניט באזונדערס באגייסטערט געווען פון פאלעסטינא. צום גרויסען באדויערען פון אט די מענשען גופא ווייזט זיך ארויס, אז די ארגומענטען, וועלכע זיי פלעגען ברענגען געגען פאלעסטינא, זיינען געווען ריכטיג.

יא, פאלעסטינא איז דאס ע ר ג ס ט ע לאנד פאר אידען, ניט דאס בעסטע. צוליעב אט דעם ערגסטען לאנד האט מען פארזעהן אלע אנדערע מעגליכקייטען; האט מען שוין עטליכע מאל זיך אפגעזאגט פון טעריטאריעס, וועלכע וואלטען געקאנט ווערען אידישע לענדער, האט מען אין דער צייט פון קריג, ווען מען וואלט אפשר געקאנט קריגען אן אנדער לאנד, אפגעגעבען די גאנצע ענערגיע אויף פאלעסטינא, דעם ערגסטען לאנד.

מילא, איצט איז ניט נייטיג צו מאכען קיין חשבונות. עס איז פארפאלען. עס איז נויטיג, אז די אידען זאלען זיך אביסעל באפרייען פון די גרויסע האפנונגען, וועלכע פאלעסטינא האט געוועקט און גערופען. אין בעסטען פאל, זעהט עס אויס, וועט פאלעסטינא אפשר ווערען א קליינער אידישער קולטור־צענטער. ריכטיגער: ניט אפילו אידישער, נאר העברעאישער, וועלכער וועט נאר ניט האבען צו טאן מיט די אידישע מאסען און מיט די נויטען און באדירפנישען פון דעם אידישען פאלק.

הלואי זאל אט די נבואה ניט מקוים ווערען. הלואי זאל פאלעסטינא נאך יא קאנען זיין א אידיש לאנד. דערווייל זיינען אבער די אויסזיכטען גאנץ ווייט ניט קיין ליכטיגע. דאס האט באוויזען די שיקאגא'ר קאנווענשאן.

וואס עס זאל אבער ניט זיין אין דער צוקונפט — און הלואי זאל זיין גוט — פאר דער געגענווארט, דארף זיין קלאהר, שפיעלט פאלעסטינא מעהר קיין גרויסע ראלע ניט. דער ציוניזם, וואס אנבאלאנגט דער געגענווארט, פארלירט ווידער זיין מדויסע פרעטענזיע אויפ'ן אידישען פאלק. ער ווערט דערווייל אויס „די וויכטיגסטע אידישע באוועגונג", ווי ער האט געשיינט צו זיין די לעצטע פאר יאהר.

פאר דער אידישער נויט, פאר דעם פורכטבארען אידישען אומגליק, וואס די אידישע ווירקליכקייט שטעלט מיט זיך פאר אין דעם איצטיגען מאמענט, קאן דער ציוניזם גאר ניט געבען, האט דער ציוניזם קיין שום ענטפער ניט. ביי אנדערע באוועגונגען וועט מען דארפען זוכען א וועג און אן ענטפער.

קודם כל איז נויטיג צו פארשטעהן, אז די לענדער, וואו די אידען וואוינען איצט מוזען באטראכט ווערען אלס אידישע היימען, ניט אויף דערווייל, נאר אויף א לאנגער, לאנגער צייט. אפשר אויף שטענדיג. די לייזונג פון די פיעלע פארפלאנטערטע אידישע פראבלעמען מוז צענויפגעקניפט ווערען מיט די לענדער, וואו די אידען וואוינען. דא דארף מען דערווייל זוכען די לייזונג און די ערלייזונג.

דאס אידענטום וועט זיך דארפען ארגאניזירען צו קעמפען פאר זיין עקזיסטענץ אין בוכשטעבליכען זין פון'ם ווארט, און פאר די אידעאלען, וועלכע די אידישע מאסען האבען איצט אומעטום. אין צוזאמענהאנג דערמיט ווערט איצט ביי די באוואוסטזיניגע פיהרער פון די אידישע מאסען אומעטום באשאפען דער לאזונג פון א אידישען וועלט־קאנגרעס, פון אן אלוועלטליכען אידישען פארלאמענט.

אבער דאס איז שוין אן אנדער קאפיטעל. דאס ערשטע קאפיטעל, דאס קאפיטעל, אין וועלכען די האפנונגען אויף דער לייזונג פון דער אידישער פראגע זיינען אם ענגסטען פארבונדען געווען מיט דעם צ י ו נ י ז ם און מיט דער באשאפונג פון א אידיש לאנד אין פאלעסטינא, איז דערווייל געענדיגט.

די פרויען וועלט

פון ראזע בעדריק (בלינדער).

די צווייטע זייט פון דער מטבע.

„יעדער וואלקען האט זיין זילבערנעם הינטערשלאק" זאגט אן אמעריקאנער שפריכווארט. פשוט גערעדט, הייסט עס, אז ס'איז נישטא קיין שלעכטס אהן עפעס גוטעס אין זיך.

וועגען די שאדענס און אומגליקען וואס די איצטיגע גרויסע מלחמה האט געבראכט פאר די פרויען אויף דער וועלט — וועגען דעם איז אין אונזערע ארטיקלען אין דער „פרויען־וועלט" שוין ניט איינמאל גערעדט געווארען, און, אבי געזונט, וועט מיר וועגען דעם נאך אויסקומען ניט איינמאל צו ריידען. לאמיר איצט א בליק טהאן אויף דער צווייטער זייט פון דער מטבע און זעהן צו האט ניט דיזעלבע שרעקליכע מלחמה געבראכט מיט זיך פאר די פרויען אויף עפעס גוטעס, ניצליכעס, אזעלכעס, וואס זיי האבען ביז דער מלחמה ניט פארמאגט.

אט הערען מיר היינט א פרעהליכען און ערפרעהענדען גרוס פון די פרויען אין ענגלאנד. דעם גרוס ברענגט אונז דאקטאר קריסטין מיוכיעל, די ענגלישע דעלעגאטקע צו דעם אינטערנאציאנאלען קאנפערענץ פון פרויען־דאקטוירים, וואס ווערט איצט אפגעהאלטען דא אין ניו־יארק. דר. מיוריעל זאגט:

„עס זיינען פאראן פרויען־פראגען, וועגען וועלכע עס ווערט געוועהנליך גערעדט אין א שטילען טאן און מיט אראפגעלאזטע אויגען. די פראגע: וואס איז די ווירקונג פון דעם אריינצווינגען אזוי פיעל פרויען אין די אינדוסטריען, וועלכעס איז געקומען אלס רעזולטאט פון דעם גרויסען, שווערען קריעג. — אט די פראגע איז איינע פון יענע פראגען, און ווערט פון אלעמען געפרעגט אין א טרויעריגען טאן און מיט א מינע פון טיעפען באדויערן. נאטירליך, ווערט אויך דער ענטפער געגעבען אין'ם זעלבען טאן, און מיט אן אויסדרוק פון מיטלייד ווערט געוועהנליך געענטפערט: דער אריינפלוס פון אזוי פיעל פרויען אין די אינדוסטריען אונטערגראבט אויף א לאנגזאמען אופן דעם פאלקס געזונט.

„אבער דאס — זאגט דר. מיוריעל — איז פאלש און לעכערליך! דער אמת איז, אז די פרויען אין ענגלאנד זיינען היינט־צו־טאג א סך געזינטער, קערפערליך און גייסטיג, איידער ווען עס איז פריהער. דער דירעקטער רעזולטאט פון די פרויען'ס אריינטרעטען אין די אינדוסטריען איז דאס, וואס זיי זיינען היינט מעהר אונאפהעניגיג, פיהלען זיך א סך פרייער; און א דאנק דעם פאקט, וואס זיי פארדינען מעהר געלט, לעבען זיי בריימער; זיי עסען בעסער, שלאפען רוהיגער, און פיהרען בכלל א געזונטען, ניצליכען און נארמאלען לעבען. זעלבסטפארשטענדליך, אז דאס קאן און וועט האבען א זעהר געווינשטע ווירקונג אויפ'ן געזונט פון די קינדער, וואס וועלען ארויסקומען פון אזעלכע פרויען.

„אמת, קיין זעהר גרינגער לעבען איז דאס פאר די פרויען ניט. אודאי איז אפצוארבייטען זיעבען אדער אכט שטונדען יעדען טאג א סך שווערער ווי צו פארברענגען גאנצע שטונדען אין וואדעוויל, אדער מאווינג פיקטשורס אדער אין פלוידעריי מיט שכנות, אדער אפילו אין קיך ביי דעם אויווען מיט די טעפלעך. אבער, אויב דעם „פאלק'ס געזונט" איז ביז היינט ניט אונטערגעגראבען געווארען פון דער ביז־איצטיגער ארט לעבען פון די מייסטע פרויען, וועט זייער היינטיגעס שאפענדעס און ארבייטזאמעס לעבען דעם פאלק'ס געזונט זיכער קיין רעה ניט טהאן.

„וואס אנבעלאנגט דעם פאקט, וואס פיעלע פון די פרויען וועלען, צוליעב דעם מאנגעל אין מענער, וואס די מלחמה האט באשאפען, מוזען בלייבען אומפארהייראט, — איז דאס, אז מע וויל, נאר ניט אזא גרויסער אומגליק. ביי די היינטיגע שווערע לעבענס־באדינגונגען איז עס גארניט אזא „נעביך". אז עס וועלען געבוירען ווערען ווייניגער קינדער. עס וועט דערפאר זיין גראמער און בעקוועמער פאר די קינדער, וואס ו ו ע ל ע ן געבוירען ווערען. מע וועט זיך קענען מיט זיי מעהר אפגעבען, זיי בעסער באזארגען און פון זיי מאכען בעסערע מענשען. איבעריגענס איז איצט בהוד־השם פאראן גענוג, איבער־גענוג קאנסטרוקטיווע און נויטיגע ארבייט פאר דעם געזונט און נוצען פון די יונגע מענשען, וואס זיינען שוין דא אויף דער וועלט; און ס'איז נישטא קיין צייט זיך אוועקצוזעצען דאגה'ען וועגען די נאכניט־געבוירענע.

„אט, למשל, האבען מיר, דאקטוירים, היינט פאר זיך די זעהר ערנסטע אויפגאבע פון באקעמפען פארשפרייטונג פון אנשטעקענדע וועגערישע קראנקהייטען, וועלכע האבען, א דאנק דער מלחמה, זיך אזוי טיעף איינגעגעסען און זיך פארשפרייט צווישען דעם פאלק.

„מיר האבען זיך איצט א נעהם געטהאן פאר אט דער שווערער אויפגאבע אויף אן ערנסטען אופן. די מעטהאדען, וואס מיר ווענדען אן דערביי, זיינען גאנץ פארזיכטיג ארומגעטראכט און אויסגעארבייט געווארען פון רעגירונגס־עקספערטען. אלע קוועלען און אנגעוועדען, וואס קענען עקאנאמיש, מעדיצינישע אדער היגיענישע מיטהעלפען אין אט דער וויכטיגער ארבייט, זיינען פאראייניגט און אוועקגעשטעלט געווארען אונטער דער אויפזיכט און פיהרונג פון דעם ניי־באשאפענעם „מיניסטעריום" איבער פאלק'ס געזונט".

„חוץ דעם, האבען מיר דארט אויפגעהויבען א גרויסע ענערגישע אויפקלערונגס באוועגונג איבער פראגען פון געשלעכטליכע באציהונגען און פאמיליען־לעבען. אין אנהויב האט זיך די טעטיגקייט אפגעגעבען מיט אויפקלערען נאר מוטערס, אבער שפעטער איז די אויפקלערונגס ארבייט אנגעפיהרט געווארען אויך צווישען לעהרערינס, צווישען שילערינס פון העכערע בילדונגס אינסטיטוטען און צווישען אלע ערוואקסענע מיידלעך. איצט ווערען ביסלעכווייז די זעלבע פראגען אויפגעקלערט אויך פאר מיידלעך אין די העכערע קלאסען פון די פאלקס־שולען, וואו עס ווערען וועגען דעם געגעבען ספעציעלע אונטערריכטונגען.

קורץ, די היינטיגע ענגלישע פרויען לערנען זיך, בילדען זיך און ענטוויקלען זיך א סך מעהר און א סך שנעלער איידער די פרויען פון אמאל. זיי ארבייטען, אבער דורך זייער ארבייט שאפען זיי, און דער רעזולטאט דערפון איז, אז די היינטיגע פרויען באטראכטען זיך אליין און ווערען באטראכט פון אנדערע אלס זעלבסטשטענדיגע און ניצליכע מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט צוגלייך מיט אלעמען."

אט דאס איז די ליכטיגע זייט פון דער פראגע וועגען דער ווירקונג, וואס די מלחמה מיט אלע איהרע רעזולטאטען, האט געהאט אויף דעם לעבען פון די פרויען.

דאקטאר מיוריעל לייקענט ניט, אז די פראגע האט אויך א טונקעלע און זעהר־טרויעריגע זייט. אבער יענע זייט — זאגט דר. מיוריעל — איז טונקעל בלויז צייטווייליג, נאר אויף דערווייל. מיט דער צייט אבער — מעג עס דויערען אפילו עטליכע יאהר מעהר — וועלען די טיעפע וואונדען, וואס די מלחמה האט געלאזט, ביסלעכווייז ערזעצט ווערען; די פארלוסטען וועלען ביסלעכווייז ערזעצט ווערען אבער די געווינסען פון דער מלחמה, אלץ וואס די מענשען האבען געלערנט און ערווארבען דורך די טרויעריגע ערפאהרונגען פון דער שרעקליכער מלחמה, — דאס וועט פון זיי קיינמאל ניט אוועקגענומען

ווארום מען דארף ווערען א בירגער

עס איז אייער פליכט, אויב נאר מעגליך, צו ווערען בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען. איינער וואס קען ווערען א בירגער און וויל ניט, ווערט אין אמעריקא באטראכט אלס אן אונגעוווינשטער. דאס איז מעהר ווי אלע מאל אמת אין'ם איצטיגען מאמענט, ווען אלערליי שווערינקייטען ווערען געמאכט אין פערשידענע שטאאטען, פון עפענטליכע און פריוואטע געזעלשאפטען, געגען היגע איינוואהנער וואס ווערען ניט קיין בירגער. אויב איהר זייט אריבערגעקומען אהער צו מאכען דא אייער היים, ווערט פון אייך ערווארטעט אן אנטהייל צו געהמען אין דיעזער נייער היים אייערער. און דאס קענט איהר אם בעסטען טאן אלס בירגער.

דיעזע לאנד איז א רעפּובליק, עס הייסט, אז אלע זיינען הערשער, רעגיערער, און געזעצמאכער ווערען אויסגעקליבען פון'ם פאלק. לויט'ן געזעץ זיינען דא אלע מענשען גלייך, מען לעגט אויף אונז ניט ארויף קיין אונגלייכע שטייערן, און מען פארלאנגט פון אונז ניט קיין פּאספּארטען. אונזער לעבען, רעכט און אייגענטום זיינען גאראנטירט און געהיט פון דער רעגיערונג, וואס גיט תמיד אכטונג, אז זיי זאלען פון אונז אונגעזעצליך ניט צוגענומען ווערען. די רעגירונג זעהט אויך, ווי ווייט מעגליך, צו בילדען אונזערע קינדער אין נידעריגע און העכערע שוהלען.

א בירגער האט זעהר א סך רעכט און פּריווילעגיעס, וואס א פרעמדער האט ניט. מיר וועלען אויסרעכענען בלויז איניגע פון די וויכטיגסטע.

א בירגער, — מיט געוויסע אויסנאהמען, — מעג וואוטען פאר רעגיערונגס־בעאמטע פון'ם לאנד, שטאט און שטאָדט. ער מעג ערוועהלט ווערען צו יעדען אמט, אבוואהל פרעזידענט און וויס פרעזידענט קענען ווערען נאר היגע געבארענע בירגער. אין א סך שטאאטען קען קיין אנדערער ווי נאר א בירגער קויפען לאנד, אדער ארויסנעהמען אלערליי ביזנעס־ערלויבניסען אויף זיין אייגענעם נאמען. די פעדעראלע, עס הייסט, די צענטראלע רעגיערונג, האט א סך פרייע לאנד וואס זי גיט אפּטמאל אוועק כמעט אומזיסט, אבער אלץ נור צו בירגער. די פעדעראלע שטאט און שטאָדט רעגיערונגען בעשעפטיגען הונדערטער טויזענדער מענשען. אויף צימליך גוטע קאנדיציאנען ,וואס מוזען זיין נאר בירגער. זיי קענען הייסען דורכפיהרען גוטע נייע געזעצע, ניט דערלאזען דורכצופיהרען שלעכטע, אדער אפילו ארויסצווארפען אלטע אונגעוווינשטע געזעצע. און דאס אלעס דורך זייערע פארטרעטער אין קאנגרעס. דער וואונש אדער פּראָטעסט פון ניט־בירגער שפּיעלט דא זעהר א קליינע ראלע. פאר אונז אידען איז עס פיליכט מעהר ווי פאר אנדערע וויכטיג צו ווערען בירגער, און זיין באוואפענט מיט בירגערליכען איינפלוס און רעכטע צוליעב א סך פארשיעדענע אורזאכען. אונזער בירגערשאפט קען העלפען ניט נאר אונז דא אין אמעריקא, נאר אויך אונזערע ברידער, וואו זיי זאלען זיך ניט געפינען.

אפטמאל פארשאפט איינער, וואס איז ניט קיין בירגער, פיעל צרות און אונאנגענעהמליכקייטען ניט נאר זיך אליין, נאר אויך אנדערע. אזוי וועלען זיינע קינדער אויך ניט זיין קיין בירגער פון דיעזען לאנד, און וועלען מוזען דארום ווארטען ביז זיי וועלען ווערען 21 יאהר אלט און ארויסצונעהמען זייערע אייגענע צווייטע סיטיזען פּייפּערס. אזעלכע קינדער זיינען געוועהנליך אמעריקאניזירטע, פּערקעהרען שטענדיג מיט אמעריקאנער, לערנען אין זייערע סקוהלס, און דאך זיינען זיי „פרעמדע", און געפינען עס ניט זעלטען אוים. זיי וואלטען פיעלייכט געוואלט האבען אסיוויל סורוויס שטעלע, ס'הייסט א באשעפטיגונג ביי דער רעגיערונג, קענען זיי עס אבער ניט קריגען צוליב דעם, וואס זייער פאטער איז ניט קיין בירגער. זיי וואלטען אפשר וועלען אריינטרעטען אין געוויסע איסנטיטוציאנען און קענען ניט צוליעב דערזעלבער אורזאכע. אפילו אין ערטער, וואו בירגערשאפט איז אפיציעל ניט נויטיג, פיהלען די אמעריקאניזירטע קינדער דאך, אז עס וואלט פאר זיי פיעל בעסער און באקוועמער געוועזען ווען זיי וואלטען געווען בירגער, דאס איז נאר איין פאל, אבער ער איז ווייט ניט דער איינציגער. עס איז דארום ראטהזאם, אז דיזע קינדער זאלען זעהן ארויסהעלפען זייערע עלטערען ווי ווייט מעגליך צו ווערען אמעריקאנער בירגער.

ספּעציעל וויכטיג איז געווארען די לעצטע צייטען צו ווערען בירגער, צוליעב די פארשיעדענע בילס, וועלכע זיינען פארגעשלאגען געווארען אין דעם אמעריקאנער קאנגרעס.

איינער פון דיעזע בילס שלאגט פאר אפצושטאפּען די אימיגריישאן אויף צוויי יאהר צייט. דאס הייסט, אז די צעהנדליגע טויזענדע אידען, וועלכע זיינען געוועזען אין די לעצטע פינף יאהר אונטערוואָרפען די גרעסטע צרות, וואס דאס אידישע פאלק האט ווען עס איז געהאט אויסצושטעהן, זייענדיג געפייניגט פון אלע זייטען, אויסגעהונגערט און אפגעריסען פון דער גאנצער וועלט, ווערענדיג נאך איצט פארפאלגט אין דער כאַאַרישער לאנד פּוילען און אין דער לאנד פון די ווילדע און צווישעטע אוקראינער, — דיעזע צעהנדליגע טויזענדער אידען וועלען זיך ניט קענען ארויסרייסען פון דיעזע פלעצער. וועלען ניט קענען אריינקומען אין אמעריקא.

דער ביל זאגט אבער, אז אויסנאהמען וועלען געמאכט ווערען מיט בירגער פון אמעריקא, וועלכע וועלען קענען אריבערברענגען זייערע קרובים.

ווי איהר זעהט, לוינט זיך צו זיין א בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען, אפילו ווען מען זאל נאר קענען ברענגען א קרוב פון אייראפּא. היינט ווער רעדט נאך ווען א בירגער האט פיעלע אנדערע אונשאצבארע פּריווילעגיעס?

עס איז דארום די פליכט פון יעדען אידען און הויפּטזעכליך פון די אידישע ארבייטער ניט צו פארנאכלעסיגען זייער חוב וואס זיי האבען צו זיך און צו זייער קלאס און ווערען אזוי שנעל ווי מעגליך בירגער פון דיעזען לאנד.

די נאטורעליזיישאן אייד ליעג, אן ארגאניזאציאן, וועלכע איז געגרינדעט געווארען נאך מיט צעהן יאהר צוריק, און וועמעס אפיס געפינט זיך אין „פארווערטס" בילדינג, 175 איסט בראדוויי, וועט באהילפיג זיין יעדען מאן און פרוי, וועלכע וועלען זיך ווענדען יעדען טאג אויסער זונטאג, פון 1 בייטאג ביז 9 אוהר אבענד.

דער אפיס פון דער נעטשורעליזיישאן אייד ליעג וועט אויספילען פאר אייך די אפּליקיישאנס פאר די ערשטע און צווייטע פּייפּערס און וועט אייך געבען אלע נויטיגע אויסקינפטע. דיעזע בעהאנדלונג וועט איהר בעקומען אומבאצאהלט.

הויפּט אפיס פון דער ליעג:

„פארווערטס" בילידינג, 175 איסט בראדוויי, רום 14, יעדען טאג אויסער זונטאג, פון 1 בייטאג ביז 9 אוהר אבענד.

הארלעמער ברענטש

ארבייטער רינג בילדינג, 143 איסט 103טע סט. יעדען זונטאג אין דער פריה פון 10 ביז 1 אוהר בייטאג, און יעדען מיטוואך אבענד פון 6 ביז 9 אוהר.

בראנקסער ברענטש.

אין די העדקוואַרטערס פון דער בעקערס יוניאן, 1330 ווילקינס עוועניו. יעדען מאנטאג אבענד פון 6 ביז 9 אוהר.

אין די העדקוואַרטערס פון לאקאל בראנקס ס. פּ. 1167 באסטאן ראוד, יעדען דאנערשטאג אבענד פון 8 ביז 10 אוהר.

וויליאמסבורגער ברענטש.

אין די העדקוואַרטערס פון 13טען און 19טען א. ד. ס. פּ. 61 גרעהעם עוועניו, יעדען מאנטאג און מיטוואך אבענד פון 7 ביז 10 אוהר.

בראנזווילער ברענטש.

אין בראנזווילער לייבאר לייסעאום, 229 סעקמאן סטריט, יעדען דיענסטאג און שבת אבענד פון 6 ביז 9 אוהר.

וויכטיג פאר סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אונזערע לאקאלס!

מיר ווילען דא באקאנט מאכען צו די סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס פון ניו יארק, אזוי גוט ווי פון די קאנטריס, דאס די באריכטען וועגען דער טעטיגקייט אין זייערע לאקאלס, וואס זיי ווילען האבען געדרוקט אין דעם לייפענדען נומער, מוזען מיר האבען אין רעדאקציע ניט שפּעטער ווי דינסטאג. דאס זעלבע באציהט זיך אויך אויף קארעספּאנדענטען, בריעף־שרייבער און

די לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנעל

1. קלאוק אפּרייטארס יוניאן — סעמ'ל דזש. רינגער, סעק., 238 4טע עוו., נ. י.
2. פילאדעלפיא קלאוקמייקערס — מאקס סאנדלער, סעק., 244 ס. 8טע סט.
3. קלאוק און סוט פּיעס טיילארס — ד. רובין, סעק., 9 וו. 21טע סט., נ. י.
4. באלטימאר קלאוקמייקערס — א. ראשקאָוויץ, סעק., 1023 א. באלטימאר סט.
5. שיקאגא קלאוקמייקערס — ח. סאלאמאן, סעק., 1815 וו. דיוויזשאן סט.
6. ניו יארק עמבראידערי ווארקערס — י. זארעמסקי, סעק., 519 בערגען עוו., בראנקס, נ. י.
7. באסטאן רייננקאוט מייקערס — דייוויד פערלמוטער סעק., 38 קאסעוויי סט.
8. ליידיעס גארמענט ווארקערס — ח. י. גרינבערג, סעק., 411 פעלאן בילדינג, סאן פראנציסקא, קאל.
9. קלאוק פינישערס יוניאן — דזש. האלפערן, סעק., 228 סעקאנד עוו., נ. י.
10. אמאלגאמייטעד גארמענט קאטערס — דזשוליוס סעמועלס, סעק., 7 וועסט 21טע סט., נ. י.
11. בראנזוויל קלאוקמייקערס יוניאן — ח. בראדסקי, סעק., 219 סעקמאן סט., ברוקלין, נ. י.
12. באסטאן פּרעסערס יוניאן — 751 וואשינגטאן סט., באסטאן, מאסס.
13. מאנטרעאל קלאוקמייקערס יוניאן — דזש. שובערס, 37 פּרינס ארטהור סט.
14. טאראנטא קלאוקמייקערס — ס. יאנאלסקי, 208 ספאדינא עוו.
15. פילאדעלפיא וויסטמייקערס — ס. קאפלאן, 38 נ. 11טע סט.
17. נ. י. ריפער מייקערס יוניאן — דזש. העללער, 117 סעקאנד עוו.
18. שיקאגא קלאוק פּרעסערס — י. פערלשטאד, 1815 וו. דיוויזשאן סט.
19. מאנטרעאל קלאוק קאטערס — דזש. קייזער, 37 פּרינס ארטהור סט.
20. נ. י. וואטערפּרוף גאר. ווארק. — ס. פרידמאן, 22 וועסט 17טע סט.
21. נוארק ליידיעס טיילארס — ג. גלאסס, 103 מאנטגאמערי סט.
23. נ. י. שווירטמייקערס יוניאן — י. דזשאזעפסאן, 231 א. 14טע סט.
24. באסטאן סקוירט מייקערס יוניאן — 751 וואשינגטאן סט.
25. נ. י. וויסטמייקערס יוניאן — 16 וועסט 21טע סט.
26. קליוולאנד קלאוקמייקערס יוניאן — טשארלס קריינדלער, 305 סופּיריאר בלדג.
27. קליוולאנד סקוירט מייקערס יוניאן, טשארלס קריינדלער, 305 סופּיריאר בלדג.
28. סיאטל לייד. טיילארס יוניאן — נ. קאזאקאף, 719 30טע עוו.
29. קליוולאנד קלאוק פינישערס — 305 סופּיריאר בילדינג.
30. סינסינאטי קאטערס יוניאן — 311 אדד פעלאָוס האל.
31. לואיזוויל גארמענט מייקערס — דזש. עפּשטיין, 721 נ. מארקעט סט.
33. ברידזשפּארט קארסעט ווארקערס — מערי דזשי. פּעפּער, 409 ווארנער בלדג.
34. ברידזשפּארט קארסעט קאטערס — דזשאס. קובעק, 147 קעשהרין סט.
35. נ. י. פּרעסערס יוניאן — א. ע. קאזאן, 228 סעקאנד עוו.
36. באסטאן ליידיעס טיילארס — דזשייקאב וואיט, ק. א. באסטאן דזשאינט ב.
37. קליוולאנד פּרעסערס יוניאן — 305 סופּיריאר בילדינג.
40. ניו הייווען קארסעט ווארקערס — לינא מ. דיקערסאן, 285 גרינוויטש עוו.
41. נ. י. קימאנא ווארקערס יוניאן — י. משאטקוף, 22 וו. 17טע סט.
42. קליוולאנד קלאוק קאטערס — 305 סופּיריאר בילדינג.
43. וואוסטער ווהייט גודס ווארקערס — סעם קאהען, 49 הערימאן סט.
45. יונייטעד דעזיינערס און ליידיעס ווער — י. לענקאף, 36 וו. 33טע סט.
46. פּעטיקאוט מייקערס יוניאן — י. משאטקוף, 22 וו. 17טע סט.
48. נ. י. איטאליען קלאוקמייקערס — ס. נינגא, 231 14טע סט.
49. באסטאן וויסטמייקערס יוניאן — מיס דזש. פרידמאן, 919 וואשינגטאן סט.
50. נ. י. טשילדרענס דרעסמייקערס — מיס ב. גאלקער, 22 וו. 17טע סט.
52. לאס אנדזשעלעס גארמענט ווארקערס — ס. הערמאן, 218 ס. בראדוויי.
53. פילאדעלפיא ליידיעס טיילארס יוניאן — דזש. סטיינבאק, 1737 ס. 9טע סט.
54. שיקאגא רייננקאוט מייקערס — ח. שליימאן, 1145 בלו איילאנד עוו.
56. באסטאן קלאוקמייקערס יוניאן — 751 וואשינגטאן סט.
58. נ. י. וויסט באטאנהאל יוניאן — מ. אוראן, 80 א. 10טע סט.
61. מאנטרעאל קלאוק פּרעסערס — 37 פּרינס ארטהור סט.
62. נ. י. ווהייט גודס ווארקערס — מיס מ. ליפשיץ, 117 סעקאנד עוו.
63. סינסינאטי קלאוקמייקערס יוניאן — מיס ע. בעטין, 311 אדל פעלאָוס האלל.
64. נ. י. קלאוק באטאנהאל מייקערס — י. היבשמאן, 112 וו. 21טע סט.
66. נ. י. באנאזו עמבראידערי יוניאן — מיס ח. ספינדלער, 220 א. 14טע סט.
67. טאלידא קלאוקמייקערס יוניאן — ס. סטרולאוויץ, 721 אנידא סט.
68. הארטפארד גארמענט ווארקערס — א. פּרימאק, 16 לומיס סט.
69. פילאדעלפיא קלאוק פינישערס — 244 ס. 8טע סט.
70. טאראנטא סקוירט מייקערס — 208 ספאדינא עוו.
72. באלטימאר דרעס גודס ווארקערס — סיליא סאמאראדני, 515 מונסי בלדג.
73. באסטאן אמאל. גאר. קאטערס — 751 וואשינגטאן סט.
75. וואוסטער קלאוקמייקערס — ס. פּאלאנסקי, 8 אינגאל סט.
78. סט. לואיס קלאוק אפּרייטארס — ח. קארנבלוט, פּראטוירגלא בילדינג.
80. ניו יארק ליידיס טיילאר און אלטערייטאן ארבייטער יוניאן — ח. הילפמאן, 725 לעקסינגטאן עוו.
82. נ. י. ב. ב. ענד עקזאמינערס — מ. דזש. אשפיז, 78 א. 10טע סט.
83. טאראנטא קאטערס יוניאן — 208 ספאדינא עוו.
84. טאלידא קאטערס יוניאן — דאן ח. דייווי, 217 ווארטהינגטאן סט.
86. קענעדע ליידיעס טיילארס יוניאן — ל. רובין, גלען פאלס, סט. דזשאהן, נ. ב.
90. נ. י. פּרייוועט דרעסמייקערס — ח. סילווערמאן, 175 א. בראדוויי.
92. טאראנטא קלאוק פּרעסערס — ב. וואלהענדלער, 110 אגוסט עוו.
94. סעמפּל ענד ליידיעס טיילארס — 305 סופּיריאר בילדינג, קליוולאנד, א.
97. ליידיעס טיילארס יוניאן — דזשאהן אוהרין, 218 ס. בראדוויי, לאס אנדזשעלעס
98. סינסינעטי סקוירט פּרעסערס יוניאן — 311 אדד פעלאָוס האל.
100. שיקאגא ליידיס וויסטמייקערס יוניאן — דארא ליפשיץ, 1576 מילוואקי עוו.
101. באלטימאר גארמ. ווארקערס — מ. טימשי, 219 קילמאר סט.
102. מאנטרעאל רייננקאוט מייקערס — 37 פּרינס ארטהור סט. א.
103. לאס אנדזשעלעס ליידיס וויסטמייקערס — לאס אנדזשעלעס, קאל.
104. שיקאגא ליידיעס טיילארס — טהיאדאר בוירק, 180 וו. וואשינגטאן סט.
110. באלטימאר קאטערס יוניאן — 925 א. באלטימאר סט., ס. קריימער, סעק.
112. מאנטרעאל ליידיס גארמענט ווארקערס — 37 פּרינס ארטהור סט. א.
114. רייסין ראבער ענד רייננקאוט מייקערס — רוטה אוליר, 1903 דאגלאס עוו.
115. נ. דזש. וויסט ענד ווהייטגודס ווארקערס — פרידא שווארץ, 446 סמיט סט., פּערטה עמבאי, נ. דזש.
116. ליידיעס וויסט ענד דרעסמייקערס — דזשעני לעווין, 217 רוזוועלט סט., ניו הייווען, קאנ.
117. ווהייטגודס ווארקערס יוניאן — עטהעל בארדי, 196 סט. דזשארדזש סט., ניו בראנזוויק, נ. י.
118. ליידיעס גארמענט ווארקערס — הייזעל דזשעקסאן, סעקאנד עוו. רד., קלינטאן, איאווא.
119. וויסטמייקערס יוניאן — מרס. מערי מאלטץ, פּעדערייזשאן האל, טראי, נ. י.
120. ראטשעסטער ליידיס טיילארס — מ. מילער, 100 פּארק עוו., ראטשעסטער, נ. י.
121. וויינלאנד וויסטמייקערס — מיס ס. ריעף, 430 וואוד סט., נ. דזש.
122. שיקאגא עמבראיהערי ווארקערס — לירא י. קיפער, 2421 וו. מעדיסאן סט.
123. פּעטערסאן ליידיס גארמענט ווארקערס — הערמאן גרין, 56 קליף סט.

ווערען. אומגעקערט, די דאזיגע געווינסען וועלען, וואס ווייטער אלץ גרעסער און שטארקער ווערען.

* * *

5000 בריטישע מיידלעך קומען קיין אמעריקא זוכען חתנים

מרס. ס. א. סימאור, סעקרעטערין פון פילאדעלפיה "גאראנטי טראסט קאמפאניע", וועלכע האט זיך נארוואס צוריקגעקערט פון אייראפא, וואו זי איז געווען אנגעשטעלט אלס ספעציעלער אגענט פון דער אמעריקאנער ארמעע, אויפצופאסען אויף די אייראפעאישע כלות, ווייבער און קינדער פון די אמעריקאנער סאלדאטען אין פראנקרייך, האט פאלגענדעס, זעהר אינטערעסאנטעס, שטיקעל נייעס צו דערצעהלען:

פינף טויזענד בריטישע מיידלעך, קינדער פון ארימע פאמיליען, האבען זיך געווענדעט צו זייער רעגיערונג נאך פאספארטען אויף צו פאהרען קיין אמעריקא.

אן אונטערזוכונג פון דער רעגיערונג, ווענען דעם צוועק פון די מיידלעך'ס געפלאנטער רייזע קיין אמעריקא, האט ארויסגעבראכט דעם פאקט, אז דער איינציגער צוועק פון אט די אלע פינף טויזענט מיידלעך'ס ווייטער נסיעה איז צו נעמען פאר זיך צווישען די אמעריקאנער יונגע לייט חתנים, דארט חתונה האבען, און זיך טאקע דארטען באזעצען און איינפיהרען א בעל-הבית'שקייט אויפ'ן אמעריקאנער שטייגער.

די בריטישע מיידלעך — דערצעהלט מרס. סימאור — זיינען אזוי ענטציקט געווארען פון דער מונטערקייט און לעבעדיגקייט פון די אמעריקאנער "באיס" אין סאלדאטסקע מונדירען, וועלכע זיינען דורכגעגאנגען ענגלאנד אויף זייער וועג קיין פראנקרייך און צוריק, אז זיי, די מיידלעך, הייסט עס, האבען באשלאסען צו פארלאזען זייערע היימען און דורכקרייצען דעם אטלאנטישען אקעאן אבי צו קריגען אמעריקאנער בחורים פאר חתנים.

ניט ווייניג האט דערצו מיטגעהאלפען אויך דאס, וואס די אמעריקאנער סאלדאטען האבען זיך אין ענגלאנד ארויסגעשטעלט פאר זעהר-מילדע מחותנים, און האבען געווארפען מיט דאלארס רעכטס און לינקס. אויף די בריטישע מיידלעך אין די קלענערע פראווינציעלע שטעדט און שטעדטלעך האט די דאזיגע אמעריקאנער מילדקייט געמאכט א טיעפען איינדרוק, און האט צווישען זיי פערשפרייט דעם גלויבען, אז יעדע אמעריקאנער פאמיליע האט זיך איהר אייגענעם פריוואטען גאלד-גרוב דארט ביי זיך אויפ'ן הינטערהויף.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואס אזוי פיעל מיידלעך האבען זיך דארטען מיט אזא חשק גענומען גרייטען צו דער נסיעה אין דער "גאלדענער מדינה".

צו די אלע פינף-טויזענד מיידלעך וועלען זיין מזל'דיג גענוג דא צו קריגען זייערע זיווגים — דאס וועט די צייט באווייזען. אבער וואס וועט זיין, פרעגט זיך, אויב די דאזיגע נייע לעגענדע, וועגען אמעריקאנער "גאלדענע" חתנים, זאל זיך דערוויל חלילה פארשפרייטען אויך אין אנדערע אייראפעאישע לענדער, און דאס אומשולדיגע אמעריקא זאל נאך חלילה פארפלייצט ווערען מיט כלה-מיידלעך מכל מדינה ולשון — וואס וועט דעמאלט זיין מיט די אמעריקאנער מיידלעך? און טאקע די בחורים אליין? איז דען אויף זיי גאר קיין רחמנות ניט? עס וואלט דאך דעמאלט דא געווארען אזא יאגד אויף בחורים, אז זיי וואלטען נעבעך פשוט מורא געהאט זיך צו ווייזען אין גאס. איז דאס א יושר? אדרבא?

* * *

א פאר אפאריזמען פון א מאדערנע מיידעל.

פון א לאנגען צעטעל גלייכווערטליך, וואס זיינען אונטער'ן קעפעל "אפאריזמען פון א מאדערנע מיידעל" דא ניט לאנג געווען געדרוקט אין א היגער ענגלישער צייטונג, נעהמען מיר ארויס פאלגענדע פאר אפאריזמען, וועלכע זיינען — לויט אונזער מיינונג — גאנץ געלונגענע און פארדיענען איבערגעדרוקט צו ווערען:

א ציניקער איז איינפאך א סענטימענטאליסט אין א וואלפישער פעל.

* * *

די אומפארהייראטע פרוי איז תמיד געווען א געגענשטאנד פאר אלעמענס רחמנות. היינט איז דאס זי, וואס פיהלט דעם גרעסטען מיטלייד מיט די מייסטע פארהייראטע פרויען.

* * *

די מאדערנע פרוי זאגט תמיד אויס ווי אלט זי איז; דערנאך וועט זי זיך

קורצע שמועסען
צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

ס. סענדלער. — איהר האט אונזער ענטפער מיספארשטאנען. מעגליך, עס איז אונזער שולד. לאמיר דאס מאל פרובירען עס פאר אייך קלארער מאכען. דער עקז. באארד שלאגט פאר א פלאן פאר דיסקוסיאן, אין וועלכער אלע מעמבערס זאלען זיך קענען באטייליגען, פארוואלפט איהר עס אלס אומפראקטיש. איהר ווילט האבען גלייך די מאכט פון געזעצגעבער, אין דערזעלבער צייט פראטעסטירט איהר ווארום מען לאזט אייך ניט דיסקוטירען אין דער צייטונג, וואו די מעגליכקייט פאר דיסקוסיאן איז אזוי באשרענקט. איז דאס לאגיש? איהר שרייבט, אז איהר זענט ניט איינער פון די "קאנסולמען". מעגליך, אז איהר מיינט עס ערנסט, אבער אייער פלאן איז דאך אינגאנצען זייערער, און דער פלאן, ווען דורכגעפיהרט, וואלט ניט נאר אפגעשוואכט די יוניאן, נאר וואלט איהר אינגאנצען צושמעטערט. איהר טענה'ט, אז איהר ווילט ניט דיסקוטירען מיט'ן רעדאקטאר. פרעגען מיר אייך, פארוואס? מיט וואס האט זיך עס דער רעדאקטאר ביי אייך פארזינדיגט? איהר טענה'ט, אז מיר האבען אונטערדריקט אייער שטימע. דאס איז אבער ניט ריכטיג. מיר האבען אייער גאנצען פלאן איבערגעגעבען פיעל קלארער און שארפער, ווי איהר טוט עס אין אייער בריעף! אדער מיינט איהר צו זאגען, אז מיר האבען אייך מיסרעפרעזענטירט? אויב יע, טו אדרבה, ווייזט אונז אין וועלכען פונקט, און מיר וועלען זיך איילען צו פארריכטען אונזער פעהלער. איהר באקלאגט זיך, אז מיר אונטערדריקען פרעסס-פריהייט. איהר רופט אונז אן "צענזאר", און איהר פיהלט מיט שמערץ, ווי אין אייער אייגענער צייטונג לאזט מען ניט דיסקוטירען "מיינונגען און פלענער, וואס אנבאלאנגט דער ארגאניזאציאן". דאס איז זיכער ניט אמת. אין דער "גערעכטיגקייט" זיינען ערשינען פיעלע אזעלכע דיסקוסיאנען און וועלען אויך ווייטער ערשיינען, אבער איין זאך פארלאנגען מיר, אז די דיסקוסיאן זאל זיין אן ערליכע: ווען איינער, למשל, קומט ארויס פאר אינדאסטריאליזם, זאל ער עס ניט טרייען פארבאהאלטען; ווען איינער וויל האבען "קאונסילס", זאל ער עס זאגען קלאר און דייטליך, און ניט זעגלען אונטער א פאלשען פלאג. ווען איינער וויל אבער מיט פארשטעלטע רעד, אונטער דעם מאנטעל פון פארשיידענע פלענער, זיך אונטערגראבען אונטער די עקזיסטירענדע ארגאניזאציע מיט "רעפארמירען", ווי איהר דריקט זיך אויס, — באטראכטען מיר עס פאר פשוט ניט שעהן, ניט אנשטענדיג, און מיר ערקלערען אזא סארט אגיטאציע — ניט דיסקוסיאן — ניט פאסענד און אומגעזונט סיי פאר דער צייטונג און סיי פאר דער יוניאן. ביי געלעגענהייט קומט אריין אין אפיס און מיר וועלען מיט פארגעניגען אייך ברייטער ערקלערען אונזער שטאנדפונקט, אום אויסצומיידען אירגענד וועלכע מיספארשטענדניסע פאר דער צוקונפט.

מ.-א. — ווירקליך אן אומערווארטעטע פרעהליכע בשורה. וועלען האבען צו זאגען עטוואס וועגען, דעם אויף אנאנדער פלאץ אין דעם נומער.

ה. סקולמאן. — און זיינען זיי דען ניט גערעכט? דאס האט דאך באדארפט פאר אייך זיין אי א פליכט און אי א פארגעניגען. דאס וואלט דאך אייך באדייטענד געהאלפען אין אייער ארבייט, און דאך פארנאכלעסיגט איהר עס! מיט דעם איינמאל וועט איהר ניט אפ'פטר'ן. איהר מוזט ווערען א שטענדיגער מיטארבייטער פון דער "גערעכטיגקייט", אויב איהר ווילט האבען אונזער פריינדשאפט און דעם גוטען ווילען פון דער שיקאגאער חברה. אייער פארלאנג זאל ערפילט ווערען. אבער געדענקט, טוט איהר דאס אייערינע.

מ. י. פ. — וועט ערשיינען אזוי גיך ווי מעגליך, פיליכט נאך אין דעם נומער.

מ. מענקאף. — די אנגעלעגענהייט, וועגען וועלכער איהר שרייבט, איז ניט פון קיין באזונדערער וויכטיגקייט, אז איצט, ווען עס איז שוין נאך אלע יעלות, זאל זיך לוינען צו פארנעמען פלאץ דערמיט. פון דער אנדערער זייט איז דער צוגעשיקטער "עדיטאריעל", כאטש ניט זעהר גוט אנגעשריבען, אבער אין הויפט-פונקט א גאנץ גערעכטער. זאל אבער דא אין דערזעלבער צייט געגעבען ווערען פולער קרעדיט צו אונזער אלטען פריינד ב. קאהען פון לאס אנדזשעלעס, פאר די גוטע ארבייט, וואס ער האט געטאן, פארטיג מאכענדיג דעם באדען פאר שלעזינגער. ער זאל קענען געבען דעם "פינישינג טאטש", וואס קיין אנדערער וואלט עס אפשר ניט געקענט טאן, ווייל ניט אלע זיינען אזוי פעהיג, און דערצו איז איהם זעהר צוניץ געקומען זיין נויטיגע אויטאריטעט, אלס פרעזידענט און דער אינטערנעשאנאל, וועלכע קען ספענדען עטליכע הונדערט דאלאר אויף זיין רייזע. דעם פונקט פארשטעהט ניט דער עדיטאריעל-שרייבער. ער ווייס ניט, אז פאר די מייסטע קלאוקמאנופעקטשורער האט אט דאס גופא אן איינפאצירענדע ווירקונג. און דאס געלט, וואס די רייזע האט געקאסט, איז געווען דוקא פון גרויסען נוצען. ענטשולדיגט וואס מיר האבען אייך פריהער ניט געענטפערט. אייער בריעף איז דורך א צופאל פארלעגט געווארען צווישען אנדערע פאפירען.

מ. ראזענבערג. — אודאי וועלען מיר זיין, ווען עס זאל נאר ווידער ניט מאכען זיך עפעס, וואס זאל אונז שטערען.

ש. פרימאן. — מיר דרוקען אין דעם נומער אייער בריעף, אבער אונז שיינט, אז איהר מישט דא צוזאמען צוויי פראגען. די פראגע פון א פינף-טאגיגער ארבייטס-וואך איז א זעהר אינטערעסאנטע אן און פאר זיך, עס איז דא פיעל צו זאגען דאפיר און דאגעגען. די שבת-פראגע איז ווידער אנאנדער זאך. נון, א געוויסער שרייבער אין א צייטונג, וואס מאכט פרומקייט פאר איהר פראפעסיע, איז ארויסגעקומען מיט אן אטאקע אויף די יוניאן, אז זי צווינגט נעבאך די פרומע אידען צו ארבייטען אום שבת. דאס איז אבער געווען א פשוטער ליגען, ווי פריינד דאבימש האט עס באוויזען גאנץ קלאר. פון אייער בריעף קומט אויס, אז עס איז דא עפעס אין דער טענה, דאס איז זיכער ניט ריכטיג. וואס אנבאטרעפט די פראגע פון ארבייטען 5 טאג א וואך, קען זיין, אז ווען ביידע צדדים, די ארבייטער און די מאנופעקטשורער, וואלטען געווען איינשטימיג וועגען דעם, אז עס איז פאר זיי אלע-איינס, וואלט עס גאנץ גוט געלוינט צו מאכען דעם עקספערימענט. אבער דאס איז טאקע די פראגע. עס איז מעגליך, אז גאר מאנכע ארבייטער וועלען געפינען, אז עס איז פיעל לייכטער פאר זיי צו ארבייטען 44 שטונדען אין 6 טאג, איידער אין 5. עס איז אויך מעגליך, אז די 44 שטונדען, צוטיילט אויף זעקס טעג, זיינען מעהר פראדוקטיוו, ווי, ווען איינגעטיילט אין 5, ווייל עס איז באקאנט, אז אין די ערשטע שטונדען פון דער ארבייט, ווען די כוחות פון דעם ארבייטער זיינען נאך פריש, פראדוצירט ער מעהר ווי אין די לעצטע שטונדען. די פראגע דאן איז, אויב עס לוינט זיך צוליעב דעם מאכען א פיוס. נאטירליך, דאס קען ניט ענטשידען ווערען אויף דעם פלאץ, און אויך ניט פון אונז. דאס דארף פון די גאנצע יוניאן, און דערוויל מוזען די ארבייטער זעהן ווי אט בעסטען צו האנדלען אונטער די עקזיסטירענדע אומשטענדען און ווי וויט מעגליך זעהן אויסצומיידען אז איטיצער זאל מוזען פארשוועכען דאס, וואס ער באטראכט פאר הייליג. מיר זיינען זיכער, אז אין די מייסטע פעלע ווערט אזוי אויך געהאנדעלט, און די אטאקע אויף די אינטערנעשאנאל איז געווען א סקאנדאליעזע און אן אומגעלומפערטע.

ב. ש. — א, עס וועט זיך "אויספרעסען" איז דער אויסדרוק פון איינעם, וואס גלויבט, אז עס וועט זיך אלעס ענדיגען צום גוטען פון זיך זעלבסט, אבער ניט אלע מאל איז עס טאקי אזוי. זעהר אפט דארף מען צולייגען פעסט די האנט, אז עס זאל זיך אויספרעסען. פרעגט זיך נאך ביי אונזערע פרעסער, און זיי וועלען אייך זאגען, אז עס פרעסט זיך ניט אליין פון זיך...

ב. פרידמאן. — דער אויסדרוק "געלע צייטונג" איז פון אנפאנג אנגעווענדעט געווארען אויף די צייטונגען, וואס האבען איינגעפיהרט גרויסע שרייענדע קעפ מיט גרויסע מורא'דיגע בוכשטאבען. אבער מיט דער צייט איז דער גאנצער זשורנאליזם אונזערער געווארען געל. ווייל, וועלכע צייטונג האט ניט קיין גרויסע קעפ, וואס רייסען אויף די אויגען? עס איז דאך שוין איצט א געוועהנליכע זאך צו זעהען אין יעדער צייטונג קעפ איבער דער גאנצער פיידזש. אבער אפילו צייטונגען, וואס זיינען כלומרשט אויסערליך נאך ניט אזוי געל, זיינען אבער אין זייער אינהאלט דורך און דורך געל. דאס יאגען זיך נאך סענסאציעס, נאך אלערליי פיקאנטע סקאנדאלען, דאס מאכען פון א "פליג א העלפאנט", דאס אויסטראכטען פון נייעס, דאס פארבען פון די נייעס — דאס אלעס איז דער תוך פון געלען זשורנאליזם, אדער קורץ, פון זשורנאליזם, ווייל, ווען עס איז ניט צו געפינען אויף קיין רפואות איין אנשטענדיגע צייטונג, האט דאך קיין זין ניט צו געבען דעם זשורנאליזם א באזונדערע באצייכנונג. געלער זשורנאליזם האט געהאט א זין, ווען עס איז געווען אויך ניט קיין געלער זשורנאליזם. אבער איצט, אז אלעס איז געל, מעג מען די באצייכנונג אפשאפען. גענוג צו זאגען זשורנאליזם, אונזער פרעסע, און מען ווייס שוין, וואס עס מיינט. עס איז די גיפטיגסטע זאך אין אונזער לעבען. און דאך, שלעכט ווי זי איז, וואלטען מיר פארט געווען געגען א דיקטאטור, א צוואנג, וואס זאל האלטען די פרעסע ריין און עהרליך. דאס וואלט געווען געווים נאך פיעל ערגער, ווי אונזער איצטיגע פרעסע, אויב עס קען געמאלט זיין אזא זאך.

ל. ק. — וועט נאר אין גיכען פארעפענטליכט ווערען.

די יוניאן-קאאפעראטיוו סאסייעטי
לאקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן
פערקויפט אויסשליסליך
ווייט לילי טהעע
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי

אוועק און קוועלט אן ווען יעדערער פארזיכערט זי, אז זי זעהט אויס איינגער.

* * *

אלטע ליעבע איז אמאל אזוי טייער ווי אלטער וויין אדער אלטע ביכער — און אמאל אזוי ביליג ווי אלטע וויצען.

* * *

די פרוי'ס חן און איהר אנציהונגס-קראפט ליעגט, ביז צוואנציג יאהר, און איהר אויסזעהען; צווישען צוואנציג און דרייסיג יאהר — אין איהר ארט קליידען זיך; איבער דרייסיג — אין איהר ארט דענקען.

* * *

אנהאלטען א מאן'ס ליעבע איז ווי שרייבען פאעזיע — איין פראצענט באגייסטערונג און ניין און ניינציג פראצענט איינפאכע מלאכה.

לייידיס טיילארס און אלטעריישאן ארבייטער לאקאל 80

די יוניאן ציהט די אויפמערקזאמקייט פון יעדען שאפ-טשערמאן און פון יעדען מעמבער באזונדער ניט צו ערלויבען קיין ארבייטער צו זעצען זיך צו דער ארבייט אהן א ווארקינג קארד פון דער יוניאן.

די שאפ-טשערלייטע ספעציעל וועלען געהאלטען ווערען פאראנטווארטליך פאר דורכפיהרען דיזען רול.

ה. הילפמאן, סעקרעטער.

עקסטרא! עקסטרא!

די אמעריקאן יוראפּיען דיסטריבוטינג קא., אינק.

מיט דעם מעין אָפיס אין 116 נעסאָו סטריט און הויפּט ברענטש אָפיס אין 33 עסעקס סטריט

האָט געעפענט א גרויסען און שעהנעם אָפיס אין

176 עוועניו „בי״

די אידען פון יענעם געגענד קאָנען דורך אונזער נייעם ברענטש, 176 עוועניו „בי״, שיקען קליידער און שפּייז צו זייערע נויטליידענדע קרובים אויף יענער זייט ים.

מיר שיקען שפּייז און קליידער צו אייערע ליידענדע און הונגעריגע קרובים פון פוילען, ליטא, גאליציע, רומעניען, דייטש־לאנד, עסטרייך, טשעכא־סלאָוואקיא, פינלאנד, עסטלאנד און קורלאנד!

וואָס פריהער איהר וועט שיקען שפּייז קיין יוראָפּ, אלץ שנעלער וועט איהר שטילען זייער הונגער

פריינגט די קליידער צו אונז

אין 33 עסעקס סטריט

און מיר וועלען זיי אוועקשיקען פאר אייך. אויב איהר וואָהנט אויסערן שטאָדט, קענט איהר די קליידער צושיקען ביי פארסעל פּאָסט אדער עקספּרעס.

אויב איהר וואוינט אויסער׳ן שטאָדט

און קענט פערזענליך ניט קומען אין אונזער אָפיס

33 עסעקס סטריט

דאן שניידט אויס דעם אונטערשטען קופּאָן און שיקט איהם אונז צו מיט דער באטרעפענדער סומע און אלעס וועט ריכטיג באזארגט ווערען.

קופּאָן

איך שיק אייך .... $ פאר .... פּעקעדזש(עס)

וואָס איהר זאָלט שיקען צו:

Name ....

Address ....

City or Town ....

Province ....

Country ....

געשיקט פון:

Name ....

Address ....

City and State ....

באלד ווי מיר קריגען אייער באשטעלונג, צוזאמען מיט דער באטרעפענדער סומע אין א טשעק, מאָני אָרדער אדער קעש, שיקען מיר אייך גלייך אַרוים אן אָפיציעלען רעסיט.

מיר האָבען פארטיגע פּעקלעך מיט פרישע שפּייז פאר $17.50 א פּעקעל, שוין אריינגערעכענט אלע דעליווערי און אינשורענס־קאָסטען. פאר פינ־לאנד, עסטלאנד און קור־לאנד קאָסט דער זעלבער פּעקעל מיט א דאלאר מעהר צוליעב דעם וואס די פארבינדונגען מיט דיעזע לענדער זיינען מעהר קאָמפּליצירט.

אונזער נעקסטע שיף נאך יוראָפּ געהט אָפּ דעם 30טען סעפּ־טעמבער

אייער געלד איז אבסאָליוט גע־זיכערט!

אונזער קאָמפּאני האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף א ריעלען באָדען. אז איהר מאכט ביי אונז א באשטעלונג, קריגט איהר א גאראנטי, אז אין פאל מיר געפינען ניט אייערע קרובים, אדער מיר קענען ניט, צוליעב וועלכע ניט אורזאכע, דעליווע־רען אייער פּעקעל, דאמאָלט גיבען מיר אייך אָפּ דאָס געלט!

וואס אנבאטרעפט די זיכערהייט פון אריבערשיקען, זאָלט איהר וויסען, אז מיר אינשורען יעדען פּעקעל נעגען פייער, גנבה, רויבעריי, פלינדערונג און נעגען אירגענד וועלכען ריסק. מיר האָבען געמאכט פארבינדונגען מיט איינע פון די גרעסטע און רייכסטע אינשורענס קאָמ־פּאניעס.

אונזערע ברענטשעס:

Bhanch 1.

33 ESSEX STREET

NEW YORK.

ADOLF HUNAU, Mgr.

Branch 2.

1946 SECOND AVE., NEW YORK.

JOE SANN, Mgr.

Branch 3.

235 SPRINGFIELD AVE.,

NEWARK, N. J.

HERMAN H. DENBURG, Mgr.

Branch 4.

176 AVENUE B,

Cor. 11th St., NEW YORK.

Miss CELIA TROPP in charge.

Branch 5.

266 MONROE STREET,

PASSAIC, N. J.

JOSEPH SILVER, Mgr.

Branch 6.

71 EVERETT AVENUE

CHELSEA, MASS.

I. WINTMAN, Mgr.

Branch 7.

458 ST. LAWRENCE BLVD.

MONTREAL, CANADA.

RAM & WALL, Represent.

געלט, טשעקס און מעיל־אָרדערס זאָלען געשיקט ווערען צו אונזער הויפּט אָפיס:

American - European Distributing Co., Inc.

116 NASSAU STREET,

NEW YORK CITY.

AMERICAN-EUROPEAN DISTRIBUTING CO. Inc.

Shipping and Receiving Dept:

33 ESSEX ST., NEW YORK

Telephone: Orchard 9928.

Main Office:

116 NASSAU ST., N. Y.

Telephone: Beckman 2862—2863.

אונזער פירמא ווערט אפּערירט אונטער א שורעטי באָנד מיט די NEW AMSTERDAM SURETY COMPANY.

אונזער רעפערענס:

CHATHAM PHOENIX NATIONAL BANK, EAST SIDE BRANCH.

טאמאשעווסקי טעאטער
האוסטאן סט. און סעקאנד עווענױ
טעל. ארטשארד 2612,
הערי טאמאשעווסקי, סטיידוש מענ.

5טע וואך! רײעזיגער ערפאלג!
ל גאלדבערג פרעזענטירט
דאס שענסטע אידישע טעאטער אויף דער וועלט.
די גרעסטע קינסטלער פון דער אידישער ביהנע פעראייניגט.
די בעסטע פרימאראנאס, די בעסטע סובּרעטינס, די בעסטע מוטער ראליסטען פעראייניגט מיט דעם שטאלץ פון דער אידישער ביהנע

דייוויד קעסלער און בארים טאמאשעווסקי

די הערליכסטע אידישע קאמעדי מיט דער שענסטער אידישער מוזיק

די צוויי חזנים

מיט די גרעסטע 2 אידישע ארטיסטען באַרים טאמאשעווסקי, דייוויד קעסלער, מיט אונזער אייגציגען בעסטען קאמיקער סעם קעסטין, רעגינא צוקערבערג, בעסי ווייסמאן, קלמן יאוועליער, וויליאם שווארץ, מאד. זיעבעל, מאדאם ווילענסקי, מאדאם מאגע.

2טע וואך! גרויסער סוקסעס.
דאנערשטאג און פרייטאג, 25טען און 26טען סעפטעמבער,, בייטאג און אבענד, ערשטער און צווייטער טאג ראש השנה, שבת און זונטאג, מאטינע און אבענד, 27טען און 28טען סעפטעמבער
דער גרויסער סוקסעס פון אונזער נייער קאמעדי מיט מוזיק

די 2 חזנים

פון ה. קאלמאנאוויטש, פריי בעארבייט פון בארים טאמאשעווסקי. עכט אידישע מוזיק פון אונזער בעריהמטען קאמפאזיטאר און דירינענט הערמאן וואהל.

אין פארבערייטונג, טאמאשעווסקיס א נייע אפערעטע
„דאס היילינע ליעד"
24 נומערען געזאנג, פון דעם בעריהמטען קאמפאזיטאר און דירינענט ה' הערמאן וואהל.
חברות, לאדזשען, יוניאס און רעליעף סאסייעטיס, ווי אויך פריוואט פערזאנען קענען קריגען בענעפיטס און טיקעטס פאר דעם נייעם סיזאן. זיך צו ווענדען צו מר. מענדעלסאן.

אירווינג פל. טהעאטער
טעלעפאן, סטייוועסענט 1359
מאקס ווילנער, מענעדזשער
מארים שווארץ, דירעקטאר.

מאריס שווארץ'ס
נייער ליטעראַרישער סוקסעס
5טע וואך! 5טע וואך!
דאנערשטאג און פרייטאג, מאטינע און אבענד, (ראש השנה), שבת און זונטאג, מאטינע און אבענד, 25טען, 26טען, 27טען און 28טען סעפטעמב.

טביה
— דער —
מילכיגער

ווענען בענעפיטס און טיקעטס זיך צו ווענדען אין אפיס פון אירווינג פלייס טעאטער.

דאס נייע אידישע טעאטער
(27טע סטריט און מעדיסאן עווענױ)
עמאנועל רייכער, קונסט דירעקטאר.
שלמה גראסמאן, דזשענ. מענעדזשער.
בייטאג און אווענד.
דאנערשטאג, פרייטאג (ערשטער און צווייטער טאג ראש השנה), שבת און זונטאג, 25, 26, 27 און 28טער סעפטעמבער.
4טע וואך!
פרץ הירשביין'ס
ראמאנטישע פאלקס-קאמעדיע
„די פוסטע קרעטשמע"
רעזשיסירט פון עמנואל רייכער. דעקאראציעס פון פאשקא.
רעזערווירט אייערע טיקעטס פער טעלעפאן: מעדיסאן סקווער 579.

BOARD OF HEALTH NO. 1044
קאססיא ווערזשעטייבעל טאניק
א טייערער מיטעל פאר מאגען קראנקהייט.
איז צוזאמענגעשטעלט געווארען פון קרייטיכער, גראזען, ווארצלען, בלעטער און רייגעם ביהנען האניג, פונקט ווי א באבסקע רפואה.
דער טאניק רעגולירט מאגען-טראבעל, נעמט אוועק גאזען, קרעמפס, רוקען וועהטאג, שטעכעניש, ברענונג און קאפ - שמערצען. בארוהיגט אויך די נערוועז.
א טרייעל באטעל פון 12 אונצעס, 75 סענט.
עס איז רעדזשיסטרירט מיט ניו יארק באארד אוו העלטה אונטער נום. 1044.
שרייבט צו:
L. CAMNESS
347-49 Beekman Avenue,
Bronx, N. Y.
פראקטישער כעמיסט.

דארפט איהר א מוזיק לעהרער?
ל. גאלדבערג, דער באוואוסטער פיעדעל שפיעלער, וועלכער האט די הסכמה פון דעם גרויסען זשעניע, פראפעסאר לעאפאלד אוער, דער לעהרער פון צימבאליסט, מישא עלמאן און נאך אנדערע קינסטלער
גיט לעסאנס אין פיעדעל שפיעלען צו גאנץ מעסיגע פרייזען, ספעציעל צו קינדער פון קלאוקמאכער.
אדרעס:
507 איסט מאונט עדען עוו., בראנקס.
טעלעפאן: טרימאנט 1505.
נ. ב. — נעמט דריטע עווענױ עלעוויטער און סטאפ ביי 171טע סטריט און קלערמאנט פארקווי.

טשאטהאם פרינטינג קא.
2 איסט בראדוויי
קריגט אונזער עסטימייט.

דיזע ציימונג
ווי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענגלישע צייטונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די
אפּ-טו-דייט פרינטינג קא.
195 קאנעל סט. ניו יארק
טעלעפאן 5425 פרענקלין.

י. קראוז
בערזשעס און בענערס
פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר. ספעציעלי יוניאן ארבייט.
134 קליטאן סטריט. ניו יארק

דעזיינערס ווערען איבעראל פארלאנגט

מענער און פרויען פערדיענט מעהר געלד!
הונדערטע לייטע האבען שוין אויסגעלערענט אונזער מעטהאדע און יעצט פערדינען זיי פיעל געלד
נעהמט יעצט א קארס אונטעררינכט אין די
מיטשעל סקולס
אין דעזיינינג פיר מענער, פרויען מיסעס און קינדערשע קליידער. ספעשעל קורס אין פאר דעזיינינג. א קארס אין מיטשעל סקוהל מיינט א באלדיגע פאזישאן און גרויסע געהאלט.
די מיטשעל סקוהלס אף גארמענט קאטינג, דיזיינינג, פאטערן-מייקינג, גריידינג און פיטינג איז עסטאבלישט איבער 50 יאהר און האט ערפאלג.
פריוואט אונטעררינכט אויך אין אידיש. טאג און אבענד קלאסען.
גוטע בעדינגונגען.
נייע אידעען, נייע סיסטעמס, בעסטע מעטאדען, בעסטער ערפאלג.
שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט,
דעמאנסטריישאן און פולע אויסקונפטע.
MITCHELL DESIGNING SCHOOLS
912-920 Broadway, Cor. 21st St.
Tel. 83-84 Gramarcy. New York

בארנעט ל. בעקער
אפטאמעטריסט און אפטישען
215 East Broadway — 100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

דער
ארבייטער רינג
איז דער מעכטיגסטער און גרעסטער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מעמבערס.
דער ארבייטער רינג איז ניט בלויז אן ארדען, נאר אויך א געזעלשאפטליכער צענטער אין דער ארבייטער באוועגונג.

די יוניאן שטיצט אייך אין אייער עקאנאמישען קאמפף. — דער ארבייטער רינג איז א פריינד צו זיינע מעמבערס אין נויט און אין פרייד.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין דער עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.
די ארבייטער באוועגונג איז דער פעלז אויף וועלכען דער טעמפעל פון דער צוקונפט וועט געבוים ווערען.
דער ארבייטער רינג איז איינער פון די פעלזען.
אויב איהר זייט נאך ניט קיין מעמבער, שליסט זיך גלייך אן!
נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:
THE WORKMEN'S CIRCLE, 175 E. B'WAY, N. Y.


A. DELBON
פיקסט און שארפט שערס.
484-90 6טע עווענױ, ניו יארק.
צווישען 29טען און 30טע סטריט.

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לענארד פרעס
42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ־לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

VOL. I. No. 38. New York, Friday, October 3, 1919. פרייטאג, דעם 3טען אקטאבער. PRICE 3 CENTS

פערטעל יעהרליכער צוזאמענקונפט פון דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד

דעם מאנטאג אין באפאלא, אין סטאטלער האטעל, פאנגען זיך אן די מיטינגען פון דזש. עקזעקוטיוו באארד. די מיטינגען וועלען וואהרשיינליך אנהאלטען איינינע טעג. זעהר וויכטיגע פראגען פאר דער גאנצער אינטערנעשאנאל אויף דער טאגעס ארדנונג.

דאס מאל ווערט דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט ווארקערס יוניאן פארזאמלען זיך צו איהר פערטעל-יעהרליכען מיטינג אין באפאלא. דער צוועק פון דעם מיטינג איז דער זעלבער, ווי פון די פריהערינע: צו נעהמען, זא צו זאגען, סטאק פון אלץ, וואס איז אויפגעטאן געווארען זייט דעם לעצטען מיטינג אין פילאדעלפיא, און אויף בויען ווייטער די צוקונפט פון דער אינטערנעשאנאל.

וואס אנבאטרעפט דאס ביז איצט אויפגעטאנענע, קען מען זאגען אהן דער מינדעסטער איבערטרייבונג, אז נאך קיינמאל אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל איז נים אויפגעטאן געווארען אזוי פיעל נייעס און וויכטיגעס אין דעם לעבען פון די מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאנאל, וויפיעל אין די לעצטע עטליכע מאנאטען, צוליעב וואס אויך דער מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט זיך שטארק פארשפעטיגט. דאס מאל איז אלעס געגאנגען מיט אזא איבערראשענדער שנעלקייט און איז געקרוינט געווארען מיט אזעלכע ערפאלגען, אז איצט, ווען מען ווארפט א בליק אויף צוריק, פיהלט מען זיך כמעט ווי ערשטוינט.

דאס סאמע וויכטיגסטע, וואס שטעהט אין סאמע פראנט פון אלץ, וואס איז אויפגעטאן געווארען, איז אהן צווייפעל די איינפיהרונג פון וואך-ארבייט אין די וויכטיגסטע קלאוק-צענטרען אין אמעריקא, און אויך אין פיעלע אנדערע אינדוסטריען פון דער א. ל. ג. וו. יוניאן אין ניו יארק.

דאס איז געווען א רעוואלוציע אין דעם אמת'ען און בעסטען זין פון ווארט. און בעת מיר זעהען שוין איצט גאר פיעלע גרויסע פאלגען פון אט דער ענדערונג, קען אבער נים זיין דער מינדעסטער צווייפעל, אז וואס ווייטער, דאס שטארקער וועלען זיך ארויסזעהן די גרויסע מעלות פון וואך-ארבייט אין פארגלייך מיט שטיק-ארבייט.

די דאזיגע רעוואלוציע איז געקרוינט געווארען מיט א פאלשטענדיגען נצחון אין ניו יארק, נוארק, באסטאן, באלטימאר, וואוסטער, שיקאגא, מאנטרעאל, לאס אנדזשעלעס און סאן פראנציסקא.

איבעראל איז די וואך ארבייט אנגענומען געווארען צוזאמען מיט א באדייטענדער פארקירצונג פון דער ארבייטס-צייט, מיט א 44-שטונדיגער ארבייטס-וואך, מיט א מינימום סקייל און וויידזשעס, אזוי דאס די העכערונג פון דעם ארבייטס-לוין איז א גאנץ היבשע.

עס וועט געוויס זיין פון דער העכסטער וויכטיגקייט צו הערען פון די פארשיעדענע שטעדט, ווי עס ארבייט די נייע סיסטעם.

אין מאנכע שטעדט איז נאך די דאזיגע סיסטעם פון וואך-ארבייט דערווייל נים איינגעפיהרט, ווי אין סינסינעטי, סט. לואיס, טאלידא, קליוולאנד, טאראנטא און פילאדעלפיא, כאטש אויך דארט האט די אינטערנעשאנאל צו פארצייכענען באדייטענדע ערפאלגען אין אן-ער ריכטונג, און די עקזעקוטיווע וועט געוויס נים פארפעהלען צו פאסען א באשלוס אויף וועגען דעם.

וואס אנבאטרעפט פילאדעלפיא, האבען שוין די דארטיגע קלאוקמאכער געשטימט מיט א גרויסער מאיאריטעט פאר וואך-ארבייט, און עס איז כמעט ווי זיכער, אז דעם נעקסטען סיזאן וועלען די קלאוקמאכער אויך דארט אויפהערען צו זיין שטיק-ארבייטער.

צוזאמען מיט דער וואך-ארבייט, ווי מיר האבען עס שוין פיעל מאל ערקלערט, זיינען ארויסגעוואקסען נייע פראבלעמען, פאר די לייזונג פון וועלכע עס פאדערט זיך פיעל איבערלעגונג און א געזונטע אורטיילס-קראפט. דער גענעראל - עקזעקוטיוו באארד וועט געוויס זיך נעהמען צו זיי, און וועט זיי לייזען צו דער צופרידענהייט פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל.

אויפ'ן לעצטען מיטינג פון גענ. עקז. ב. אין פילאדעלפיא איז באשלאסען געווארען צו זעהן ווי ווייט מעגליך צו טאן נויטיגע ארגאניזאטארישע ארבייט אין דער-קאנטרי, אויסער ניו יארק. די ג. ע. ב. איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די גאנצע ארבייט אין די גרויסע שטעדט, ווי ניו יארק, שיקאגא א. ז. וו. וועט פון קנאפען נוצען זיין, אויב די פארשיעדענע טריידס, וועלכע זיינען אין דעם רשות פון דער א. ל. ג. וו. י., וועלען נים ארגאניזירט ווערען אין די ארומיגע שטעדטלעך.

דער גענ. עקז. באארד איז זיך געווען פול באוואוסט איבער דער שווערער אויפגאבע, וואס זי האט זיך געשטעלט, אבער דער באשלוס, אז דאס מוז געטאן ווערען, איז געווען דארום דאס פעסטער, און עס וועט זיין העכסט-אינטערעסאנט צו הערען, וואס איז אויפגעטאן געווארען שוין אין דער ריכטונג, און וויפיעל עס בלייבט נאך צו טאן, אום אז מען זאל קענען זאגען, אז די מייסטע אינדוסטריען, וואס זיינען ביז איצט אריין אין דעם צעטעל פון די, וואס געהערען צו דער א. ל. ג. וו. יוניאן, זיינען מעהר אדער ווע-ניגער ארגאניזירט.

צו דער זעלבער צייט זיינען נאך דא פיעלע אינדוסטריען, וואס געהערען מיט רעכט צו דער א. ל. ג. וו. יוניאן, אבער צוליעב דעם, וואס עס זיינען נים געווען די נויטיגע כחות און מיטלען זיך אלץ ווייטער אויסצושפרייטען, האט מען זיך באנוגענט מיט דאס, וואס איז געווען צו טאן שוין אין די ארגאניזירטע אינדוס-טריען. עס איז אבער קיין גרונד ניטא, ווארום איצט, ווען די אינטערנעשאנאל צוואוואקסט זיך אלץ מעהר און מעהר, זאל זי זיך נים נעהמען צו די אנדערע איני-

אינהאלט-פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 38.

זייט 2. די וואך — נ. בוכוואלד.
זייט 3. בריעף צום רעדאקטאר.
זייט 4. א סאניטארי קאנטראל באארד פאר שיקאגא — דר. מאקס געטנער. אין דער קלאוק פרעסערס יוניאן, לאקאל 35 — דזש. ברעסלאוו.
זייט 5. אוים קאפעלוש מאכער ! — א. סילווער. וויקטארי באנקעט פון לאקאל 10. די ליידיס טיילארס אין באלטימאר, שלום פון זייט 1.
זייט 6. מאדערנע צעכען און טרייד יוניאנס — דזשוליעט סטוארט פוינטץ.
זייט 7. ווילסאנ'ס קאפיטאל און ארבייטס קאנפערענץ און אומזיסטע טרחה — ה. לאנג. די געשיכטע פון א שווערען קאמף און זיעג — י. מענקאף און מ. בעיל.
זייט 8. דער קוש — טאמאס קראג.
זייט 9. די יוניטי סענטערס אין פילאדעלפיא — עללען א. קעגאן.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ ביכעל.
זייט 11. דער גרויסער קאמף פאר יוניאניזם אין אמעריקא — ליליפוט.
זייט 12. אין דער טעאטער וועלט — דער קריטיקער.
זייט 13. דער סענאט און זיין „ארבייטס-קאמיטע" — ב. מיימאן. דער שטאל-קעניג (פאליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 14. אוים דעם טאגע-בוך פון א מיידעל — מ. י. פייערשטיין.
זייט 15. די פרויען-וועלט — ראזע בעדריק-בלינדער. קורצע שמועסען.
זייט 16. קורצע שמועסען. קלאוק שאפ קא-לעקשאנס פאר'ן 100 טויזענד דאלאר פאנד.
זייטען 17, 18 און 19 — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. דער קאמף און זיעג פון די ליידיס טיילארס אין באסטאן — דזשייקאב וויטה. א סטרייק פון ליידיס טיילארס אין פעטערסאן.

דר. ל. פרידלאנד, עדיוקיישאנאל דירעקטאר פון אונזער אינטערנעשאנעל יוניאן

א קאנפערענץ פון אלע ניו יארקער לאקאל עדיוקיישאנאל קא־מיטעס דעם מאנטאג פארנאכט.

דר. לואיס ס. פרידלאנד, פון'ם ענגלישען דעפארטמענט אין ניו יארק סיטי קאלעדזש, איז לעצטע וואך אנגעשטעלט געווארען אלס דירעקטאר פון'ם עדיוקיישאנעל דעפארטמענט פון אונזער אינטערנעשאנעל יוניאן. דר. פרידלאנד איז גוט באקאנט אין די עדיוקיישאנעל קרייזען פון ניו יארק פאר זיין טעטיגקייט אויף דעם געביעט, און אונטער זיין דירעקציאן וועט די אינט. עדיוקיישאנעל ארבייט אנגעפיהרט ווערען דעם קומענדען סיזאן. קירצליך וועלען באקאנט געמאכט ווערען די אלע פלענער פון דער עדיוקיישאנעל ארבייט.

רעדזשיסטריישאן פאר די אלע קלאסען געהען שוין אן. די מיטגליעדער פון אלע אונזערע לאקאלס אין גרוים ניו יארק, וועלכע ווילען זיך באטייליגען אין די קלאסען און לעקטשור קורסען, זאלען זיך גלייך רעדזשיסטרירען אין די אפיסעס פון אונזערע לאקאל יוניאנס.

* * *

די עדיוקיישאנעל קאמיטע פון דער אינטערנעשאנעל רופט א דזשאינט קאנפערענץ פון די עדיוקיישאנעל קאמיטעס פון אלע אינטערנעשאנעל לאקאלס פון גרייטער ניו יארק פאר מאנטאג פארנאכט, דעם 6טען אקטאבער, אין אפיס פון אונזער אינטערנעשאנעל, 31 יוניאן סקווער, רום 1002. דער קאנפערענץ וועט זיך אנפאנגען 6 אוהר, גלייך נאך דער ארבייט.

ביי דיזען קאנפערענץ וועט פארגעלייגט ווערען דער פלאן פון דעם עדיוקיישאנעל קאמיטע פאר דעם נייעם סיזאן און די אנוועזענדע וועלען קענען דיסקוטירען די פראגען. אונזער עדיוקיישאנעל דירעקטאר, דר. ל. פרידלאנד, וועט אנוועזענד זיין ביי דעם קאנפערענץ.

די עקזעקוטיוו קאמיטעס פון די לאקאלס ווערען אויפגעפאדערט צו ערוועהלען א קאמיטע פון 3 פערזאן, און איינסטרואירען די קאמיטעס צו זיין ביי דעם קאנפערענץ.

די סעקרעטערע פון אלע אונזערע ניו יארקער לאקאלס ווערען אויפגעפאדערט צו זעהן, דאס די עדיוקיישאנעל קאמיטעס זאלען נים פארפעהלען צו קומען צו דעם קאנפערענץ. טאמער זיינען אין מאנכע לאקאלס דיעזע קאמיטעס נאך נים ערוועהלט געווארען, זאלען די סעקרעטערע אפאינטען פארלויפיגע קאמיטעס צו אטענדען די קאנפערענץ, וועלכע קען אויף שפעטער נים אפגעלעגט ווערען.

זאלען אלע סעקרעטערע דאס נעמען אין אכט.

ליידיס טיילארס פון באלטימאר געווינען זייערע פאדערונגען

אונזער ליידיס טיילארס יוניאן אין באלטימאר, לאקאל 101, האט מיט א פאר וואכען צוריק ארויסגעשטעלט פאדערונגען צו די בעלי בתים. די יוניאן האט צוגעשיקט צו יעדער פירמע א נייעם אגרימענט, מיט נייע פונקטען, ווי וואך-ארבייט, א 44 שטונדיגע ארבייטס-וואך און א מינימום סקייל און וויידזשעס און נאך אנדערע קלענערע פונקטען.

די מעהרסטע פירמען, איינזעהענדיג מסתמא אז זיי וועלען די פאדערונגען סיי ווי מוזען נאכגעבען, ווי דאס האבען געטאן די בעלי בתים פון אנדערע שטעדט, האבען דעם אגרימענט אונטערגעשריבען אהנע צו געבען דער יוניאן עקסטרא טראבעל. זיי האבען, נאטירליך, געוואוסט, דאס די ארבייטער זיינען גרייט געווען פאר די פאדערונגען צו סטרייקען, אויב נויטיג. עס זיינען אבער דאך געווען צוויי פירמען, פוטשעל און טשערטקאף, וועלכע האבען זיך צוריקגעהאלטען פון אונטערשרייבען דעם נייעם אגרימענט.

די פירמע פוטשעל האט אבער ענדליך דעם אגרימענט אונטערגעשריבען און ביי דער צווייטער, צוריקגעבליבענער פירמע, טשערטקאף, האט מען ערקלערט א סטרייק. דער סטרייק האט געדויערט בלויז איין וואך צייט און אויך די פירמע האט דעם אגרימענט אונטערגעשריבען.

איצט, אלזא, ארבייטען שוין אלע ליידיס טיילארס אין באלטימאר אונטער דעם נייעם אגרימענט, זיי האבען געוואונען אלע זייערע פאדערונגען.

פאר אונזערע לעזער וועט זיין אינטערעסאנט צו וויסען, דאס די אמעריקאן

(שלום אויף זייט 5)

אויס׳ן לעבען פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין שיקאגא

פון ה. סקוהלמאן

ווען מיר זאלען וועלען באשרייבען אלעס וואס עס איז פארגעקומען אין דעם לעבען פון אונזער יוניאן פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען, וואלט איך ערשטענס, נעדארפט פארנעהמען כמעט א גאנצען נומער „גערעכטיגקייט", און צווייטענס, וואלט איך נעדארפט באזיצען די פעהיג־קייט און דעם טאלאנט פון א פראפעסיא־נעלען שרייבער. איך וועל זיך דעריבער אזוי גרוים ניט פארנעהמען. מיר וועלען בלויז אין קורצען פארצייכענען אזוי קורץ ווי מעגליך אלעס וואס עס איז, לויט אונ־זער מיינונג, וויכטיג און אינטערעסאנט.

ווען די באוועגונג פאר וואך־ארבייט האט זיך אנגעפאנגען אין אונזער אינטער־נעישאנאל, האבען מיר געגלויבט; דאס אונזער שטאדט וועט זיין די לעצטע דיזען סיסטעם אנצונעהמען, און מיר האבען דאס אייניגע מאל ערקלערט, אין די קאלומנס פון דיזער צייטונג, דאס איז אבער געווען אמת אזוי לאנג, ווען מען האט דערפון בלויז „גערעדט", אזוי שנעל אבער, ווי מען איז איבערגעגאנגען צו טאטען, האט זיך די גאנצע לאגע געענדערט. דער פאקט, אז דער ניו יארקער קלאוקמאכער, וועמען מיר האבען אימער באטראכט אלס אונזער עלטערען ברודער, איז ארויס אין סטרייק אום אפצושאפען דעם שטיק־סיסטעם, און דאן דער פאקט דאס דיזע פאדערונג איז געוואונען געווארען, איז געווען גענוג אריינצוברייגנען א קוואל פון באגייסטערונג צווישען די קלאוק מאכער אין שיקאגא, פאר וואך־ארבייט. גאר פיעלע פון אונזערע מעמבערס האבען זיך אין גאנצען ענטזאגט צו דיסקוטירען די דאמע פראגע. דער געשריי איז געווארען, דאס מיר מוזען טאן דאס וואס אונזער עלטערער ברודער, אין ניו יארק האט גע־טאן, — איין סיסטעם פון ארבייט פאר אלע קלאוקמאכער! איין אגרימענט פאר אלע לײדיס גארמענט ווארקערס, וואו זיי זאלען זיך ניט געפינען. אויב דער סיס־טעם איז גוט, דאן זאלען מיר אלע געני־סען פון דעם.

און די פאנטאזיע האט אונז געזאגט, איין סיסטעם פון ארבייט פאר אלע, איין און דערזעלבער אגרימענט פאר אלעמען, וועלכער זאל אויסגעהן אין איין און דער־זעלבער צייט, אין איין און דערזעלבער שטונדע, אין איין „10 אוהר איז דער פריה" פון ניו יארק ביז סאן פראנציסקא...

נאטירליך, האבען ניט אלע אונזערע מעמבערס אזוי געפיהלט, און דער פאר־שטענדיגער טייל פון אונזערע מעמבערס, מיט דער הילפע פון אונזער פרעזידענט שלעזינגער, האבען פשוט דעם לעבען אוועקגעלייגט, אום צו ערקלערען און אי־בערציינען דעם נאך ניט איבערצייגטען עולם, אין די נייטיגקייט און וויכטיגקייט פון דיזער רעפארמע. מיר וועלען קיינמאל ניט פארגעסען, דעם דזשאינט באארד מי־טינג, וועלכען פרעזידענט שלעזינגער האט אדרעסירט, און אגיטירט, פאר דער איינ־פיהרונג פון וואך־ארבייט. ער האט ביי יענעם מיטינג מיט זיין ריידען, פשוט אריינגעגאסען פייער אין אונזערע אדערען. ניט וויינינער ווירקזאם איז געווען זיין רעדע מיט 3 טעג שפעטער, ביי א גרויסע מאסענפארזאמלונג, פאר דעם זעלבען צוועק.

און אין א משך פון 2 וואכען צייט איז דער קאמפיין פאר וואך־ארבייט גע־קרוינט געווארען מיט דעם גרעסטען ער־פאלג. דאס האט דער רעפערענדום באוויי־זען; עס איז געווען 2 און א האלב שטי־מען צו איינס פאר וואך־ארבייט. און אין א וואך שפעטער, דזשולי דעם 2טען, 1919, זיינען אלע אונזערע מעמבערס מיט שמחה און באגייסטערונג, ארונטער אין סטרייק, פאר אלע פאדערונגען וואס מיר האבען ארויסגעשטעלט צו אונזערע בעל הבתים, און נאך א 24 שטונדיגען „סטא־פעדזש", דער שעהנסטער און וואונדער־בארסטער, אין דער געשיכטע פון אונזער יוניאן, זיינען אלע אונזערע פאדערונגען געוואונען געווארען! וואך־ארבייט, אן 8־שטונדיגען ארבייטסטאג, און מינימום סקיילס פאר אלע סארטען בעל מלאכות אין טרייד.

און היינט, 3 מאנאטען ווי מיר אר־ביטען אונטער דעם נייעם אגרימענט, איז נאך קיין איינע פון די שרעקליכקייטען, וועלכע אונזערע עהרליכע גענגער האבען פאראויסגעזאגט, ניט מקוים געווארען. קיין ערגסטע קאמפליינטס פון אונזערע ארבייטער הערט מען ניט, און מיר האפען אז אזעלכע וועלען אויך ניט פארקומען. אמת, כמעט יעדען טאג הערען מיר פון פארשיעדענע מאנופעקטשורערס, זיך בא־קלאגען, אז זיי ווערען „אומגליקליך" און דאס יעדע וואך לייגען זיי צו „שווערע הונדערטער" נאר מיר טרייסטען זיך דער־מיט, וואס די עקסטרא קאסטען וואס זיי האבען, נעהמט ווארשיינליך אין גאנצען ניט פארלוירען, און א געוויסער טייל פון די געלדער נעהמט אין די פאקעטס פון אונזערע ארבייטער, וועלכע דארפען דאס נויטיג האבען.

געוויס זיינען נאך אלע אונזערע פראב־לעמען ניט געלייזט. האבען מיר דאך גע־מאכט אן אגרימענט מיט באסעס, ווע־מעס אינטערעסען זיינען פונקט דער היפוך פון אונזערע, און וועלכע טריען (אפילו אינדירעקט) צו מאכען אונז אביסעל אונ־אנגענעמליכקייט. אבער עס מאכט ניט, אזוי לאנג ווי מיר האבען א יוניאן, און א שעהנע, מעכטיגע יוניאן דערצו, דאר־פען מיר קיין מורא ניט האבען, און האבען טאקע ניט.

מיר שטעהען אויף דער וואך און גיבען אכטונג, אז אלעס זאל צוגעהן אזוי גוט ווי די אומשטענדען מאכען דאס מעגליך.

זאל נאך דא געזאגט ווערען, אז מיר האבען געמאכט לכבוד פרעזידענט שלע־זינגער און לכבוד די גאנצע דזשענעראל סטרייק קאמיטע א זעהר שעהנעם באנ־קעט וואו מיר האבען זיך גאנץ לייטיש אמוזירט און יעדער לאקאל פון אונזער דזשאינט באארד האט אויסגעדריקט אין דעם נאמען פון אלע מעמבערס אנערקע־נונג און ליעבע צו פרעזידענט שלעזינגער פאר זיין אמת גוטע און איבערגעבענע אר־בייט, דורך זעהר ווערטפולע פרעזענטען אלס אנדענקען. דאס איז געטאן געווא־רען גלייך נאכ׳ן סעטעלמענט און עס וועט ניט שאדען דאס צו פארצייכענען אפילו איצטער.

* * *

שלעזינגער איז אימער געווען באליבט ביי די שיקאגא׳ר בעל מלאכות, די שי־קאגא׳ר קלאוק מאכער האבען אימער שטאלצירט, מיט דעם פאקט, דאס שלע־זינגער איז זייערער, און עלטערע קלאוקמאכער האבען אפט ליעב צו דער־מאנען די צייטען, ווען זיי האבען מיט איהם געארבייט אין איין שאפ, און אויך דאס ער איז אמאל געווען דער ביזנעס אייגדזשענט פון אונזער יוניאן. גאר פיעלע פון אונזערע עלטערע מעמבערס רופען איהם ביי׳ם ערשטען נאמען און אלע פאר־דעכטיגען איהם אימער, אז אויך ער האט א ספעציעלע ליעבע פאר שיקאגא. אבער נאך קיינמאל האבען אונזערע מעמבערס איהם אזוי פיעל ליעבע ארויסגעוויזען ווי היינט! היינט, נאכדעם ווי זיי האבען גע־האט די געלעגענהייט צו זעהן, ווי אזוי שלעזינגער האט קאנפערירט מיט אונזערע מאנופעקטשורערס, פארלייגענדיג פאר זיי אונזערע פאדערונגען, מיט אזוי פיעל טאקט, שכל, שטאלץ און ווירדע. אונזערע הערצער האבען אזוי מאדנע מחיה׳דיג גע־קלאפט בראוואָ צו יעדער ווארט, צו יעדען ארגומענט, וועלכען ער האט ארויסגע־בראכט! און דערפאר אזוי פיעל באגייס־טערונג און אזוי פיעל בלומען, ליוב־גע־זאנג און פרעזענטען.

זאל נאר קיינער אונז ניט פארדעכטי־גען אין איבערטרייבונגען. די שיקאגא׳ר קלאוקמאכער זיינען גראדע באוואוסט אלס ניט גאר קיין הייסע חסידים און קדוש שפרינגער, אבער דאס איז פארט דער ריי־נער אמת, און מיר גיבען דאס צו מיט פארגעניגען.

* * *

פאלמערס שאפ

דער גרעסטער און בכבוד׳יגסטער שאפ אין שיקאגא איז די פירמא פערסיוואל ב. פאלמער און קא.

פון 1912, ווען מיר האבען דארטען פארלוירען אן אונגעלונגענעם סטרייק, איז דער שאפ געווען א נאן־יוניאן שאפ. אלעס איז געטאן געווארען דיזען שאפ צו אר־גאניזירען, עס איז פשוט געווען אונזער אמביציע צו קריגען דיזען אריסטאקראַ־טישען מאנופעקטשורער צו טאן „ביזנעס" מיט אונזער יוניאן. די ארבייטער אבער זיינען באשטאנען מעהרסטענס פון סלא־ווישע אפשטאמונג און מיר האבען זיך פשוט מיט זיי ניט געקענט צוזאמענריי־רען. א דאנק אבער דעם נייעם גייסט פון די קלאוקמאכער אין אלגעמיין און א דאנק די אונערמידליכע ארבייט פון ברודער גלאסמאן, וועלכער האט אריינגעלעגט זיין גאנצע ענערגיע, איז דער שאפ היינט צו טאג, איינער פון די בעסטע יוניאן שע־פער אין שטאדט, און די ארבייטער פון דיזען שאפ שעצען און אכטען זייער יו־ניאן וועלכע האט אויסגעפיעט צו פארבע־סערען זייער לאגע אין אזא קורצער צייט, צו אזא גרויסען גראד.

וועגען דעם שעהנעם שלום פון קלאוקמאכער סטרייק אין לאס אנדזשעלעס

דורך א טעלעגראמע פון פרעזידענט שלעזינגער איז שוין מיט צוויי וואכען צו־ריק, געווען געמעלדעט אין די „גערעכ־טיגקייט" וועגען דעם סעטעלמענט פונ׳ם קלאוקמאכער סטרייק אין לאס אנדזשע־לעס, קאליפארניא.

דעם 18טען סעפטעמבער איז אין א קאנטרי עדישאן פון "פארווערטס" גע־ווען פארעפענטליכט א קארעספאנדענץ פון לאס אנדזשעלעס, פון דעם קארעס־פאנדענט דזש. לעוויט, אין וועלכער ער גיט איבער די שטימונג וואס דער סע־טעלמענט פון דעם סטרייק האט דארט ארויסגערופען: די ווירקונג וואס עס האט געהאט פרעזידענט שלעזינגער׳ס קומען אהין און אזוי ווייטער.

מיר דענקען דעריבער אז עס וועט זיין אינטערעסאנט פאר אונזערע לעזער, דא איבערצוגעבען אן אויסצוג פון יענער קא־רעספאנדענץ.

איבערגעבענדיג די פונקטען פון דעם סעטעלמענט און אנווייזענדיג אויף דעם זיעג וואס די ארבייטער האבען דורכדעם סעטעלמענט געוואונען, שרייבט ער:

„בענדזשאמין שלעזינגער, פרעזידענט פון דער אינטערנעשיאנעל, איז די פער־זאן, וועלכע האט געבראכט דיזען גרוי־סען געווינס צו אונזערע ארבייטער.

מיטוואך, דעם 20טען אויגוסט, איז גענ. שלעזינגער אנגעקומען נאך לאס אנ־דזשעלעס און שבת, דעם 23טען איז שוין דער סטרייק געווען צו ענדע.

צעהן וואכען איז דער סטרייק אנ־געגאנגען. די פארביטערטקייט פון ביי־דע צדדים איז געווען אזוי שטארק, אז עס האט אויסגעזעהן, דאס קיין זאך אין דער וועלט וועט די מאנופעקטשורערס און די ארבייטער ניט צוזאמענברייגנען. דער פאקט איז, אז פריינד קאהען האט איינינע טעג בעפאר גענ. שלעזינגער׳ס קומען אהער געמאכט אן אנשטרענגונג צו־זאמענצוברייגנען ביידע צדדים צו א מי־טינג, אבער פון דעם איז גאר ניט געווא־רען. עס איז ווירקליך נויטיג געווען א שלעזינגער, וועלכער זאל קומען צו די מא־נופעקטשורערס און האלטען פאר זיי א לעקטשור וועגען דער קלאוק אינדוסטריע פון לאנד און די לאגע, אין וועלכער זיי, די מאנופעקטשורערס, געפינען זיך ניט דורך סטראשונקעס, נאר באווייזענדיג זיי וואס זיי ערוואַרטעט דורך זייערע אונוויי־סענדע עקשנות, באווייזענדיג לאגיש און מיט פאקטען, אז די פאדערונגען פון די ארבייטער זיינען גערעכטע. אין ניו יארק, קליוולאנד, שיקאגא האבען די ארבייטער עס געקראגען אהן אזא לאנגען און פאר־ביסענעם קאמפף.

ווי שוין געזאגט, דריי טעג צייט הא־בען די קאנפערענצען מיט די מאנופעק־טשורערס אנגעהאלטען, וואו די אייזערנע לאגיק פון שלעזינגער האט געזיעגט איבער דער איינגעשפארטקייט פון די באסעס און זיי האבען געסיינט דעם אגרימענט, וועל־כען גענ. שלעזינגער האט זיי פארגעלייגט. דעם זעלבען אגרימענט פון ניו יארק און שיקאגא.

האבענדיג געסעטעלט מיט די מאנו־פעקטשורערס האט יעצט גענ. שלעזינגער געהאט א דזשאב דאס זעלבע צו דערווי־זען די ארבייטער. די גרויסע נוצען, וועל־כע זיי וועלען ארויסקריגען פון דעם אגרי־מענט: פון דעם פרעפערענשעל שאפ, פון אן ארביטריישאן באארד, פון א „פער־ווידזש פאר א פער טאג ארבייט".

דאס זיינען אלץ ווערטער, וועלכע זוי־נען די היגע קלאוק ארבייטער ניט באקאנט און פיעלע פון זיי האבען עס ניט פאר־שטאנען. עס האט אבער ניט גענומען לאנג גענ. שלעזינגער צוזאמען מיט די־מעהר געלאסענע און פארשטענדיגערע ארבייטער קלאהר צו מאכען אלץ וואס עס איז געווען ניט פארשטענדליך און די אר־בייטער זיינען איצט פול מיט פרייד פון זייער גרויסען געווינס.

צו פייערען זייער גרויסען זיעג און צו דער עהרע פון זייער באליעבטען פרע־זידענט האט דער קלאוק מייקערס לאקאל פאראנשטאלטעט א באנקעט. דאס איז גע־ווען א מאסען־באנקעט אין פולען זינן פון ווארט. אלע זיינען זיי געקומען, אויסער יעדען מעמבער פון דער יוניאן זיינען גע־קומען פארשטעהער פון אלע אידישע ראַ־דיקאלע ארגאניזאציאנען צו באגריסען גענ. שלעזינגער און די קלאוק מייקערס אין זייער דאפעלטען זיעג. ערשטענס צו געווינען אלע זייערע פאדערונגען און צו האבען צווישען זיך זייער ווערטען פרע־זידענט.

דער אידישער סאציאליסטישער ברענטש האט איהם פרעזענטירט מיט א פראכטפאלען בעסקעט שעהנע בלומען, אויף וועלכען רויטע לענטעס זיינען גע־האנגען מיט דעם אויפשריפט: „סאלידא־ריטעט פארזיכערט דעם זיעג".

רעדעס זיינען געהאלטען געווארען פון ברודער מענקאף, א מעמבער פון דער סטרייק קאמיטע, וועלכער האט פארגע־שטעלט ברודער מעליקאף אלס דעם טאאסטמאסטער פון אבענד. ברודער מעל־ניקאף האט געהאלטען א שעהנע אינ־האלטסרייכע רעדע און האט פארגע־שטעלט גענ. טאבאק, דעם טשערמאן פון דער סטרייק רעליעף קאנפערענץ. גענ. ווייסענבערג, פון אידישען סאצ. ברענטש, גענאסע קאטלער, פון דער קאאפעראטיוו קאנסומערס ליעג, גענאסין מיטעלמאן, פון דער באיל הייטס קאנסומערס ליעג, פריינד פארבער, פון דער אר. רינג סיטי קאמיטע, פריינד גינזבורג, פון בר. 248 אר. רינג, פריינד פישער, פון בר. 443 אר. רינג, פריינד קליין, פון בר. 512 א. ר., פריינד סינגער, פון אינד. בר. ארב. רינג, און פיעלע אנדערע.

דאן האט דער טאוסטמייסטער פאר־געשטעלט דעם פרעזידענט פון לאקאל, וועלכער האט אין נאמען פון לאקאל באַ־דאנקט יעדען איינעם, וועלכער האט גע־האלפען דיזען גערעכטען קאמף צו געווי־נען. אפשטעלענדיג זיך אויף דעם גרוי־סען אויפטו פון משיח, ברודער שלעזינ־גער, וועלכער האט געבראכט די לאס אנ־דזשעלעס קלאוקמאכער די גרויסע מתנה פון זיעג, האט ער איהם אין נאמען פון אלע סטרייקער אונטער א שטורם פון אפ־לאדיסמענטען, פרעזענטירט מיט א זיל־בערנער סיגארעטען באקס אנגעפילט מיט יוניאן סיגארעטס.

די אוואציע, וועלכע מען האט געגעבען גענ. שלעזינגער איז אונמעגליך צו באַ־שרייבען, א קלאפעריי און א יובעל־געשריי האט אנגעהאלטען פאר לאנגע, לאנגע מי־נוטען. און נאכדעם ווי אלעס איז איינגע־שטילט געווארען האט שלעזינגער גע־בראכט זיין מעסעדזש ניט נור צו די קלאוק מאכער נאר צו דער גאנצער ארביי־טענדער לאס אנדזשעלעס.

ער האט אויסגעדריקט זיין אנגענעהמע איבערראשונג צו זעהן די ארבייטער־אחדות, ווי אר. רינג ברענטשעס, סאציא־ליסטען, פועלי ציוניסטען, אינד. א. ר. מעמבערס — מיט איין ווארט, אלע זיצען ביי איין טיש און אלע צייגען ארויס אן אינטערעס אין איין זאך, אין דער ארביי־טער־פראגע.

ער האט זיך אויך אפגעשטעלט אויפ׳ן „פארווערטס", וועגען די גרויסע גוטע אר־בייט וואס דער „פארווערטס" טהוט פאר די ארבייטער־מאסען פון לאנד.

ווען גענ. שלעזינגער האט געענדיגט זיין רעדע איז שוין געווען ארום האלב נאך איינס אין דער פריה. ער האט געדריקט די הענד פון אלע אנוועזענדע און אלע הא־בען זיך געפיהלט גליקליך וואס זיי האבען געהאט די געלעגענהייט צו באקענען זיך און פארברייגנען מיט שלעזינגער׳ן צוזאַ־מען.

דיזער אבענד וועט לאנג, לאנג ניט פארגעסען ווערען אין אונזערע ארבייטער־רייהען."